STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10323

GESHTALTEN UN DERTSEYLUNGEN

Dora Shulner

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָראַ שולנער

געשטאַלטן

און דערציילונגען

ארויסגעגעבן פון
י. ל. פּרץ לייען־קרייז
שיקאגא 1956

דאָראַ שולנער

"GESHTALTN" BY DORA SCHULNER

PUBLISHED BY THE

I. L. PERETZ READING CIRCLE

Chicago, Illinois, 1956

COPYRIGHT 1956 BY

D O R A   S C H U L N E R

1054 LELAND AVENUE

CHICAGO 40, ILLINOIS

INTERNATIONAL TYPESETTING CO.

204 S. Kedzie Ave.

Chicago 12, Ill.

איך ווידמע מיין בוך „געשטאַלטן"
מיט טיפער ליבע צו מיין מאַן און
קינדער.

פון זעלבן מחבר:

1) אזוי האָט עס פּאַסירט

2) מילטשין

3) אסתר

י. ל. פרץ לייען־קרייז, שיקאגא

מיר, דער י. ל. פרץ לייען־קרייז, טראָגן צו דעם בוך „געשטאַלטן" צו דאַראַן אַ מתנה. זאָל זי נאָך לאַנגע יאָרן שאַפן און אונז אַלע דערפרייען מיט איר אינספּיראַציע און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאַראַ שולנער האָט געבויט די יידישע קינדער שולן, לייען קרייזן, געווען אַקטיוו אין פיל פאָלקס אָרגאַניזאַציעס. אירע פיר ביכער דערציילן אונז פון אירע קינדער־יאָרן און אויך יוגענט. מיר דער דאַראַ שולנער בוך קאָמיטעט שאַצן אָפּ דאַראַ שולנערס אַרבעט מיט טיפער ליבע און מיר האָפן אַז אַלע אירע פאַרערער, לעזער און פריינט פילן די זעלבע געפילן.

די עקזעקוטיווע מיטגלידער:

עוועלין העטיס פאַקס,

ערן פאָרזיצער: ז. ב. קאַמייקאַ

פאָרזיצערן: דזשענע מאַטעל

פינאַנץ סעקרעטאַר: מינע פרידמאַן

בוך טשערמאַן: פעני דאָרפמאַן

פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר: עטל סיגעלניק

קאַסירערין: נעדי קובערניק

שרה קעסקיל

נחמה לימען

דזשעני ספּעקטאָר

בעלאַ האַלפּערין

בעלא שאפירא

אינהאלט

פאררוארט 9
געשטאַלטן 19
דערינערונגען וועגן נ. ב. שייקעוויטש (שמר) 24
צום הונדערטסטן געבוירנטאג פון י. ל. פּרץ 28
שלום אש און זיין דור שרייבער 30
יוסף אפּאטאשו 37
משפּחה 43
מיין שוועסטער פרומע 51
חנוכה אין דער אלטער היים 57
ערב פּסח אין דער אלטער היים 61
חוה גאלדעס 68
פּסח 72
יוגנט 78
אונדזער ציג 84
מאמע זע, דער קעניג איז נאקעט 88
צו שפּעט 93
א זומער מעשהלע 97
דער וויצן שרייבער 101
א חלום אויף דער וואר 104
פּורים אין אמעריקע 107
פּסח אין אמעריקע 109
פלארענס 111
די פּארכטיקע טעג 116
א פארשטערטער פּסח 120
מיין גאס וואס איך מוז דערמאנען און האב זי ליב 123
ער איז ניט געקומען 128
דער שטורעם און דער ווינט 133
רייזע איינדריקע 137
מעקסיקא סיטי 144
קאליפארניא און אריזאנא 148
וויניפּעג, קאַנאַדע 157
וואשינגטאן 167
דאס יידישע לעבן אין שיקאגע 170
אפאריזמען 174
נאך א ווינטער—נאך א פרילינג 177
איך וועל אייביק געדענקען דעם טאָג 178
דארא שולנער—דער מענטש און שרייבער 179

פאַרוואָרט

אַ קאַפּיטל פון מיין לעבן

עס ווערט געזאָגט אַז מיט דער עלטער קומען אַנדערע פריידן, טיפערע, דויערנדע פריידן. דאָס איז ניט אמת. די עלטער פאַרמאָגט עגאָאיזם, וואָס איז פאַרנומען בלויז מיט זיך אַליין. עס ווילט זיך ניט אונטערגעבן צו טראַכטן אַז צוליב די יאָרן איז בעסער צו זיין אין שטוב און טראַכטן פון די רעשטלעך וואָס זיינען פאַרבליבן פון דער יוגנט.

ווי לוסטיק און געזונט איך בין געווען! קיין שום ווייטקייט האָט מיך ניט געשראָקן: הויכע בערג, טיפע טאָלן, וועלדער, פעלדער, פאָרן אויף באַנען, לויפן שנעל איבערן אַספאַלט צו דערגרייכן דעם צוג. אַזוי שנעל געאַרבעט! וואו בין איך ניט אויסגעווען?

און איצט? ניין. איך וויל בלויז טראַכטן: איך וויל טראַכטן ווי די וועלט איז קליין און אַלץ קומט צוריק פאַר די אויגן, אָבער ניט די יוגנט. עס קומען פאַר די אויגן מענטשן וואָס זעען ניט זייער עלטער ווייל זיי האָבן קיינמאָל קיין יוגנט ניט געהאַט. דער הימל האָט צו זיי ניט געשמייכלט און די בוימער האָבן פאַר זיי ניט גערוישט; זיי האָבן אין זייערע קערפּערס ניט געהאַט די וויבראַציעס וואָס זיינען אין דעם פרילינג פאַראַן.

אַלט ווערן בלויז מענטשן וואָס זיינען געווען יונג. דער דאָזיקער געפיל פון יוגנט דערפרייט מיין געמיט און דאָס בלוט רוישט ווידער אין מיינע אָדערן. ווייל קהלת האָט געזאָגט: „עס גייט אַוועק אַ דור און עס קומט אַ אַ דור אָבער די וועלט בלייבט אַלץ די זעלביקע. אַלע טייכן ציען זיך צום ים און דער ים ווערט קיינמאָל ניט פול. קיין זאַך רוט ניט, אַלץ באַוועגט זיך, אַלץ אַרבעט. דאָס מויל קאָן זיך זאַט ניט אָנרעדן, און דאָס אויג — זאַט ניט אָנקוקן. די אויערן ווערן ניט פול פון הערן".

אַזוי האָט געזאָגט קהלת, וועלכער, לויט אונדזער טראַדיציע, איז געווען ניט קיין אַנדערער נאָר שלמה המלך, דער „קליגסטער פון אַלע מענטשן". און וואָס קאָן איך שוין צוגעבן?...

פון מיין יוגנט אָן האָב איך געקוקט אויף מענטשן מיט ליבשאַפט. ווי שיין און דערהויבן אַ מענטש קען זיין ווען ער אַרבעט אויף זיך און גיט ניט נאָך זיינע מאָמענטאַלע רעגונגען און ווי גרויס אַ מענטש קען ווערן ווען ער האָט ליב זיין חבר, זיינע מיטמענטשן, מיטן גאַנצן האַרצן. און וואָס לענגער איך לעב, אַלץ מער זע איך אין די שיינקייט פון דעם.

נאָך אַלץ אַכט־יאָריק מיידעלע האָב איך באַוואונדערט מיין מאַמען, וועלכע האָט באַשלאָסן און דורכגעפירט איר באַשלוס, אַוועקצוגעבן איר קינד צו פרעמדע, זיך אויסצולערנען אַ מלאכה, אַבי זי זאָל ניט פאַלן צו לאַסט אויף דער געזעלשאַפט.

איך רעד תמיד פון מיין מאַמען, ווייל זי האָט געטראָגן דעם גאַנצן יאָך פון איר אָרעם לעבן און ווי שווער די לאַסט איז געפאַלן אויף איר! דעריבער האָט זי שטענדיק געמורמלט: מלאכה! ווען אַ מענטש קאָן אַ מלאכה פאַר־מאָגט ער אַ קעניגרייך! האָט זי מיך געוואָלט פאַרזאָרגן און מיך געבראַכט צו עלי נאָז אַז איך זאָל זיך ביי אים אויסלערנען זיין אַ שניידערקע.

אָבער דאָ ערשט, ביי עלי נאָז, האָב איך געזען וואָס עס טוט זיך אָפּ אין זיין „קעניגרייך". דאָ האָבן זיך געהערט אַזעלכע קללות און זלזולים — ממש אַ גיהנום, און איך האָב גאָר ליב געהאַט אַרומצולויפן זיך שפּילן און דערציילן מעשהלעך וואָס האָבן זיך אויסגעוועבט אין מיין יונגן מוחל. מיר האָט זיך געגלוסט לאַכן און לאַכן, הגם איך האָב פון אַלעמען געכאַפּט קלעפּ... גיי דערצייל זיי ווי שיין דער הימל איז, אָדער ווי לויטער די וואַסער איז ווען איך שווים אין איר ווי אַ פיש! גיי גיב זיי איבער וואָס איך פיל אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן ווען די זון, ווי אַ רויטער קוגל, לאָזט זיך אַרונטער צום וואַסער און פאַראייניקט זיך מיט אונדזער טייך!

איך בין דעמאָלט געווען גליקלעך! נאָך אַלס קינד האָב איך אַריינגע־קוקט אין מיין האַרץ. דאָרט איז גאָרניט געווען אויסער פרייד און באַ־וואונדערונג!

ווי אַ שיקסל בין איך געלאָפן אין פעלד, זיך געקאַטשעט אויפן גראָז. איבערהויפּט האָב איך ליב געהאַט דעם פרילינג, וואָס האָט מיך ממש אויף די פליגל געטראָגן!

און איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, פיל איך צו דער נאַטור די זעלבע ליבע

זעליקייט. איך באַוואונדער גאָט'ס שיינקייט און פּראַכט וואָס פּילט אָן מיין יעדן אבער און מיט דאַנקבאַרקייט האָב איך איצט אויפגענומען דעם ערשטן פרילינג נאָך מיין שווערער קראַנקהייט.

גאָט, ווי אַזוי איך האָב אים געבעטן. איך אַליין אויף מיין קראַנקן בעט האָב געבעטן און אויסגעבעטן מיין אָרעם לעבן וואָס איז תמיד געווען אַזוי שיין און קאָלירפול! און איצט איז דער פרילינג געקומען. איך האָב אים דערלעבט און בין דאַנקבאַר מיינע פריינד וואָס גיבן מיר צו מוט אַרויס־צוגעבן מיין פערטן בוך „געשטאַלטן".

עס איז נאַריש צו פרעגן דעם שרייבער ווי לאַנג ער שאַפט. דער וואָס האָט גאָט'ס געשאַנק זעט, און דעם וואָס פעלט די זעאונג, זעט ניט. מען קען עס קיינעם ניט אויסלערנען! ווייל טאַלאַנט איז ווי די זון. די שטראַלן שלאָגן זיך דורך דורך אַ שפּאַרונע.

איך האָב געלעבט אין מיין אייגענער וועלט און האָב זי מיר אויס־געמאָלט לויט מיין אייגענעם ווילן. מיר האָט זיך געוואָלט דאָס סאַמע שענסטע, אָבער ניט קיין שיינע קליידער אָדער ברילאַנטן. ביין! מיין פאַר־לאַנג איז געווען אַ שיינער מענטש, סיי מאַן אָדער פרוי. איך האָב געוואָלט אַז זיין נשמה זאָל לייכטן ווי דער מאָרגן־שטערן. און אַזוינע מענטשן האָב איך געפונען. זיי האָבן מיך באַגייסטערט; זיי זיינען געווען מיינע בלומען אויף מיין איינזאַמן וועג.

איך האָב זייער פיל צו דערציילן. ווייל פונקט ווי איך האָב געזען הימל מענטשן, אַזוי פיל מער האָב איך באַגעגנט שלעכטע, געפיללאָזע, געלט־גייציקע, כבוד־זוכנדיקע, ליגנערישע מענטשן, ניט פאַרגינערישע, וואָס לעבן תמיד ווי ווערים אונטער שטיינער און קענען די ליכט ניט אָנ־זען. זייערע געלדער גיבן זיי נאָר דעמאָלט ווען זייערע נעמען זיינען אויסגעקלאַפּט אויף בראָנז, און אויך מוז מען זייערע נעמען תמיד דער־מאָנען. זיי זעען ניט קיין שיינקייט אין מענטשן וואָס גאָט גיט אים דעם געשאַנק צו וועלן זען שיינקייט.

מיט 13 יאָר צוריק איז דערשינען מיין ערשטער בוך: „אַזוי האָט עס פּאַסירט". שטילערהייט האָב איך געוויינט: פאַרוואָס וויל איך שרייבן? אָבער מיין עלטסטע טאָכטער, חנהלע, האָט מיך געטרייסט און באַרואיקט: „מאַמע," האָט זי געזאָגט, „שרייב! דו פאַראייביקסט ניט נאָר דיין לעבן! יעדערער וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, וואָלט עס געדאַרפט באַ־

שרייבן. אָבער זיי זיינען פאַרנומען. און אפשר האָבן זיי ניט דיין טאַלאַנט, שרייבסטו פאַר זיי. דו וועסט זען, מאַמע, איבערנאַכט וועסטו אָנערקענט ווערן פאַר דיין אַרבעט!"

איך פלעג אָנקוקן מיין שיינע טאָכטער און האָב זי געפאָלגט און געשריבן.

און איצט וויל איך אויסדריקן אַ דאַנק צו מיין קינד און צו די שרייבער וואָס האָבן מיך דערמוטיקט. צום ערשטן מיין קאָלעגע און חבר נ. קראַוועץ. ער איז געווען דער ערשטער שרייבער וואָס האָט מיך דערמוטיקט, און אַלס רעדאַקטאָר פון דעם שיקאַגער "יידישן קוריער" אָנגעפאַנגען דרוקן מיינע קורצע דערציילונגען און לידער. ז. טיגעל, ע"ה, דער באַקאַנטער יידיש־ענגלישער שרייבער, האָט מיין אַרבעט ליב געהאַט און איך עהר זיין נאָמען מיט טיפער אַכטונג. קאָלעגע א. שקאָלניק, דער באַגאַבטער אַפאָריזם שרייבער, איז געווען איבער גליקלעך ווען ער האָט געלייענט מיין בוך "אַזוי האָט עס פּאַסירט". זיין מיינונג איז געווען אַז עס איז אַ ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור. ראָזע ניוואַדאָווסקי האָט מיך שטאַרק דערמוטיקט איך זאָל אַרויסגעבן מיין בוך. אירע ווערטער: "קינסטלעריש ביז גאָר; איך באַוואונדער אייער טאַלאַנט!"

איך נעם אָריין די גאַנצע קריטיק פון אַלע שרייבער אין דעם איצטיקן בוך, ווי אויך די דיפּלאָמע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַן אויסצייכענונג פאַר מיין אַרבעט.

אין מיין ערשטן בוך "אַזוי האָט עס פּאַסירט" באַשרייב איך יענע טעג פון פּאָגראָמען און אומקום. חוץ דעם טויט איז געווען פאַרגוואַלטיקונג. פאַר אונדזערע אויגן זיינען דורכגעפירט געוואָרן די גרויזאַמסטע רציחות. איך פלעג פאַרמאַכן מיינע אויגן: געמיינט אַז דער טויט איז שוין נאָענט, דער סוף קומט. אָבער גאָט האָט מיך געלאָזט לעבן, מיך געבראַכט קיין אַמעריקע צו מיין מאַן. איך האָב געבראַכט מיינע טייערע קינדערלעך ווי פלאַטערנדיקע טויבן און זיי דאָ, אויפן אַמעריקאַנער באָדן אויפגעבראַכט; שיינע ליכטיקע מענטשן, וואָס אויך זיי נעמען אַ גרויסן אָנטייל אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט, ווי אויך מיין מאַן וואָס האָט מיך אינספּירירט מיט זיין פאַרשטענדעניש און מיט זיין מיך לאָזן גיין מיין וועג. איך בין געווען שטאַרק גענוג צו קאָנען ברעכן די וואַנט פון גרינגשעצונג און פאָראורטייל און גיין מיין אָנגעצייכנטן וועג צו מיין ציל פון שרייבן און דערציילן.

איך זאָג אין מיינע ערשטע שורות, אַז קיין נייעס וועט צו מיר מער נים געבראַכט. שרייבענדיק פיל איך אַז איך בין ניט ריכטיק. עס איז ניי יעדע שורה וואָס די פען מיינע צייכנט אויף פּאַפּיר.

אָט האָב איך זיך דערמאָנט, שרייבנדיק, אַז איך האָב איינאיינעם מיט דער דראַמאַטישער געזעלשאַפט, געשפּילט טעאַטער. אַ וואונדערלעכע עפּאָכע אין מיין לעבן: סאַל באַדין מאָריס מייסאַן, בן ציון גאָרדאָן, משה מאַנדלבוים, סאַראַ ריסמאַן און פּילע, פילע אַנדערע וועלכע האָבן געשריבן געשיכטע אין מיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. שרה פּאַט, לובא אייזענבערג און מאיר אייזענבערג. עס וואָלט פאַרנומען זייער פיל אויסצורעכענען דעם גאַנצן סטעף שוישפּילער. שלמה רובינשטיין, מאַטל מייזל, טילע לעסין, שרה טייטעלבוים, — שוישפּלער מיט גרויס טאַלאַנט, — האָבן אוועק־געגעבן זייערע יאָרן פאַר דעם בעסערן יידישן טעאַטער.

קיין שיקאַגאָ האָבן מיר געבראַכט די בעסטע רעזשיסאָרן, — א. מאַ־רעווסקי, פון דעם וואַרשעווער בעסערן טעאַטער. יוסף בולאָף און לובא קאַדיסאָן, די הויפּט שוישפּילער אין דער דראַמאַטישער געזעלשאַפט מיט מאָריס מייסאָן בראש, מאַרק אַרענשטיין פון פּוילן, אַסיפּ דימאָוו, פּרץ הירשביין, מאָריס שוואַרץ, יעקב בן־עמי און י. מעסטעל, האָבן דורכגע־פירט וואונדערבאַרע ספּעקטאַקלען. מען האָט אונדז אויפגעפּאַדערט אין אַנדערע שטעט שפּילן און טאַקע געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג.

וואָס מער מיין פען לויפט איבערן פּאַפּיר, אַלץ מער געשטאַלטן לויפן פאַר מיינע אויגן און ברענגען שיינע מאָמענטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז געווען אַ פריידיקע צייט, ווייל דעמאָלט בין איך נאָך געווען יונג און געזונט. דעריבער איז גוט צו שרייבן, — פון מיינע ערשטע יאָרן אין אַמעריקע. דערציילן געשיכטע פון יידישע קינדער שולן. איך האָב געבראַכט דאָס יידישע קינד אין שול און בין געווען שטאָלץ מיט מיין אַרבעט צו בויען יידישע קינדער שולן. די לערער פון די קינדער שולן האָבן מיך אויך געלערנט. עס איז געווען אַ שפע פון פרייד וואָס קומט פון פּראָ־דוקטיווער אַרבעט.

איך געדענק דעם קלאַס וואו איך האָב געלערנט קאָמפּאָזיציע. קאַרעל וואסערמאַן, א. קאַפּלאַן, פּראָמינענטער לערער פון ניו־יאָרק האָט אָנ־געפירט מיט דעם דאָזיקן קלאַס. פּונקט ווי מיר האָבן געלערנט מיט די

קינדער אַזוי האָבן מיר אויך געלערנט מיט די שול טוער, און די בלום נעם איך אַריין אין דעם בוקעט בלומען פון מיין לעבן.

אין מיין איצטיקן פאָרוואָרט וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק פון טיפן האַרצן צו מיינע פריינד פון בוך קאָמיטעט און פון דעם י. ל. פרץ לייען קרייז וואָס האָבן דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן מיין בוך, פונקט ווי איך דאַנק מיינע קאָלעגן שרייבער פאַר זייערע פיינע קריטיקן אַזוי דאַנק איך מיינע חברים און חברות פאַר זייער צושטייער אין אַלע הינזיכטן.

איך האָב געלעבט אַ קאָלירפול לעבן. איך דאַרף זיך דערמיט באַרימען. אָבער מען טאָר זיך מיט גאָרניט אויסשטעלן און מיט קיין זאַך ניט באַרימען. אַלץ לאָזט מען איבער: בלויז מעשים טובים נעמט מען מיט. דעריבער דערציי̇ל איך וויניק פון מיין פרייד, איך מיין פריידן פון מיין מאַן און קינדער און אייניקלעך, וואָס איך בין זוכה געווען צו דערלעבן.

זאָל אייער הילף צום יידישן וואָרט ווערן דער ביישפיל פאַר דעם יידישן פאָלק, ווייל נאָר דער לעזער דערהויבט דעם שרייבער און דערמוטיקט אים צו שאַפן.

צו מיין בעסטער פריינדין, אַ באַזונדערן דאַנק און אויסדרוק — איידא ליבערסאָן, פאַר איר חברישער, האַרציקער הילף. איר אַרבעט וועט צו מיר תמיד זיין ווי אַ ליכטיקע שטראַל אין מיין לעבן. פריינד ז. ב. קאַמייקאַ האָט מיך תמיד דערמוטיקט און אויך אַלס שרייבער דערפרייט מיט אַ גוט וואָרט.

עס ווילט זיך מיר ממש איך אַלעמען אַרומנעמען און צודריקן צום האַרצן, טו איך עס אַצינד אין מיין פאָרוואָרט.

און כדי ניט צו פאַרוועטערן מיינע געפילן וואָס שטראָמען אַרויס פון מיין האַרצן וויל איך שליסן דערמיט אַז אייער מי זאָל ברענגען צו אונדז אַלעמען פיל שיינקייט און זאָל מיין אַרבעט ווערן געקרוינט מיט דערפאָלג.

מיט טיפער ליבע און דאַנק,

אייער,

ד אָ ר אַ ש ו ל נ ע ר

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט / ייִוואָ
531-535 וועסט 123סטע גאַס, ניו-יאָרק

אויסצייכענונג

דאָרע שולנער פֿון שיקאַגאָ, איל.

האָט אַנטיילגענומען אין דעם קאָנקורס פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט: „פֿאַר וואָס בין איך אַוועק פֿון דער אַלטער היים און וואָס האָב איך דערגרייכט אין אַמעריקע" און צוגעשיקט אַ באַשרײַבונג אויף דער דאָזיקער טעמע. די זשורי פֿון קאָנקורס האָט באַשלאָסן אויסצוצייכענען די באַשרײַבונג ווי אַ דאָקומענט וואָס ברענגט וויכטיקן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין דער נײַסטער צײַט.
די באַשרײַבונג איז אַרײַן אויף שטענדיק אין דעם פֿאָנד וויסנשאַפֿטלעכע מאַטעריאַלן פֿון ייִוואָ און וועט אויסגענוצט ווערן דורך היסטאָריקערס און סאָציאַל-פּסיכאָלאָגן פֿאַר פֿאָרשאַרבעטן און פּובליקאַציעס.

דער ייִוואָ דריקט אויס דעם מחבר פֿון דער באַשרײַבונג דאַנק און אָנערקענונג פֿאַר זײַן צושטײַער צו דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

ניו-יאָרק, סעפּטעמבער [illegible]

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט

פּרעזידענט — עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר — סעקרעטאַר פֿון קאָנקורס — וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר

געשטאלטן

געשטאַלטן

צו אַכט יאָר האָב איך אָנגעהויבן לייענען שמ״ר׳ן, און אין זיינע לאַ־בירינטן בין איך קיינמאָל ניט געווען, פלעג איך וויינען אויף די צרות פון אַנדערע, איך האָב זיך אויסגעמאָלט שמ״ר׳ס העלדן. די אייזערנע פרוי איז ביי אונדז געווען חנה־פייגע וואָס האָט געהאַט אַן אייזערנעם ווילן אויסצופירן וואָס זי האָט געוואָלט. דריי יאָר בין איך אַלט געווען ווען חנה־פייגע האָט אויסגעפירט ביי מיין מאַמען צו נעמען מיין ברודער פאַר אַן איידעם. ווען איך בין צום שכל געקומען, איז שוין מיין ברודער געווען אַן אַדוואָקאַט, זיין ווייב איז געווען חנה־פייגע׳ס טאָכטער און זי, חנה־פייגע, האָט זיך דאָרט געדרייט אויפן קאָרעק — האָב איך געזען אין איר שמ״ר׳ס אייזערנע פרוי.

צו צען יאָר האָב איך געלייענט י. דינעזאָנ׳ס „עוועך נעגעף״, דעם „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק״ און „יאָסעלע״. געוויינט מיט ביטערע טרערן אויפן גורל פון עלענדן, און, ווי אומעטום, האָט דער שטאַרקער די אויבער־האַנט, און שטאַרקייט, האָב איך באַמערקט, האָבן די וועלכע נעמען צו ביי אַנדערע און זאַמלען אַן אוצרות פון פרעמדער פּראַצע. אַזוי אַרום איז מיר ניט געווען שווער אַריינצוקומען אין יונגען „בונד״ און זיך לערנען צו פאַרשטיין דאָס לעבן פון דעם אַרבעטער קלאַס. אַזוי איז דעמאָלט גע־שריבן געוואָרן וועגן אַרבעטער־קלאַס: „ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל, בלייבן אַלע רעדער שטיל״.

ניין, קיין רעדער האָבן זיך ביי אונדז אין ראַדאָמישלע ניט געדרייט. פאַר דער וועלט מלחמה האָבן די אַרענשטיינס אויפגעבויט אַ געוואַנטן פאַבריק. די אָרעמע מיידלעך פון שטאָט קומען אַהין אין דער פאַבריק קלייבן די שמאַטעס. איך בין געווען צווישן די שמאַטע־קלייבערינס און נאָכהער ווער איך אַ שפּאַלאַרקע. די אַרבעטער ברייננט מען אַראָפּ פון לאָדזש, ביאַליסטאָק און דעמאָלט ערשט דערזע איך דעם אַרבעטער קלאַס וואָס מאַטערט זיך, ביז דער מלחמה פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט.

נאָכדעם קומט די רעוואָלוציע און מאַכט אַ חורבן אין דעם יידישן שטייגער לעבן: עס ווערט אָפּגעווישט די אַלטע וועלט און קיין נייע יידישע וועלט האָב איך שוין פאַר מיין צייט ניט געזען.

דוד בערגעלסאָן פאַרט אָדער אַנטלויפט קיין אויסלאַנד און די אַנדערע יידישע שרייבער שרייבן שוין געוויינטלעך נאָך דער צייט נאָך, און איבער־הויפּט איז פון יענע יאָרן גיטאָ צופּיל צו רעדן, סיידן דערציילן פון די פּאָגראָמען, פון אומקום, גרויזאַמקייטן. דאָס אַלץ האָב איך געשריבן אין מיין בוך „אַזוי האָט עס פּאַסירט".

עס איז דאָ די פירנדיקע ליכט וואָס ברענגט דעם מענטשן אויפן גלייכן וועג.

פון מיינע שוועסטער און ברידער בין איך געבליבן די איינציקע וואָס וועל פאַרצייכענען מיינע זעאונגען און די ליבשאַפט צו דער יידישער קול־טור וואָס וועט אייביק לעבן. איך וויל צייכענען אַ לעבן פון די וועלכע האָבן זיך געליכטיקט און מיך געפירט אויף מיין שעפערישן וועג אַלס שרייבערין.

אין מיין איצטיקן בוך „געשטאַלטן" בין איך אויסן צו דערציילן פון מיין טיפער ליבע וואָס איך האָב פאַרן יידישן שרייבער און פאַר די שריי־בער פון דער וועלטלעכער ליטעראַטור.

איך האָב געלייענט פון אַלע וועלטלעכע גרויסע קלאַסיקער, די פראַנ־צויזישע, די דייטשישע, רוסישע, פוילישע און נאָרוועגישע. געוויינטלעך זיינען יענע עלטער און ברייטער. אונדזערע קלאַסיקער זיינען געווען אונ־טער זייער איינפלוס, דעריבער האָט שמ"ר אַזוי געשריבן און דער יידישער דראַמאַטורג יעקב גאָרדאָן. נאָך שמ"ר'ן און י. דענענזאָנען קומען גרויסע שרייבער. ביי מיר האָט געהייסן אַ גרויסער שרייבער, דער וואָס האָט מיך גענומען ביי דער האַנט און מיך געפירט ווייזן דעם קליינעם מענטשעלע, די קליאַטשע, דאָס ווינטש־פינגערל, פישקע דער קרומער און פיל, פיל אַנדערע ביכער וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אָנגעשריבן, און איך האָב עס מיט מיינע אויגן געזען. גרויס איז געווען דער קינסטלער דערמיט וואָס ער האָט ניט איבערגעטריבן. מענדעלע האָט געשאַפן פאַרן פאָלק דעם בריק צו לייענען יידיש, און פאַרן יידישן שרייבער, ווי צו שרייבן יידיש. מענ־דעלע האָט אויסגעקערט אַלע ווינקעלעך: צונויפגעקערט דאָס מיסט אין מיטן שטוב און איצט זייט אַזוי גוט און זעט די אומריינקייט!

איך האָב געגאַפט פון דעם קינסטלערס צוגאַנג צו אונדזער יידישער לאַגע אין יענער צייט. דאָס קליינע מענטשעלע איז אין יעדער שטאָט געווען אַ תושב, ווי אויך איז מען ביי אונדז צום פריזיוו געשטאַנען. און

יונה באכער מיט דער מומע האָב איך אַפילו געזען ביי אונדז אין שטאָט. זיי האָבן געלעבט און די שיינע יידן אונדזערע האָבן צו דעם גאָרניט געטאָן. ביי אונדז האָט מען אים גערופן יאשע קאַפּמאַן. אויף זיין נאָמען די גאַנצע גאַס וואו אָרעמע יידן האָבן דאָרטן אויף דער גאַס געמוזט וואוינען.

לייענען די ליטעראַטור איז געווען און איז הייַנט־צו־טאָג מיין לעבן. איך האָב ליב אַלץ צו לייענען: זען ווי דער שרייבער פאָרעמט אויס זיינע העלדן און איך דערפיל׳ דעם אמת.

שלום עליכמען האָב איך ליב געהאַט מיט זיין גאַנצן הויז־געזינד. ערשט ווען איך קום קיין אַמעריקע באַקען איך זיך מיט זיין טאָכטער, לאָלי קאַפּמאַן, אָבער איך האָב עס ניט געדאַרפט.

שלום עליכמען האָב איך געקענט ניט דורך זען אים אָדער זיין פאַמיליע. דער קינסטלער האָט פאַרמאָגט אַזויפיל הומאָר, אַז ער איז אַריבערגעשטיגן מאַרק טווין. שלום עליכם איז געווען אַ טייל פון זיין פאָלק און די הויפּט זאַך אַ צדיק הדור. ווען ער באַקלאָגט זיין טייערן זון, מוזן מיר מיט אים מיטקלאָגן. ער רעדט ניט, ער וויינט. מיר זעען אים וויינען, אונדזער באַליבטן שרייבער, וואָס האָט אַ וועלט געמאַכט צום לאַכן. מער קען ער ניט אויסהאַלטן זיין צער, און וויינט... און ווען איך האָב געלייענט מיינע שרייבער, האָב איך זיי געזען ווי זיי באַשאַפן זייערע מאָדעלן. „דאָס ווינטש פינגערל„ ביי מענדעלען. „מנחם מענדל” ביי שלום עליכם.

שלום עליכם איז געווען דער סקולפּטאָר. ער האָט שוין געהאַט אַ יידן און צו אים געשריבן, איך וויל זיין אייער אייניקל. אָבער י. ל. פּרץ? — ער איז געווען דער גיגאַנט, דער פּאַטריאַרך. זיינע העלדן זיינען געווען הימל העלדן; זיין „גאָלדענע קייט” האָט ער מיט צוואַנגען געהאַלטן, זי געוואָלט אַ גאַנצע. י. ל. פּרץ איז געווען דער קינסטלער פון דעם נייעם דור שרייבער און אויך איז ער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור דער לערער פון אַלע דורות, וואָס זיינען געווען און וועלן קומען. די וועלט מוז אונטערגיין און אַ נייע וועלט מוז ווערן באַשאַפן. פּרץ האָט געזען זייער ווייט, און איצט איז ער אונדז אַזוי נאָענט.

י. ל. פּרץ האָט אָנגעשריבן „אַמאָל איז געווען אַ מלך” און שלום עליכם „דאָס גרויסע געווינס”. מען זעט אַז קיין נייעס איז ניטאָ אונטער דער זון, אָבער מיר קענען זען ווי דער שעפערישער מענטש פאָרעמט אויס

זיינע קונסטווערק אַלץ בעסער און בעסער, ביז מיר האָבן איצט די אַטאָם קראַפט.

אַט אַזוי גיי איך מיט מיין פען איבערן פּאַפּיר, מיינע שרייבער און פּאַראַויס קומען מיר אַנטקעגן דוד פרישמאַן, דער גרויסער שרייבער און קריטיקער. ער האָט באַשאַפן דעם געשמאַק, צי מען האָט אים אין יענער צייט געגלויבט איז אַ פראַגע — אָבער, ווען מיר לייענען ביידע שרייבער, י. ל. פּרץ און דוד פרישמאַן, זעען מיר ווי זיי גייען גאָר האַנט־אין־האַנט, און דאָס איז טאַקע געווען די מחיצה צווישן זיי, ווייל ביידע האָבן געזען ווייט און זיינען אין זייערע אויסדרוקן געווען ענלעך אויף די צוויי תנאים, הלל און שמאַי. אויך איצט זיינען מיר תלמידים פון די גרויסע צוויי שרייבער וואָס האָבן שיינקייט און לעבן.

דוד פרישמאַן, אין זיינע דערציילונגען און אויך אין זיין קריטיק איז אָריגינעל און אין די צוויי ביכער קונסט און ליטעראַטור, סיי פון י. ל. פּרץ און סיי פון דוד פרישמאַן, ווערן באַהאַנדלט די זעלבע טעמעס.

פּרץ האָט דוד פרישמאַנען זייער הויך געשעצט און געגאַרט נאָך זיין פריינדשאַפט, אָבער דוד פרישמאַן האָט איגנאָרירט פּרצן.

ערשט נאָך פּרצעס טויט שרייבט דוד פרישמאַן אַז פּרץ איז געווען אַ זשעני, און באַדויערט טיף דעם פריצייטיקן טויט פון דעם קינסטלער.

שלום אַש קען איך ניט אָפּטיילן פון י. מ. ווייסענבערג. ביידע האָבן געהאַט דאָס גליק צו זיין די געליבטע תלמידים פון פּרצן. צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען ה. ד. נאָמבערג, ז. ב. אנכי און פילע אַנדערע.

זיצענדיק אין דעם קליינעם שטעטל האָב איך געלייענט מיינע באַליבטע שרייבער וואָס האָבן פאַר מיר אויסגעזען ווי די וועגווייזער פון דער געטלעכקייט: ז. שניאור מיט זיין פּאָעמע „איך האָב אַ האַרץ געזוכט און האָב אַ שטיין געפונען" און נאָכהער זיינע ווערק וואָס האָבן געכישופט מיט זייער שפּראַך געשיכטלעך; יונה ראָזענפעלד האָט אין אונדזער יידי־שער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט אַ נייעם וועג פון שרייבן און שילדערן די קריינקלעכע נייגונגען פון דעם מענטשן. מיר האָבן אים גערופן דער יידישער דאָסטאָיעווסקי.

ח. נ. ביאַליק דערשיינט פאַר אונדז ווי דער איצטיקער נביא. מיר ווערן פאַרגאַפט פון זיין סטיל און ריטם. עס ווילט זיך מיר דערמאָנען פּרץ הירשביין, רחל פייגענבערג, שריפטשטעלער וועלכע האָבן אויף מיר

איבערגעלאָזט אַ טיפֿן רושם מיט זייער פֿאָלקסטימלעכקייט און אמתער שיינקייט פֿון קינסטלערישע לייטונג.

שוין זייענדיק דאָ אין אַמעריקע באַקען איך זיך מיט די ווערק פֿון ד"ר מ. וויינרייך, וועלכער שיינט אַרויס בליציק מיט זיין יידישער שפּראַך און שאַפֿט אַ יידיש לשון אָן גרייזן. נ. מייזל, וואָס שילדערט אַזוי פּראַכט־פֿול י. ל. פּרץ און זיין דור שרייבער. י. באַשעוועס, זיין גרויסן טאַלאַנט. יאָ, ער איז אין זיין שאַפֿן אָטעם־פֿאַרכאַפּענד און גרויסאַרטיק, אַן אמתער ברילִיאַנט.

פֿאַרוואָס מאָל איך איצט מיינע שרייבער וועלכע איך האָב אַזוי ליב? דער ענטפֿער איז, איך וויל זיך אין זיי אָפּשפּיגלען: די שרייבער וועלכע לעבן זאָל זען אַז שרייבן איז אַ גרויסע זאַך, און אַז דער לעזער שאַצט אָפּ דעם שרייבער. דאָס איז דער שכר פֿאַר דעם קינסטלער וואָס לעבט אָפּ־געזונדערט פֿון דער וועלט און זעט מיט ליכטיקע אויגן דורך און דורך סיי די פֿאַרגאַנגענהייט ווי אויך די צוקונפֿט. פֿאַר אַ קינסטלער איז די קעגנ־וואַרט ווי אַ קאָרידאָר איבערצוגיין אין אַ שענערער וועלט, אַ וועלט וואָס וועט זיכער ברענגען פֿריידן און שיינקייט צום קומענדיקן מאָרגן.

דערינערונגען וועגן נ. מ. שייקעוויטש (שמר)

צו ראָז שמר באַטשילעס

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דערשינען דאָס בוך „אונדזער פאָ־טער שמ״ר“, געשריבן פון אַלע דריי טעכטער — מרים צונזער שמ״ר, אננא ראָטענבערג און ראָז באַטשילעס שמר, רעדאַגירט פון ראָז שמר.

ווי אַ לעזערין פון נ. מ. שייקעוויטש (שמר) און אויך אַ גוטער פריינט פון דער פאַמיליע, וויל איך צוטראָגן מיין צושטייער אי צו זיין געבורטס־טאָג פון הונדערט יאָר און אויך צו דעם שיינעם בוך מיט וועלכן די קינדער מעגן שטאָלצירן, ווייל נ. מ. שייקעוויטש איז געווען אַ פאָלקס שרייבער און איך בין שטאָלץ וואָס איך בין אַ פריינד פון זיינע קינדער.

דער אומפאַרגעסלעכער ראָמאַניסט און שריפטשטעלער נ. מ. שיי־קעוויטש (שמר) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1846 אין ניעסוויזש, אַ קליין שטעטעלע אין מינסקער גובערניע. מיין טאַטע מאָטל פעלדמאַן איז געווען אינגער פון שמרן מיט 10 יאָר. אין יענע יאָרן ווען השכלה איז געווען פאַרבאָטן, האָבן עלטערן אָפּגעהיט קינדער פון אַלע וועלטלעכע אנ־שויאונגען און ממילא איז מיין טאַטע אויך געווען פון זיינע עלטערן זייער שטאַרק אָפּגעהיט ביז זיין חתונה. נאָך דעם, ווען מיין טאַטע ווערט זעלבסט־שטענדיק, שטעלט ער איין זיין לעבן אין ראַדאָמישלע, אַ קליין שטעטעלע אין קיעווער גובערניע, ווערט אַ מלמד און שטילערהייט לייענט ער די ווערק פון אַלע גרויסע העברייאישע שרייבער. זיין מלמד׳יס האָט אים זייער ווייניק אַריינגעבראַכט, מיין מאַמע דאַרף שווער האָרעווען. איז אים איינגעפאַלן עפענען אַ ביבליאָטעק און אַרויסגעבן ביכער אויף פּריקאָט. דער מאַמען רעדט ער איין אַז עס איז אַ גרויסע פּרנסה. דער אמת איז אָבער געווען, אַז קיין פּרנסה איז ניט געווען. דאָס הייסט, דער טאַטע האָט מיט די קינדער שוין ניט געלערנט, די בעל הבתים האָבן די קינדער

אָפּגענומען פון אים און זיי געגעבן צו אַן אַנדער מלמד און מיין טאַטע איז געוואָרן פאַרטיפט אין זיין געשעפט. שיינע שטאָט יידן האָבן זיך גאָר פון זיינע געשעפטן אויסגעלאַכט. אָבער פאַר די יונגעלייט וואָס פלעגן קומען צו אונדז און זיצן גאַנצע טעג זיך פלפולען, איז געווען אַ גליק און ביי אונדז אין שטוב אַ גיהנום. טאָג איין, טאָג אויס, די זעלבע חתונה. די מאַמע שרייט און שילט און דער טאַטע טוט זיך דאָס זייניקע. ער פאַר־זיכערט דער מאַמען אַז ווען זי זאָל קענען לייענען וואָלט דאָס גליק געווען פאַר איר גרויס.

איין מאָל קומט מיין טאַטע גאָר בגלופן. ער ברענגט אַ בוך און זאָגט צו דער מאַמען, רבקה, האָסט צייט? די מאַמע גיט אויף אים אַ קוק צאָרענ־דיק און פרעגט אים ווען ער האָט ניט קיין צייט. אָבער מיין טאַטע איז געווען זייער אַ גוטמוטיקער. ווען די מאַמע האָט געצאָרנט איז ער געזעסן ביים טיש און געווען פאַרטיפט אין אַ בוך אַזוי ווי ניט אים מיינט זי. דאָס מאָל אָבער, הער איך אַז ער בעט זי רחמים, רבקה, דאָס בוך איז ווי פאַר דיר געשריבן, פאָלג מיך, הער זיך צו. די מאַמע הייסט אים וואַרטן. אַליין ווערט זי רירעוודיק און ענדלעך זעצט זי זיך אַוועק ביים טיש און גיט אַ באַפעל אַז דער טאַטע זאָל לייענען.

איך בין נאָך דאַמאָלט געווען אַ קליין מיידעלע, אָבער צוזעענדיק ווי מיין טאַטע זוכט תמיד מיין מאַמע׳ס ליבע, פלעגט עס מיך רירן ביז טרערן. אַ גרויסער שיינער ייד, מיט אַ לאַנגער, געלער באָרד, אַ פאַרשוין, און מיין מאַמע, אַ פּיצעלע, אַ רירעוודיקע, האָט אויף אים תמיד געקוקט מיט בטל. איצט אַפילו זיצט זי אָנגעשטריינגט און קוקט אויף אים מיט אַ חוזק שמייכעלע.

איך זיץ אין בעט, קוק אויף מיין טאַטע־מאַמע, האָב זייביידן ליב און זיי האָבן זיך ניט ליב? אַזוי טראַכט דעמאָלט מיין קינדערישער מח.

מיטאַמאָל זע איך אַז מיין מאַמע וויינט, זי וויינט ביטער. פאַרוואָס וויינט מיין מאַמע אַצינד? דער טאַטע זיצט רואיק. ער לייענט שוין מער ניט. מיין מאַמע ווישט די אויגן מיטן פאַרטעך, פרעגט מיין טאַטען צי ער וויל טיי. יאָ, ער וויל טיי. זי שטעלט דעם סאַמאָוואַר, פאַרשפרייט דעם טיש מיט אַ ווייסן טישטעך, שטעלט אַוועק גלעזער, זיי פינקלען ממש, מיין מאַמע איז געווען אַ גרויסע ווירטין. איר פנים שיינט ווי די שכינה וואָלט גערוט ביי אונדז אין שטוב. ווען זיי זיצן שוין ביידע ביים טיש,

פרעגט די מאַמע דעם טאַטן: — מאָטל, דו ווייסט אַז איך קאָן שוין זיך ניט דערוואַרטן אויף מאָרגן צו וויסן דעם סוף? אפשר וואָלסטו נאָך אַביסל געלייענט? דער טאַטע לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן און עפנט ווידער דאָס בוך און לייענט. איך ווער וואַכעדיק און הער זיך צו צום לייענען. ווידער זע איך ווי די מאַמע וויינט.

שפּעטער, ווען מיר ליגן שוין אין די בעטן, הער איך מיין מאַמע׳ס שטימע. זי פרעגט דעם טאַטן צי ער שלאָפט. ביין, רבקה, איך שלאָף ניט. און די מאַמע זאָגט: „זעסטו מאָטל ווי דער ערלעכער, נעבעך, קומט אָפּ! איך שריי אויף דיר, פאַרוואָס מיינסטו שריי איך? מיר איז שלעכט, שריי איך. גיב נאָר אַ קוק אויף די פּיאַווקעס וואָס צאַפּן אונדזער בלוט! איך קען ממש זיך ניט דערוואַרטן אויפן סוף צו הערן וואָס עס איז געוואָרן מיט דער אומגליקלעכער פאַמיליע. אַזאַ גרינעלע דאַרף אַזוי זיין אָפּגעהיט און רחלע, אַזאַ בריליאַנט מוז ויין ביי יענעם. היינט, נעבעך, וואו איז דאָס אינגעלע זייערס?

דאָס בוך איז געווען „דער קאַטאָרזשניק״, אַזוי ווי אַ פרומער ייד לייגט אַריין צו יענעם פאַלש געלט, און דאָס פאַלשע געלט האָט ער, דער פרומער ייד, געמאַכט אַליין, און דעם ערלעכן מאַן פאַרשיקט מען אויף קאַטאָרגע. זייער יינגעלע ווערט פאַרפאַלן. די אומגליקלעכע מאַמע מיטן מיידעלע שטעלן זיך אָן צו דינען ביי די שלעכטע מענטשן. זיי האָבן מער ניט ווי אַ טאָכטער וואָס איז ניט קיין דערבאַקענע. עס גייען אַוועק יאָרן. אַ גאַנצע מעשה... די טאָכטער הייסט גרינעלע, אַ שטיק פלייש מיט אויגן, ווייסט ניט ווער עס האָט זי געשלייערט און די מאַמע מיט איר קינד ווערן גוט פאַרשוואַרצט.

מיין מאַמע ווערט אַזוי פאַרכאַפּט, אַז זי קען שוין אויך גאָרניט טאָן. זי וואַרט אויף דעם אָוונט און אַז דער אוונט קומט, באַזעצן זיך מיינע טאַטע־מאַמע ביים טיש, — איך אין בעט און דער טאַטע לייענט. איך וויין אויך ווען רחלע שטייט ביים טיר פון די רייכע מענטשן און באַוואונדערט דעם שיינעם חתן וואָס אגב איז ער רחל׳ס ברודער און רחלע טענה׳ט זיך אויס מיט איר מאַמע, זי פרעגט, מאַמע, פאַרוואָס קומט עס זיי? אַז מיין טאַטע זאָל זיין פאַרשיקט אין קאַטאָרגע, מיין ברודערל ווייסן מיר ניט וואו ער איז, און קוק זיי אָן, אַזעלכע שלעכטע מענטשן, ווי גוט זיי איז.

דעמאָלט האָט מיין יונג האַרץ זיך ניט געקאָנט מער באַהערשן, איך

האָב זיך אויפֿן קול צעוויינט. מיין מאַמע האָט מיך איינגעשטילט און אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן לייענען שמר׳ן.

דער טאַטע איז ביי דער מאַמען געוואָרן זייער חשוב, מחמת עס האָט אין איר לעבן אַריינגעטראָגן קלאָרקייט און שיינקייט. זי האָט אָנגעהויבן מיין טאַטען אָפּשעצן בעסער, ווייל איצט האָט דאָס לעבן באַקומען אַ זינען. זי פֿלעגט אים שוין בעטן: מאַטל, אפשר קאָנסטו עפּעס פֿאַרלייענען אַ קאַפּיטעל פֿון דער אייזערנער פֿרוי? מיין טאַטע שמייכלט און לייענט פֿאַר וואָס זי וויל.

שמר׳ס צוגאַנג צום שרייבן איז געווען וועלטלעך. ער האָט געזען די וועלט און געקאָנט די מענטשן. זיין ראָמאַן: „צווישן צוויי פֿלאַמען" אַ פּראָבלעם פֿון ליבע, און ער ברענגט אַרויס די היילִיקסטע געפֿילן. זיינע שפּעטערדיקע ראָמאַנען, „דער ייד און די גרעפֿין", „אַמעריקאַנישע גליקן" ברענגען גרוסן פֿון אַמעריקע. מיר באַקענען זיך מיטן לעבן פֿון דער איסט סייד און אויך מיט ריווערסייד דרייוו. שמר האָט געשריבן פֿאַרן פֿאָלק און דאָס פֿאָלק האָט אים ליב געהאַט. אין דער אַלטער היים זיינען אָרימע דינסטמיידלעך געזעסן שפּעט ביינאַכט און געלייענט שמרן, זיך געטרייסט אַז עס מוז קומען אַ סוף צו דער אָרימקייט. און אַ סך מיידלעך האָבן אָנגעהויבן דענקען און זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער אומגערעכטיקייט.

שמר האָט אונדז אָרימע קינדער אַריינגעפֿירט אין רייכע סאַלאָנען, געבראַכט אונדז קיין פּאַריז. וואו האָט שמר זיינע לעזער ניט מיטגענומען? זיי געמאַכט פֿאַר וועלטלעכע מענטשן. ער האָט דעם לעזער צוגעגרייט צו לייענען מענדעלען, י. ל. פּרצן און שלום עליכמען און אַנדערע גרויסע שרייבער. אין יענע יאָרן האָט מען אָן שמרן ניט געקאָנט דערגרייכן די קלאַסיקער. שמר איז געווען דער וועגווייזער צו דער בעסערער ליטעראַטור. ווייל לייענען מוז מען מיט טאַלאַנט פּונקט ווי שרייבן. דער לעזער מיטן שרייבער דאַרפֿן האָבן קאָנטאַקט, און דאָס האָט שמר געהאַט.

איך עהר דעם אָנדענקען פֿון מיין ערשטן שרייבער וואָס איך האָב אים געלייענט מיט ליבשאַפֿט. נ. מ. שייקעוויטש (שמר) איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 24טן נאָוועמבער אין יאָר 1905.

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פרץ און זיין געדאַנקלעכן אינהאַלט

געווידמעט מיט טיפער ליבע
צום י. ל. פרץ לייען קרייז

אין זיינע ווערק רופט זיך עס אָן די ירושה, וואָס איז איינגעטיילט געוואָרן אין פראַגמענטן, ווי אַ טרויעריקע ליד אין פּראָזע, וואָס באַשטייט פון עטלעכע טיילן. דער ערשטער טייל דערציילט אונדז אין עטלעכע שורות ווי אַזוי דער גערטנער חלומט.

די שענסטע בלום פון זיין גאָרטן וואָס ער האָט מיט איר שטאָלצירט, ער האָט זי אַליין פאַרפלאַנצט און דערצויגן. זי איז געווען זיין שטאָלץ און זיין פרייד, איז איבערנאַכט פאַרשוואונדן געוואָרן. אַ שטאַרקער ווינט איז דורכגעלאָפן און זי מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן. זי איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן, מיטגעריסן און איז ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען אין שטורעם ווינט. מיט אימפּעט האָט זיך דער גערטנער אויפגעכאַפּט. דער חלום איז געווען די וואָר, די בלום איז מער ניט געווען. דאָס איז געווען זיין ערשטער קלאַפּ ווייל זי איז געווען די טרייסט פון זיין ליבענד האַרץ. זי איז געווען זיין שטאָלץ און זיין גלויבן.

די צווייטע טייל דערציילט פון אַ שיפער, וואָס האָט פון קיין אַנדער היים ניט געוואוסט אַחוץ דעם ברעג פון ים. אַלע זיינע חלומות האָט ער דאָרטן אויסגעחלמט. זיין שענסטער חלום איז געווען, אַז אַריבער וועט די פינצטערע נאַכט, אָנהייבן וועט לויכטן דער טאָג, זיין שיפל וועט ער דערפירן צו נייע ברעגן, שווימען צו נייע וועלטן, קומען אין יענע אויסגעחלומטע וועלטן וואָס וועלן זיין די ליכטיקסטע, די שענסטע.

אָבער עמיצער גייט פאַרביי און וועקט דעם שיפער: — „שטיי אויף,

זע ווי דיין שיפל האָט זיך פון ברעג אָפּגעריסן און איז פאַרשוואונדן!״

דער שיפער דערוואַכט. יאָ, דאָס שיפל איז שוין, עט, עט, ווייט און אַן אייביקע בענקשאַפט עסט אויף זיין האַרץ, אָבער שוין אָן אַ גלויבן און אָן חלומות אַז עס וועט אַמאָל נאָך זיין אַ שענערע וועלט!

ווידער דערציילט פרץ, אַז אַ פאַסטעכל האָט זיין שענסט שעפעלע פאַר־לוירן, גייט ער אַרום מיט אַ ליכט אין געדיכטן וואַלד זוכן זיין געליבט שעפסעלע, אָבער די ליכט לאָזט זיך אויס און דער פאַסטוך ווערט פאַר שרעק פאַרזונקען אין וואַלד.

אַ גלויביקער איז תמיד אין זיין געצעלט געזעסן און געלויבט גאָט׳ס נאָמען. און פּלוצלונג איז אַ גייסט דערשינען, זיך פאַרנייגט פאַרן גלויביקן און אים דערציילט אַז די וועלט איז חרוב געוואָרן: אַז גאָט איז פון די הימלען אַראָפּגעפאַלן און איז צעשטויבט געוואָרן און צעריסן איז געוואָרן דאָס האַרץ פון דעם גלויביקן.

און י. ל. פּרץ פאַרענדיקט זיין מעשהלע און זאָגט: איך בין דער גלגול פון אַלע. איך האָב, זאָגט פּרץ, גע׳ירשנ׳ט דעם ווייטאָג פון דעם שיפער, פון דעם פאַסטוכל, פון גלויביקן און אויך פון דעם גערטנער — דעריבער בין איך אַזוי באַטריבט, ווייל דאָס אַלץ צעזעצט מיר מיין ברוסט.

שלום אַש און זיין דור שרייבער

יעדער דור האָט זיך זיין באַשטימטן וועג וואָס ברייִנגט אַרויס דעם קינסטלער און יעדער גרויסער קינסטלער האָט זיין באַזונדערן מזל וואָס פירט אים אויפן ברייטן וועג דורך דער אייביקייט.

אונדזער פאָלק האָט אַ באַזונדערן גליק ווייל אונדזערע שעפערישע כחות האָבן אויסדויער, און זיינען געקומען צום יידישן פאָלק זיך באַ־העפטן און ברענגען צו אים די שיינקייט וואָס ער זעט ניט.

אויף אַזאַ אופן איז אין דער יידישער ליטעראַטור געקומען שלום אַש.

נ. מייזל, אין זיין בוך „י. ל. פרץ און זיין דור שרייבער", שילדערט שלום אַש ווען ער איז געקומען צו פרצן מיט זיין מאַנוסקריפּט „אַ שטעטל". אין יענער צייט האָט דעביוטירט י. מ. וויסענבערג אויך מיט אַ דערציי־לונג „אַ שטעטל".ביידע האָבן ביים גרויסן קינסטלער י. ל. פרץ אויס־גענומען און ביידע שרייבער, ש. אַש און י. מ. וויסענבערג, זיינען אַריינ־געקומען דורך אַ ברייטער טיר אין דער יידישער ליטעראַטור.

שלום אַש איז אָבער ניט געבליבן ביי זיין שטעטל: ער האָט, ווי אַ טראַפּישער פלאַנץ גענומען צייטיקן און פון זיך אַרויסגעגעבן שמעקנדיקע פרות. אויך זיינע דערציילונגען פון יידישן לעבן האָבן אַלעמען פאַר־כאַפּט מיט זייער עכטן אויסדרוק: די יאַטישע טאַכטער, אַ גע'גט פּאַר פאָלק, ווייסע רויזן און אַן אַ שיעור דראַמען, דערציילונגען וואו דער לעזער ווערט צוגעזאָגט צום שרייבער. עס איז דערשינען „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע", אַ בוך וואָס שילדערט די געטאָ פון די יידן אין שפּאַניע און ברייִנגט אַרויס דאָס בילד נאָך בולטער פון די „דריי מתנות" באַ י. ל. פרץ ווען מען בינדט צו דאָס יידישע מיידל צום פערד, אָדער ווי ביי דעם גרויסן פוילישן שרייבער סינקעוויטש אין „קווא וואדיס". דער אונטער־שייד איז אין די ראַסן. אין דער „כישופמאַכערין פון קאַסטיליע" ווערט גע'משפט אַ יידיש מיידל און באַ סינקעוויטשן אין „קווא וואדיס" — אַ

קריסטין:ביידע גייען אויף קדוש השם. אָבער אַש האָט דערגאַנצט גע־שיכטע מיט דער „כישופמאַכערין פון קאַסטיליע".

שלום אַש איז געקומען צו אונדז ניט ווי משה רבינו. ער האָט צו אונדז געבראַכט זיינע אייגענע לוחות. אַלע וואָס האָבן אים געקרייציקט און אָנגערופן „לעסטערער" זיינען ניט גערעכט, שוין דערמיט וואָס אַזוי האָט שלום אַש אָנגעהויבן שרייבן. ער ברייננגט אַרויס זיינען געדאַנקען, אַז אַלע פעלקער קאָנען לעבן בשלום יעדערער מיט זיין גלויבן אָבער איין גאָט פאַרבינדט אַלע פעלקער, ווייל מיר קומען אַרויס פון איין שטאַם.

איך באַמערק די ווערטער דערפאַר, ווייל אויב מען וויל קענען דעם דיכטער זאָל מען אין זיין לאַנד גיין. אַש'ס ווערק ליגן פאַר אונדז אָפענע: די דריי שטעט, ביים אָפגרונט, די מוטער, קידוש השם, פיל דראַמעס און אַנדערע ביכער וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע.

פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה האָבן מרעיש עולם געווען די צוויי בענד „מערי" און „דער וועג צו זיך". גאָר שפעטער, ווען ער גייט אַוועק פון „פאָרווערטס", שאַפט ער זיין גרויסע ווערק „די נאַזאַרין", „אַפּאָסטעל", „איסט ריווער", „מערי" און זיין לעצטע ווערק „משה". זיינע לעזער האָבן זיכער געלייענט זיינע לעצטע ביכער און קאָנען זען ווי ער וויל אַרויס־ברייננגען אונדזער פאַרגאַנגענהייט און וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט צו־געטראָגן צום אַלוועלטלעכן לעבן פון זינט מתן תורה.

שלום אַש איז דער יידישער מייקעל אַנדזשעלעס וואָס צייכנט איי־ביקייטן פאַר דורות. אין „משה'ן" ברייננגט ער אַרויס די צייטן פון פרעה'ן ווען די יידן זיינען געווען ביי אים אין מצרים שקלאַפן און וואו משה ווערט דער אויסלייזער פון דעם יידישן פאָלק.

איך האַלט אַז שלום אַש אַלס שרייבער האָט איבערגעשאַפן די גע־שיכטע פון אונדזערע נביאים, ער האָט פאַראייביקט אויף דורות אַלע פאַ־סירונגען וואָס זיינען געבליבן אין דער אייביקייט.

שלום אַש אַליין אין זיין אַריינפיר צו זיין בוך „משה" גיט צו, אַז קיין נייעס ברייננגט ער ניט. ער וויל בלויז ברייננגען צו זיין פאָלק אַן איבערגעדיכטעט ספר. און נאָך דריקט ער זיך אויס, אַז ניט דאָס געשעענע איז אמת, נאָר דאָס געוואָרענע. דאָס געשעענע איז דער קערן וואָס די צייט האָט פאַרזייט אין דער ערד, דער קערן ווערט פאַרפוילט און פאַר־

לוירן און וואָס עס שפּראָצט אַרויס דערפון, ווערט דער אמת, וואָרים דער אמת שפּראָצט פון דער ערד.

די דאָזיקע ווערטער ווערן געזאָגט פון דעם שרייבער, וואָס האָט אָנגעשריבן די „3 שטעט" און די „כישופמאַכערין פון קאַסטיליע" און נאָכהער אַרויפגעטראָטן אויפן עלעקטרישן דראָט וואו ער האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּשניט פון די יידן וואָס האָבן ניט געוואָלט שלום אַש'עס איבערגעדיכטעטע תורה, וואָס איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי דעם שרייבער האָט זיך געוואָלט.

י. ל. פרץ האָט אויך אויסגעדיכטעט און געשריבן זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטע, ווי מנשה אונגער האָט געשריבן זיין חסידיש.

פון דאַנען לערנען מיר אַז קיין נייעס איז אונטער דער זון ניטאָ. דער אונטערשייד פון שלום אַש ביז י. ל. פרץ איז וואָס ביי פּרצ'ן פילן מיר דעם אמת וואָס שפּראָצט פון זיין פען און מיר פילן דעם קינסטלער מיט זיינע העלדן ווי הימל מענטשן. שלום אַש נעמט זיך אַלע רעכטן פונקט ווי אַ מאָלער מאָלט דעם פּאָרטרעט פון זיין מאָדעל, אָבער עס ווערט אַ גרויס קונסט ווערק.

דעם קינסטלער ווילט זיך פאַראייביקן זיין גרויס ווערק ווי עס איז פאַראייביקט געוואָרן „פאוסט" אָדער „האַמלעט". עס מוז טראָגן אַ וועלט כאַראַקטער, דעמאָלט נעמט עס אויף די וועלט. און מיר דאַרפן אַזאַ קינסטלער באַגריסן וויל ער קומט אַרויס פון אונדזער שטאַם און איז דער וואונדער פון זיין דור שרייבער. דער עלטערער דור שרייבער האָט אויך געהאַט פּראָבלעמען, געוויינטלעך אונטער אַנדערע באַדינגונגען.

י. י. לינעצקי, מענדעלע, שלום עליכם, י. ל. פרץ, ווי אויך דוד פרישמאַן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט שעפער פון אונזער יידישער ליטעראַטור, איך מיין די שיינע ליטעראַטור. י. ל. פרץ איז געווען דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. י. י. לינעצקי האָט אָנגעשריבן „דאָס פוילישע אינגל", אָבער מענדעלע מוכר ספרים האָט באַשאַפן „די קליאַטשע", „דאָס קליינע מענטשעלע", „דאָס ווינטש־פינגערל" און נאָך פיל גרויסע ווערק. מען מוז תמיד געדענקען די אייגענע כחות און ניט זאָגן: וואָס האָט יענער, וואָס איך האָב ניט? פון דעם נעמען זיך פיל ביטערע געפילן. וואָס האָט שלום עליכם דערגאַנצט מיט זיין אַרונטעררייסן ב. מ. שייקעוויטש, שמר? צו וואָס? שמר האָט געהאַט זיין דור

לייענער און צוגעגרייט דעם לעזער פֿאַר שלום עליכמען. דוד פֿרישמאַן איז געווען פֿאַרביטערט אויף י. ל. פּרץ. פֿאַר וואָס? קנאה. פֿון קנאה זיינען חרוב געוואָרן וועלטן און ביז היינט ווערן געפֿירט מלחמות וואָס איין לאַנד פֿאַרגינט ניט דעם אַנדערן. פּשוטע מענטשן פֿאַרמאָגן אויך קנאה, בפֿרט דער קינסטלער. דער קינסטלער איז ווי אַ קליין קינד, אַלץ קומט אים. און טאָמער זעט ער ווי אַ צווייטער קריגט לויב, טוט אים וויי. אַזוי האָט געליטן מענדעלע, י. ל. פּרץ. די זעלבע שמערצלעכעליידן זיינען געווען ביי י. מ. וויסענבערג, ווען ער האָט דערזען דעם גרויסן דערפֿאָלג פֿון שלום אַש. דאַגעגן איז אַש געווען צו זיין דור שרייבער ווי אַן עלטערער ברודער. ער האָט אַלעמען געלויבט, אָבער ער איז ניט געווען מיט זיי חבר.

ווען איך רעד פֿון שלום אַש און זיין דור שרייבער, זאָלן מיר מיינע לייענער פֿאַרשטיין, אַז איך בין אַ לעזערין און וויל זיך טיילן מיט מיינע איינדריקע און ברענגען צו אייך די שעפֿערישע שרייבער וואָס זיינען פֿאַר זיך אַליין אַ וועלט. ווען איך רעד פֿון ש. אַש, מוז מען דערמאָנען שרייבער ייִנגערע פֿון אים, דאָס זיינען י. י. זינגער, י. באַשעוויס, ווי אויך יונה ראָזענפֿעלד.

ש. אַש איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור געקומען מיט זיין סטיל און אויסגעפֿאָרעמט זיינע ווערק. ש. אַש האָט דערגרייכט דעם לעזער פֿון קוילער געסל ביז פּאַריז און וואַרשע. יעדער שטאָט האָט אַזאַ געסל פֿאַרמאָגט. און מעג מען אים איצט דורך קריטיק אַרונטערייסן, האָט ער זיך זיין באַשטאַנד שוין לאַנג באַשאַפֿן. זיינע איצטיקע ווערק האָבן אים ניט געמינערט. מיט י. מ. וויסענבערג איז געשען אַן אומגליק. אנשטאָט ער זאָל פּרובירן זיך האַלטן אין די ראַמען פֿון זיין גרויסן טאַלאַנט, איז ער געפֿאַלן אין אָפּגרונט מיט זיין שנאה און קנאה צו זיינע קאָלעגן וועלכע האָבן אים זייער הויך געשעצט. וויסענבערג איז געווען אַ גרויסער טאַ־לאַנט, אָבער טאַלאַנט האָט אַ מאָס און אַ וואָג און יעדן שרייבער מוז מען געבן זיין אָרט.

דער געדאַנק וועגן ש. אַש און זיין דור שרייבער איז זייער וויכטיק פֿאַר די ייִדישע פּרויען לייען־קרייזן, וואו מען לייענט די קלאַסיקער און עס ווערן געפֿירט דיסקוסיעס. די ייִדישע אינטעליגענטע פֿרוי לייענט ש. אַש און אַ גרויסע טייל זיינען אינם קינסטלער געוואָרן ענטוישט, אָבער ניט אויפֿגעהערט אים לייענען. דאָס באַווייזט בולט, אַז די אומצופֿרידנ־

הייט מיט ש. אַש האָט זיי ניט געשטערט אים פאַרצוזעצן לייענען סיי אין די לייען־קרייזן ווי אויך אין אונדזערע פאָלק־שולן.

מיר מוזן געדענקען אַז איצט איז אַ צייט ווען שרייבער גיבן אַרויס ביכער מער ווי עס איז דאָ לעזער. אַ דאַנק די לייען־קרייזן האָט דער יידי־שער שרייבער אַ היים און זיי מוזן קריגן די אַנערקענונג און אַכטונג. און מיר טאָרן ניט צווייפלען אַז די צייט וועט נאָך קומען ווען מיר וועלן זיך פרייען מיט דעם דערפאָלג פון דער יידישער ליטעראַטור און זיין דאַנק־באַר דעם שרייבער וואָס באַרייכערט אונדזער געמיט און דערפרייט אונדזער גייסט.

געווען אַ צייט אין דער אַלטער היים ווען יידישע פרויען האָבן גע־נומען אַ בוך אויף פראַקאַט; לייענען ה. ד. נאָמבערג, ז. אנכי אָדער דוד קאַסעל, י. ל. פרצן און טאַקע שמרן, איז געווען יום־טוב. איך געדענק פון נאָמבערגן די דערציילונג „שווייג שוועסטער" אין אַ חסידיש הויז. שוואַרץ־וואַלד, נאָמבערג האָט אַלץ געזען שוואַרץ. ניט געווען איז זיין מוזע ליכטיק, אָבער זיין טאַלאַנט האָט געכישופט. ז. אנכי האָט געשריבן אויך טונקעלע בילדער, מיט דער וואַנט, ניטאָ צו וועמען רעדן. ער וויל די מאַמע זאָל אים פאַרשטיין און זי קען אים ניט פאַרשטיין. שוין דעמאָלט האָט דער שרייבער געזוכט דעם קאָנטאַקט פון די קינדער מיט די עלטערן.

יעדער שרייבער האָט צוגעטראָגן זיין צושטייער צו אונדזער וועלט אין וועלכער מיר האָבן געוואָלט אויסחלומען סאַמע דאָס שענסטע. יענע וועלט איז שוין פאַרשוואונדן און מיר זיינען די לעצטע פון יענעם דור. ווער געדענקט ניט אברהם רייזען מיט זיינע וואונדערלעכע דערציילונגען און האַרציקע לידער, לידער וואָס זאָגן אונדז אָן אַז עס וועט מוזן קומען די באַפרייאונג. אברהם רייזען און פרץ הירשביין ברענגען אַריין אין אונדזער לעבן האָפענונג און גלויבן. אויך פרץ הירשביין איז געווען אין דעם דור פון שלום אַש, אָבער אויף אַן אַנדער וועג געגאַנגען.

פרץ הירשביין איז אַליין געווען אַ באַגאַבטער שוישפילער, שרייבער און זייער אַ דערפאָלגרייכער רעזשיסאָר. „די גרינע פעלדער", „די פוסטע קרעטשמע", און „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", איז געשפילט געוואָרן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג איבער גאַנץ אייראָפּע ווי אויך אין אַמעריקע. די שי־קאַגער דראַמאַטישע געזעלשאַפט האָט אויפגעפירט אַלע פיעסען פון פרץ הירשביין.

איך וויל ניט פאַרוועדטערן די גרויסקייט פון פּרץ הירשביין, אָבער ער איז כמעט דער ערשטער שרייבער נאָך שלום אַש וואָס איז געקומען אין אונדזער יידישער ליטעראַטור מיט פיל שיינקייט. שטיל און באַשיידן געגאַנגען זיין וועג און געבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור די שענסטע פּערל.

מען מוז דערמאָנען די וואונדערלעכע אסתר שומיאַטשער, זיין פרוי, וואָס איז בײַ פּרץ הירשביין געווען „אויב ניט נאָך העכער"... זי האָט אים באַגליקט מיט איר טיפער ליבע און פיינער פּאָעזיע. פון צופיל פרויען קאָנען מיר ניט רעדן וואָס זיינען מיט זייערע מענער־שרייבער געווען געבונדן מיטן טאַלאַנט. אסתר האָט גרויסע פאַרדינסטן אין פּרץ הישביינ׳ס לעבן. עס איז געווען שעפערישע צייטן פאַר קינסטלער אין דעם 20־טן יאָרהונדערט. ש. אַש וואוינט אין אַמעריקע, שאַפט זיינע גרויסע ווערק און ווערט באַרימט. די צייט ברייננגט אונדז אַ גאַנצע איבערקערעניש. די רעוואָלוציע אין 1917, פּאָגראָמען, אומקום. ש. אַש קומט פון אַמעריקע קיין וואַרשע. דער דור פון שלום אַש געפינט זיך דעמאָלט אין וואַרשע. דאָרטן איז געווען דער קעניגרייך פון י. ל. פּרץ. אהער האָט אַלעמען גע־צויגן. אין יאָר 1922 געפין איך זיך אין ווארשע און באַזוך טאלמאצקי 13, דאָרטן זע איך אין דער שפּיץ שלום אַש.

י. ל. פּרץ לעבט ניט מער. אויף זיין אָרט איז קיינער ניט געבליבן.

דוד פרישמאַן איז אין יענעם יאָר געשטאָרבן און מען מאַכט פאַר אים אַ הספד און אויך דאָרט, אין דעם גרויסן טעאַטער, געפין איך זיך מיט אַלע גרויסע קינסטלער וועלכע באַוויינען דוד פרישמאַנען. אין זייערע רעדעס פילט מען דעם גרויסן פאַרלוסט. ש. אַש איז דאָרטן געווען דער הויפּט רעדנער. אויך פּרץ הירשביין און פיל אַנדערע, האָבן פאָראויסגע־זאָגט די צייט פון היטלער׳ס אַנקום, אַז עס קומט אַ כמאַרע און דער יידי־שער שרייבער וועט מוזן געפינען, מעגלעך אין אַמעריקע, זיך היים. דאָרטן בויט זיך אַ ניי יידיש לעבן, האָבן זיי געזאָגט. מען דערמאָנט ווי אַזוי די גרויסע שעפער גייען פון אונדז אַוועק און די ירושה מוזן מיר הייליק האַלטן.

יאָ, די צייט איז דעמאָלט געווען אַ פרוכטבאָרע און אַ שטורמדיקע. שלום אַש אין זיין גרעסטען דערפאָלג.

י. מ. ווייסענבערג שרייבט דאַן אַן אַ בוך. ער רייסט אַרונטער ניט נאָר אַשן, נאָר י. י. זינגערן און פיל אַנדערע שרייבער. זיין אויסקוק איז געווען שרעקלעך פאַרביטערט. אין קהלת איז דאָ אַן אויסדרוק, אַז דער נאָר עסט זיך אַליין אויף, און י. מ. ווייסענבערג, האָט זיך אַליין פאַר־פייניקט.

איין שרייבער וואָס איז געווען מיט זיין גרויסקייט ענלעך צו גראַף טאָלסטאָי איז געווען י. ל. פרץ. זיין „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" האָט ער געמאַכט פון זיין אייגן הויז אויף סיגעלני. שרייבער זיינען צו פרצן געקומען און זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. פרץ האָט זיי מקרב געווען און ליב געהאַט.

מיט פרצעס טויט גייט אַוועק אַן עפּאָכע וואָס וועט זיך מער ניט אומ־קערן.

שלום אַש האָט צו זיך קיין געסט ניט געבעטן קומען. די שרייבער האָבן אין אים געזען בלויז אַ מין בייזוואונדער. זיין פּאָפּולאַריטעט איז געוואקסן איבער דער וועלט. זיינע ווערק האָבן אַלעמען ענטציקט אויף אַלע שפּראַכן. די לעגענדע „שלום אַש" איז ביז היינטיקן טאָג פאַרבאַפּענד און ער אַליין איז געבליבן מיט זיך און ווייס אַפילו ניט וואָס די וועלט וויל פון אים. ער ברײנגט זיי בלומען און זיי מיינען אַז עס איז דערנער.

„גלויבט מיר אַז איך בין אַ ייד, און איך האָב ליב מיין יידיש פאָלק". דאָס זיינען שלום אַשס ווערטער.

פון די אַלע כאַראַקטעריסטיקס וואָס איך ברײנג אַרויס אין מיין איצטיקער עסיי, איז, ווי געזאָגט, אַן אָנרעגונג פאַר לעזער צו לייענען די שרייבער נאָכאַמאָל, וועלכע איך צייכן. אַ דור קומט, אַ דור גייט אַוועק, אָבער די ווערק וואָס אונדזערע קינסטלער האָבן געשאַפן בלייבן אויף אייביק, און מיר, די לעזער, מוזן זיך פאַרטראַכטן און זיך נאָך אַמאָל נעמען צו די ווערק פון שלום אַש און זיין דור שרייבער.

יוסף אפּאַטאָשו

יוסף אפּאטאשו איז געקומען אין אונדזער ידישער ליטעראַטור מיט זיין גרויס ווערק „די פוילישע וועלדער", אַ ווערק וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער וועלט ליטעראַטור, אויסגעהאַלטן פון אָנהויב ביזן סוף. אין די „פוילישע וועלדער" ווערט פאַרקערפּערט אַן עפּאָכע פון חסידישע רבנים ווי אויך שטאַרקע דעמבעס דאָרפישע יידן און סתם יידן.

י. אפּאטאשו זאָגט אַליין אין זיינע אַטאָביאָגראַפישע באַמערקונגען אַז ער קומט אַרויס פון הילדערסהיימער רב, ר' אליקום געץ, מחבר פון שו"ת אבן השוהם און אַז זיין זיידע איז געבוירן געוואָרן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק ת"ד. דאָס אַליין גיט אַ גאַראַנטי צום שרייבער וואָס איז געבענטשט פון גאָט מיט גרויס טאַלאַנט די מעגלעכקייטן צו שאַפן פאַר אונדז גרויסע ווערק.

יוסף אפּאטאשו האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן 30 ביכער פון וועלכע דער ידישער לעזער האָט הנאה, איבערהויפּט פון די „פוילישע וועלדער", „די אונטערוועלט פון ניו־יאָרק", דאָס בוך 1863, „די טענצערין", „מענטשן און חיות", ווי אויך דער לעצטער אפּשטאנד.

איך בין ניט אימשטאַנד באַמערקן אַלע 30 בענד. אָבער דאָס זיינען מאָנומענטן פאַר אונדזער יידיש לעבן איבער גאָר דער וועלט און אַמבעסטן אין אַמעריקע.

י. אפּאטאשו איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך זייער אַ יונגער מאַן, און דאָ, אויפן אַמעריקאַנער באָדן, האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע ווערק מיט פיל שיינקייט.

פון דעם קענען מיר זען אַז וואו מען פאַרזייט גוטע זריע וואַקסט געזונטע שפּייז. דער גרויסער שרייבער איז צו דעם זייער אַ באַשיידענער, שטילער מענטש. ער פּראַוועט ניט קיין טישן און גיט ניט קיין סמיכות

אויף שרייבן. אפּאטאשו׳ס שרייבן איז נאַטירלעך און ערלעך. דעם סאַמע פּראָסטן מענטשן ברענגט ער אַרויס שיין.

עס איז דאָ אַ באַמערקונג ביי דוד בערגעלסאָן, אַז עס איז דאָ אַן איבערשלאַק און אַן אונטערשלאַק און אַז אין מיטן איז נאָך אויך עפּעס פאַראַנען.

י. אפּאטאשו זעט דעם מענטשן און זעט אין אים אויך די חיה, ווייל דער שרייבער באַזיצט די אייגנשאַפטן און וויל זיי ניט פאַרלייקענען.

אין „די פּוילישע וועלדער" מאָלט אפּאטאשו דעם רבין וואָס וויל ניט זיין מער קיין רבי, און אין דער זעלבער הויז שפּילן זיך אָפּ אַרגיעס פון אין תאוה שפּיל, — אַלץ גייט אזוי שנעל באַרג ארונטער.

מיט אַרום 50 יאָר צוריק איז שוין די פּראָבלעם פון אומרו ביי יידן געווען אַ גרויסע פּראָבלעם און דער שרייבער ברענגט עס אַרויס זייער בולט, אַז עס האָט שוין אַריינגעדרונגען אַפילו אין די רבנישע טעמפּלען.

אין יענער צייט האָט דער רוסישער שרייבער אַרציבאַשעוו אָנגעשריבן „סאַנין". די יוגנט האָט פאַרלאָרן דעם באָדן. אַרציבאַשעוו מאָלט די רוסישע יוגנט און י. אפּאטאשו די יידישע.

אין ביידע פאַלן האָבן מיר געזען די זעלבע באַדנלאָזע סביבה, ווי דער רוסישער פּאָעט לערמאָנטאָוו האָט צו זיינע עטלעכע און צוואַנציק יאָר געשריבן, „עס איז אומעטיק, לאַנגווייליק און עס איז ניטאָ וועמען צו געבן די האַנט". ער באַגייט זעלבסטמאָרד. אַרציבאַשעוו גיט אויך די זעלבע רפואה זיינע העלדן.

אָבער ביי יידן שרייבט מען אַנדערש און מען לעבט אַנדערש, דערייבער האָט אונדז דער שרייבער פון די „פּוילישע וועלדער" אַרויסגעפירט אויפן גרויסן טראַקט אַליין זוכן צו געפינען דעם ריכטיקן וועג.

י. אפּאטאשו איז אונדזער יידישער אַמעריקאַנער שרייבער. אין זיינע ווערק שילדערט ער דאָס רוב יידיש לעבן פון דער „איסט־סייד". זיין ראָמאַן „היברו" איז די שילדערונג פון אַ לערער וואָס לערנט די קינדער היברו אין אַ טעמפּל און איז אַנגעוויזן אויף זיינע באַלעבאַטים. מעלאָווע — אין ניו־יאָרק, צווישן ימים און לענדער, גאַרעק סטריט, און אַנדערע.

מיט איין וואָרט, י. אפּאטאשו האָט צו אונדזער יידישער ליטעראַטור

צוגעטראָגן אַ גאַר גרויסן צושטייער און זאָל זיין שעפעריש לעבן אונדז נאָך פיל באַרייכערן און ברענגען צו אונדז זיינע שאַפונגען.

יוסף אפאטאשו איז פאַר זיך אַליין אַ דור. איך באַצייכן זיין געשטאַלט מיט גרויסער ליבע.

ווי מאָדנע דער שיקזאַל איז? נאָך איידער איך האָב פאַרענדיקט צו מאָלן דעם געשטאַלט יוסף אפאטאשו, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער גרויסער מענטש און קינסטלער יוסף אפאטאשו, איז, יום כיפור צונאַכט, פלוצלונג געשטאָרבן.

עס האָט זיך אויסגעלאָשן אַ ליכט וואָס ווערט פון דער יידישער וועלט טיף באַדויערט. דער פלוצלונגדיקער טויט האָט אַלעמען דערשיטערט, ווייל יוסף אפאטאשו איז געווען אַ גרויסע יידישע פערזענלעכקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיט זיין טויט ווערט ווידער ליידיק אַן אָרט, און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל עס פאַרנעמען.

מיר מוזן זיך אָבער טרייסטן מיט זיינע ווערק, וואָס וועלן ווערן געלייענט איצט מער ווי פריער, ווייל דער קינסטלער לעבט אייביק.

איך עהר זיין אנדענק מיט טיפער ליבע און אַכטונג. זאָל דער נאָמען יוסף אַפאטאשו קליגען ווייט אויף דור דורות.

יוסף אפאטאשו איז געבוירן געוואָרן אין 1886, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דאָנערשטיק דעם 7טן אָקטאָבער, 1954.

עהרע זיין ליכטיקן אנדענק!

דעם 21טן אָקטאָבער, 1954

דערציילונגען
פון דער אלטער היים

משפחה

אין מיינע ערינערונגען נעם איך זייער ווייניק אַריין די משפּחות פון מיינע עלטערן, אַחוץ דעם וואָס איך באַמערקט בלויז ווער זיי זיינען געווען און לאָז איינגאַנצן אויס טיפן וואָס האָבן אויף מיר איבערגעלאָזט אַן איינ־דרוק און זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון.

די משפּחה פון מיין טאַטען געדענק איך ניט. פון זיי האָט מיין מאַמע בלויז גערעדט מיט ביטערניש. דאַגעגן איז געבליבן אין מיין זכרון מיין מאַמע׳ס פאַמיליע, אירע פעטערס און מומעס וואָס האָבן ביי מיין מאַמען געשפּילט אַ ראָלע. זי האָט זיך געגרויסט מיט זיי ניט פּאַר זייער שיין לערנען, נאָר פאַר זייער שיין לעבן. זיי האָבן אַלע געלעבט ברייט, באַ־וואוינט שיינע הייזער און מיר האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און געוואוינט אין אַ שטיבל פון דעם בית מדרש.

מיין מאַמע, ווי איך האָב שוין באַשריבן, האָט געבאַקן לעקעך און מיין טאַטע איז געווען אַ מלמד, אָבער צוליב זיין קראַנקהייט האָט ער ניט געקאָנט לערנען מיט קינדער, איז די גאַנצע לאַסט געפאַלן אויף דער מאַמען. דעריבער איז זייער לעבן תמיד געווען אַ ביטערער, ממש אַ גיהנום.

איך אַלס קינד האָב זיך געצויגן אַנגעצויגן און אַנגעהערט. ווער האָט דען באַמערקט דאָס קליין מיידעלע, דאָס באָרוויסע, וואָס קען אין דרויסן ניט אַרויסגיין ווייל זי האָט ניט קיין שיך, האָב איך תמיד בייגעוואוינט זייערע קריגערייען איבערן פעטער שימעלע בעל־עגלה אָדער די מומע שפרה די סאַרווערן, דער פעטער בערל פוקס, אָדער איר טאַטע, דאָס מיינט מיין מאַמע׳ס טאַטע, נפתלי דער בעקער.

פריער וועל איך מאָלן שימעלע בעל עגלה. אַ ייד וואָס האָט געהאַט אין זיין באַזיץ אַזעלכע בוידן מיט פערד און געהאַלטן שמייסערס וואָס האָבן זיך פאַרדונגען ביי שימעלען אויף דער וואָך, און אַזוי אַרום איז שימעלע געווען אַ ייד אַ באַלעבאָס. זיין ווייב, שפרה די סאַרווערן האָט

געפּראַוועט חתונות ביי די אָרענשטיינער, די רייכסטע יידן פון ראַדאָ־מישלע, און אויך זי האָט פאַרדינט גרויסע געלדער. געהאַט האָבן זיי עטלעכע זין און איין טאָכטער,ביילע אַ געפּוצטע, און איך געדענק איר מיידל, דעם פעטער׳ס אייניקל חנה, געראָטן אינעם פעטער שימעלע מיט גרויסע בולבעוואַטע אויגן, גראָבע ליפּן און אַ לאַנגע נאָז, אָבער זי איז געגאַנגען אין שקאָלע, געטראָגן אַ ברוין קליידל מיט אַ ווייס פאַרטעך. איך בין איר שטאַרק מקנה געווען און זי ניט געקענט אָנקוקן. זי מיך האָט אַפילו ניט געזען. עס איז איר ניט אָנגעשטאַנען מיין אָרעמקייט, און מיר האָט זיך געדאַכט ווען איך גיי אַפילו אָנגעטאָן ווי חנה, ווייס איך ניט צי איך וואָלט זיך גאָר גע׳חבר׳ט מיט איר.

מיך פלעגט וואונדערן מיט וואָס האַלטן זיי זיך אַלע אַזוי גרויס געגן אונדז? איך האָב געפרעגט מיין טאַטען די פראַגע אָבער זיין ענטפער האָט בלויז געבראַכט קריג צווישן מיין מאַמען און אים: זיי האָבן זיך ניט פאַר־שטאַנען און די מאַמע האָט מסתמא אירע פעטערס און מומעס מקנא געווען וואָס זיי האָב אַלץ און מיר גאָרניט. „תורה, פלעגט זאָגן מיין מאַמע, איז ניט קיין סחורה. נאַ, זע ווי זיי שיקן די קינדער אין די גימנאַזיעס, זע ווי אַלע לעבן אַזוי רייך און זע ווי מיר לעבן. דו רופסט זיי פאָלגעס, שוסטערס, בעל־עגלה׳ס, ניקאָלייעווסקע סאָלדאַטן, — עס שטערט זיי אָבער ניט פון צו טאָן די שענסטע שידוכים.“

אויף דעם איז געקומען דער ענטפער פון טאַטן, אַז פאַר זייער געלט האָבן זיי איינגעהאַנדלט זייערע שידוכים.

עס איז דאָ זייער פיל צו דערציילן פון זייערע צאַנקערייען, אָבער די הויפּט זאַך האָט געקריינקט מיין טאַטען וואָס די מאַמע גרויסט זיך מיט איר משפחה, כאָטש זיי, די משפחה אירע האָט זי אַפילו צו זיך ניט גע־רופן און זי פלעגט גיין צו זיי גוט יום־טוב בעטן.

נאָך אַ פעטער האָט די מאַמע געהאַט. זיין נאָמען איז געווען בערל פוקס, אַ שוסטער, אָבער ניט ער האָט די שיך געמאַכט; געווען אַ גרויסע מאסטערסקייע און אַרבעטער האָבן געקלאַפּט די פלעקלעך און בערל פוקס מיט זיין ספּריטנעם גאַנג איז אַרומגעגאַנגען און אויף יעדן געהאַלטן זיין אויג.

ער האָט זיינע קינדער און אייניקלעך דערצויגן אויפן וועלטלעכן שטייגער. עס לאָזט זיך מיר געדענקען זיין אייניקל רעבעקע, אַ הויכע,

שטאָלצע מיידל מיט אַ לאַנגן, בלאָנדן צאָפּ, מיט אַ ברוין קלייד און שוואַרץ פֿאַרטעך, אויסגעבונדן אַזוי עלעגאַנט דעם באַנטיק אויף אירע האָר און געטראָגן גאָלדענע פּענסנע. זי האָט מיך אַפֿילו ניט געקענט אָבער איך פֿלעג איר באַוואונדערן. אויך חנה, מיין פֿעטער שימעלע׳ס אייניקל האָט זיך געסטרויעט און געפּוצט, און איך?

אָבער צו וואָס ריידן פֿון זיך? מיר האָט תמיד ווי געטאָן פֿאַרוואָס זיי האַלטן זיך אַזוי גדולדיק, ניט נאָר אַנטקעגן מיר נאָר צו אַלעמען. אויף יעדן האָבן זיי געקוקט פֿון אויבן אַרונטער.

פֿון מיין טאַטנ׳ס צד, זיינען געווען זייער שיינע יידן, מיט אַזוינע שיינע בערד, מיט שטריימלעך, גאַרטלען אויף זייערע זיידענע קאַפּאָטעס, שיינע, ליכטיקע געשטאַלטן, חזנים, דיונים. איך קליינינקייט, ווער האָט ניט געקענט אין זשיטאָמיר מיין זיידן מאיר־לייזער דער חזן און נאָכצע דעם דין און רב גבריאל דער מלאך. היינט מיינע מומעס און פֿעטערס? אָבער זייער אָרימע מענטשן און מיין מאַמע האָט אויף זיי אויסגערעדט די גאַל, זיי גערופֿן פּיאַווקעס, בלוטזייגער, לײדיקגייער און געבן אַ שפּיי, אַז דער טאַטע פֿלעגט אַ פֿאַרצאַפּלטער זיך געבן אַ הויב פֿון בענקל און זאָגן אַז אַ שטעקן פֿאַלט צו דער ערד מיטן קאָרן ווי וויט מען זאָל אים ניט וואַרפֿן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו מיין טאַטן און געזען ווי ער וויל אָפּגעבן כבוד מיין מאַמען. ער איז געווען אַ בעל־תורה, אָבער די מאַמע האָט געזאָגט אַז פֿאַרן טאַטנ׳ס תורה קאָן מען אַפֿילו קיין פֿוד מעל ניט קויפֿן און זי גיט נאָך צו אַז ווען זי זאָל ניט האָרעווען, וואָלט ער פֿון זיין לערנען ניט זאַט געוואָרן.

די רייד זיינען אין דער וואָכן. אָבער שבת?

באַלד ווי מיין מאַמע ווערט פֿאַרטיק מיט אָפּראַמען דעם טיש און צעוואַשן דאָס געשיר, גיט זי זיך אַ טור־אָן און זאָגט צו מיר: קום, מירן גיין צום פֿעטער שימעלען. אויפֿן טאַטען גיט זי אַפֿילו קיין קוק ניט. איך האָב ליב דעם פֿעטער שימעלע ווי אויגן ווייטאָג, ניט אַזוי דעם פֿעטער ווי די מומע שפּרה, אַ יידענע מיט אַ לאַכעדיק פּנים, ווי זי וואָלט חוזק געמאַכט פֿון די וואָס קענען ניט זיין אַזוי געראָטן ווי זי איז. איין קליי־ניקייט, שפּרה די סאַרווערן פֿון די אָרענשטיינס! ביי קיין שום אָרימאַן האָט שפּרה קיין חתונה ניט געפּראַוועט, נאָר ביי די אָרענשטיינס. און ווען זי האָט געזוכט אַן אַרויסהעלפֿעריך, איז מיין מאַמע געווען גליקלעך

אַז שפרה האָט זי מיטגענומען, און ווי מיין מאַמע פלעגט דערנאָך דערציילן, מיט איר פאַרשטעקן אַלע לעכער. שוין דאָס אַליין וואָס מיין מאַמע האָט דערציילט ווי אַזוי די שיינע מומע אירע באַהאַנדלט זי, שוין דערמיט אַליין האָב איך די יידענע פיינט געהאַט, בפרט דאַרטן זען איר אייניקל חנה מיטן ברוינעם קליידעלע און ווייסן פאַרטעכל, מיט אירע שוואַרצע האָר און בולבעוואַטע אויגן און אויף מיר וויל זי אַפילו ניט קוקן, — איז גיי דערצייל עס מיין מאַמע ווען זי זאָגט: דו גייסט צי דו בלייבסט מיט דיין שיינעם טאַטען?

גיין, מיטן טאַטען האָב איך ניט געוואָלט בלייבן, אים זע איך אַ גאַנצע וואָך און די מאַמע שטייט אויף אַלע טאָג ווען איך שלאָף נאָך און קומט אַהיים שוין שפעט אין דער נאַכט. איך הער זי זאָגן: אָט אַ לעבן! אַפילו אַ הונט איז בעסער ווי מיר. גאָט, ביז וואַנען!

אין די נעכט טוליע איך זיך צו מיין מאַמע'ס קאַלטן גוף און בין זיך מחיה וואָס איך שלאָף מיט דער מאַמען. אָבער זי זען אַ גאַנצע וואָך אין שטוב אַחוץ שבת, — האָב איך זי ניט געזען.

איז פאַרשטענדלעך אַז יעדע פיצעלע מינוט איז ביי מיר געווען חשוב צו זיין מיט מיין מאַמען און האָב געמוזט גיין צום פעטער שימעלע גוט יום־טוב בעטן.

אָבער עס זיינען געווען געגוג שבתים ווען די טיר ביים פעטער איז געווען צוגעשלאָסן און אויף איר קלאַפּן איז קיין ענטפער ניט געקומען. האָט זי אַ פאַרקלעמטע מיך גענומען צום זיידן, איר טאַטע, נפתלי.

דער זיידע האָט געהאַט דאָס צווייטע ווייב און מיין מאַמע איז ביי אים געווען די איין און איינציקע טאָכטער. אחוץ מיין מאַמען, האָט ער מער קיין קינדער ניט געהאַט, האָט ער אודאי געדאַרפט זיין גוט צו זיין איינציקער טאָכטער! הייבט זיך באַרגיט אָן!

מיין טאַטע האָט דעם זיידען פיינט געהאַט. דער זיידע האָט ניט נאָר פיינט געהאַט מיין טאַטען, נאָר שוין אויך מיין מאַמען מיט אַלע אונדזערע קינדער.

דעמאָלט איז שוין מיין עלטערער ברודער געגאַנגען זיך לערנען צו זיין אַ לערער. און נאָך אַ ברודער האָב איך געהאַט איז ער געווען אַ בונדעוויץ האָט מיין זיידע זיי געגעבן אַלע דריי אַ נאָמען. דעם ערשטן, מיין ברודער דעם לערער פראָנט, דעם בונדעוויץ רעסטאָנט און מיין טאַ־

טען, גזלן. דער מאַמען גוט אויסגעזידעלט און איר אָנגעזאָגט ניט קומען שבת בייטאָג ווען ער לייגט זיך צו מיטן ווייב שלאָפן.

אַ פאַרפייניקטע איז מיין מאַמע געקומען צוריק אַהיים. מען האָט שוין באַלד געדאַרפט זאָגן „גאָט פון אברהם", דער טאַטע איז געווען אין קלויז און מיין מאַמע'ס פנים זע איך אין דער פינצטער, ווי גרויסע טרערן רינען איר איבער די באַקן. זי וויינט, מיין מאַמע, אויף אירע ביטערע יאָרן. עס גייען אַוועק געגנוג שבתים וואָס די מאַמע גייט שוין ניט אין ערגעץ, ליגט אין בעט און קרעכצט; זי דערפילט די ווייטאָגן פון אַ גאַנצער וואָך שווערער האָרעוואַניע. צו מיר קוקט זי ניט אָבער זי רעדט און רעדט.

איז צו וועמען רעדט מיין מאַמע?

איך הער זיך איין צו אירע רייד און פאַרשטיי אַז זי איז ברוגז אויפן טאַטען.

ווען ער קומט אַריין אין שטוב מאַכט ער די ליכט, זאָגט אַ גוטע וואָך. זי שוויגט און ער שטעלט דעם סאַמאָוואַר.

טיי גיסט שוין אָן די מאַמע און דער וואונדער איז געשען וואָס מיין טאַטע רעדט מיט דער מאַמען אַזוי שיין און דערציילט איר ווי ער האָט היינט אויסגענומען אין שול ביים דאַוונען. ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שיין ניט געדאַוונט ווי דעם שבת.

די מאַמע ענטפערט ניט באַלד. שפּעטער הער איך ווי זי זאָגט: איז, וויפיל באַצאָלן זיי דיר פאַר דיין שיינעם דאַוונען? און ווידער די אַלטע סדרה.

אין אָנהויב האָב איך געוואָלט דערציילן פון דעם פעטער שימעלע אָבער איך בין אַביסל אַוועק אין אַ זייט.

איך וויל דערציילן פון אַ פּסח, דעם לעצטן פּסח, וואָס מער בין איך שוין צום פעטער שימעלע קיין מאָל מיט מיך מאַמען ניט געגאַנגען, פשוט דערפאַר ווייל איך בין שוין דעמאָלט געווען אין יונגען „בונד" און האָב שוין געלייענט ביכלעך און בין שוין באַרוועס ניט געגאַנגען, ווייל איך האָב שוין געאַרבעט אין אַ פאַבריק און אויף פּסח זיך אַליין באַקליידט.

מיין טאַטע איז געווען ניט געזונט און יענער פּסח איז מיר געבליבן אויף אייביק אין זכרון.

די מאַמע טוט אָן איר שבתדיקן מלבוש און נעמט מיך מיט צום פעטער שימעלע. איך גיי אָבער אָן חשק. מיר קומען צום פעטער. יאָ, די

טיר איז אָפן, די מומע שפרה איז פאַרפאַליוועט מיט אויפצונעמען אירע קינדער און אייניקלעך. מיין מאַמע קומט אַריין און איך גיי איר נאָך. דער פעטער פרעגט דער מאַמען וואָס זי מאַכט, צי איר שײנער מאַן גיט איר פּרנסה.

איך קוק אויפן יידן מיט בולבעוואַטע אויגן און אויף דער מומען ווי זי פּלאַטערט אַרום די קינדער און ער זיצט ווי אַ פּריץ אויבן־אָן און פירט די מלוכה און ווילט זיך איבער מיין טאַטען וואָס איז אַזוי שיין און אַזוי געלערנט, פאַרוואָסזשע איז דאָ אַזוי גוט און ביי אונדז אַזוי שלעכט? פאַרוואָס?

מיטאַמאָל הער איך ווי מיין מאַמע קלאָגט זיך אַז דער טאַטע איז קראַנק, אירע פאַרדינסטן טראָגן ניט. מיין עלטערער שוועסטער פרומען איז שלעכט: רחל איז אין דער פרעמד, מאיר אין דער פרעמד, הערשל איז אויך אין דער פרעמד. דער אייניציקער נחת איז איר עלטסטער זון לייבל; ער וועט זיין אַ גרויסער מענטש, אַ געלערנטער.

שאָקלט דער פעטער שימעלע מיטן קאָפּ און זאָגט: אַזוי, אַ געלערנ־טער? זייער פיל האָסטו פון דיין געלערנטן מאַן, אַז נאָר אַ געלערנטער זון גייט דיר אָפּ, קבצנים!

מער האָט מיין מאַמע אים ניט געלאָזט ריידן און מיט ביטערניש גע־זאָגט:„ פעטער, גענוג, רעדט מער ניט. מיר איז ביטער האָב איך גע־מיינט אַז איך וועל קומען צו אייך וועט מיר ווערן בעסער, נאָר, איר האָט מיר ניט געמאַכט בעסער נאָר ערגער. טרערן שטיקן איר אין האַלדז און זי זאָגט: אַפילו ווען מיין מאַן זאָל זיין אַ שוסטער אָדער אַ שניידער און אַפילו ווי איר אַ בעל־עגלה. אויב מיין מזל איז צו זיין אָרים וואָלט איך געקענט האָבן מאָטעל דעם טרעגער פאַר אַ מאַן און וואָלט אויך געוועזן אַ קבצנטע. איר דאַרפט זיך שעמען, פעטער, צו ריידן שלעכט אויף מיין מאַן. רעדט בעסער אויף מיר. איך בין מער שולדיק ווי מיין מאַן. זעט ווי אייער ווייב טראָגט אייך אונטער פון שענסטן און בעסטן און דערציילט אַלעמען ווי גרויסאַרטיק איר זיינט. וואָס זיינט איר? און וואָס איז מיין טאַטע? ביי אייך איז דער עיקר וויפיל ער פאַרדינט און איך האָב זיך תמיד צוגעהערט צו אייערע נאַרישע רייד און האָב מיין אָרים לעבן געמאַכט ביטער, קריגעריש, פאַרוואָס?

דער פעטער, די מומע און אַלע קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט און

ענדלעך האָט דער פעטער שימעלע באַקומען לשון און געזאָגט צו דער מאַמע: גיי געזונט און וויין אין דרויסן ניט ביי מיר אין שטוב. קיינער האָט נאָך דיר ניט געשיקט! הערסט אַ חוצפּה! גיי, און פאַרשטער מיר ניט מיין יום־טוב!

מיין מאַמע האָט אים גאָרניט געענטפערט. די מומע שפרה האָט גע־וואָלט פאַרגלעטן, געבעטן דער מאַמען בלייבן אָבער די מאַמע האָט פאַרלאָזן די שטוב אָן אַ וואָרט צו זאָגן. זי איז געגאַנגען טריט ביי טריט. איך ביי דער זייט.

מיט אַ מאָל נעמט זי מיך אָן ביי מיין האַנט און זאָגט שטיל: „דער־צייל ניט קיינעם, אָבער געדענק, אַז צום פעטער שימעלען, וועלן מיר מער ניט גיין, און צום זיידן אויך ניט. ניטאָ צו וועמען”.

אין דרויסן איז נאָך געווען גוט ליכטיק און מיין מאַמע האָט גע־שלונגען אירע טרערן.

אַריינקומענדיק אין שטוב איז מיין טאַטע געלעגן אויף דער סאָפּקע און געקרעכצט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים, געגעבן אַ טאָפּ זיין קאָפּ. ער האָט געברענט ווי אַ פייער. געפרעגט אים וואָס אים איז.

אַ פאַרשוולדיקטער האָט ער געענטפערט: רבקה, איך בין קראַנק. גאָט ווייס צי איך וועל זיך איצט פון מיין געלעגער אויפהויבן.

די מאַמע האָט זיך מער ניט געקאָנט באַהערשן: זי האָט געקלאָגט, — מיט אַ ניגן ווי מ'באַוויינט אַ טויטן. מיך האָט זי געשיקט רופן טאַדרעס דעם רופא.

איך בין געלאָפן און מיין יונג האַרץ האָט געצאַפּלט. איך האָב זיך תמיד געשראָקן אַז מיין טאַטע וועט שטאַרבן, ווייל ער האָט פון זיין טויט זייער אָפט גערעדט, אָבער איצט איז געווען אַנדערש.

טאַדרעס איז מיט מיר באַלד געגאַנגען זען דעם טאַטען. זיי האָבן זיך גוט פאַרהאַלטן.

ווי תמיד האָט דער רופא זיך באַגריסט מיטן טאַטען און געפרעגט פאַרוואָס ער מאַכט זיך נאַריש.

זעקס און פופציק יאָר איז מיין טאַטע אַלט געווען. ווי אַ ליכט איז ער שטיל אויסגעגאַנגען.

ערשט שפּעטער, נאָך מיין טאַטנ'ס טויט, האָט מיין מאַמע שטאַרק באַדויערט דעם טאַטן. געהאַט אַ בריליאַנט און ניט געוואוסט אים ווי

צו שעצן. זי האָט אויך געהאַלטן וואָרט בנוגע איר פעטער שימעלע און די אַנדערע פעטערס. פון איר טאַטן האָט זי זיך געהאַלטן פון ווייטנס. זי האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין ווער איר מאַן איז געווען און ווער איר משפחה איז, אַז פּיאַווקעס זיינען די וואָס צאַפּן דאָס בלוט פון די אַרבעטער.
אָט אַזוי געדענק איך דעם עפּיזאָד.

מיין שוועסטער פרומע

אַן עפּיזאָד

געטראָפן האָט די דאָזיקע פּאַסירונג אין בעסאַראַביע אין אַ קליין שטעטעלע וואָס האָט געהייסן באַראַמטשע. מיין טאַטע, מאָטל דער מלמד, האָט ליב געהאַט באַרייזן די וועלט און קומען אין אַ שטאָט, זיך מאַכן זיין באַשטאַנד און תיקף שיקן נאָך מיין מאַמען מיט אַלע קינדער.

די מאַמע פלעגט זיך ניט לאָזן לאַנג בעטן, צונויפגעבונדן דאָס בעט־געוואַנד, פאַרנומען אירע זעקס קינדער און געקומען צום טאַטן קיין בעסאַראַביע. און אַז דער טאַטע פלעגט דערזען די מאַמע מיט די קינדער, האָט ער זיך זייער געפרייט, אָבער די דאָזיקע פרייד האָט לאַנג ניט גע־דויערט, זי איבערגעלאָזט מיט אַלע קינדער אינעם פרעמדן שטעטל און צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ראַדאָמישלע.

מיין שוועסטער פרומע, איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 18, אַ בליענדע שיינהייט. מיין מאַמע פלעגט ליב האָבן דערציילן ווי שיין פרומע׳ס הענט זיינען געווען. דעם פּנים האָבן אַלע געזען, אָבער פון פרומע׳ס הענט פלעגט די מאַמע זיין באַגייסטערט. און דאָ קום איך צו דער דערציילונג.

פון מיין מאַמע׳ס דערציילונגען, דערוויס איך זיך, אַז צוליב מיין פרומען האָט זיך גענומען דאָס לעבן איינער פון די שענסטע בחורים אין באַראַמטשע. זיין נאָמען איז געווען אייזיק. אָבער גערופן האָט מען אים איסאַק. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, אָבער פון מיין מאַמע׳ס שפּעטערדיקע דערציילונגען, האָב איך פאַרשטאַנען אַז אין ראַדאָמישלע האָט זי דאָס באַקאַנט געמאַכט, ווייל קיינער וואָלט קיינמאָל דערפון ניט געוואוסט. זי פלעגט באַדויערן דעם פאַל, וואָס פרומען איז ניט באַשערט געווען צו זיין אַ מיליאָנערשע. מיין מאַמע אַליין האָט גאָר אייזיקן ליב געהאַט. ער האָט זי גערופן פרוי פעלדמאַן, איר געקושט די האַנט. פרומען האָט ער גערופן פרימע, אָדער מאַמזעל, אַניט האָט ער זי גערופן פרימע מארקאָוונע. אייזיק אַליין איז געווען אַ קראַסאַוויץ און זיין פאָטער דער

רייכסטער ייד אין באראמטשע. אָבער מיין פרומע האָט אייזיקן אַפילו ניט באַמערקט. אייזיק האָט פרומען ליב געהאַט, זיך צו איר געלאַסטשעט און זי האָט זיך אויף אים קיינמאָל נישט אומגעקוקט. אַפטמאָל אַז אייזיק איז אַריינגעקומען, איז גאָר פרומע באַלד אַוועקגעגאַנגען. און אייזיק איז נעבעך געבליבן מיט דער מאַמען אין שטוב.

דאָס שטעטעלע אין וועלכע די געשיכטע איז פאָרגעקומען האָבן די מענטשן נישט געקענט באַגרייפן דאָס לעבן פון דער פרוי מיט די קינדער. מיין מאַמע האָט געדאַרפט שווער אַרבעטן און האָדעווען די 6 קינדער.

אין יענער צייט האָט אין בעסאַראַביע געבושעוועט דער הונגער און ממילא האָבן מיר אויך געדאַרפט הונגערן.

אין יענער צייט איז די מאַמע מיט די קינדער געווען אַזוי ווי אויפן וואַסער. אין אַ פרעמדער שטאָט, אָן לעבנסמיטלען, פרומע איז אַלט 18 יאָר און אונטער איר אַלע קינדער.

אונדזער מאַמע איז געווען זייער אַ גוטע מאַמע און אונדז געוואָלט געבן עסן און אונדז דערהאַלטן ביים לעבן. און אין דער דאָזיקער צייט דערשיינט אייזיק און הייבט אָן אַריינקומען אַלע טאָג. די מאַמע נוצט אויס די געלעגנהייט און ווערט פון אייזיקן אַריינגעפירט אין די גבירישע הייזער. זי פאַרקויפט זיי וואָס נאָר זי האָט געקאָנט דעמאָלט קויפן און פאַר די דאָזיקע פאַרדינסטן האָדעוועט זי די גאַנצע פאַמיליע.

פאַר מיין מאַמען איז אייזיק געווען עפעס אַ מין אליהו הנביא. מיר וואָלטן זיכער דעמאָלט געווען אומגעקומען פון הונגער, אָבער אַ דאַנק זיין ליבע צו מיין פרומען, האָט ער אונדז אַלעמען ליב געהאַט און פלעגט אונדז ברענגען פעקלעך עסן. און ווי נאָר פרומע האָט אים דערזען, איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן. אייזיק פלעגט בלייבן שטיין אַ פאַרלוירענער און מיט אַ געבעט אין זיינע אויגן קוקן אויף אונדז און פרעגן דער מאַמען, אָבער פאַרוואָס אַנטלויפט זי פון מיר?

געוויינטלעך איז דער מאַמען די גאַנצע מעשה ניט געווען צום האַרצן, אָבער געטראַכט האָט זי, אַז פרומע וועט ווערן קליגער און איינזען אַז אייזיק איז פאַר איר אַ גרויסער גליק.

אייזיק׳ס עלטערן זיינען פון זיינע וויזיטן צו אונדז ניט געווען פאַר־כאַפּט. ער איז ביי זיינע עלטערן געווען אַ בן יחיד און זיי האָבן פאַר אים

געזוכט אַ גרויסאַרטיקן שידוך און מיטאַמאָל גייט ער ניט אַרויס פון דער פוילישער שטוב. אין בעסעראַביע האָט מען אַפילו די רוסישע גערופן פוילישע און צוגעלייגט דעם נאָמען, „פוילישע דריפּקעס". געהייסן האָט עס ביי זיינע עלטערן אַז דאָס מיידל פאַרנאַרט זייער זון און וויל מיט אים חתונה האָבן. גיי דערצייל זיינע עלטערן, אַז דאָס מיידל האָט אויף אייזיקן געקוקט ווי אויף אַ הינטעלע. פאַרקערט, זי האָט אים איינמאָל געזאָגט, איר זעט אונדזער הינטעלע מוצי, אונדזער הינטעלע געדענק איך זייער גוט, עס איז געווען אַ זיס הינטעלע, ס'האָט אויך מיט אונדז געהונגערט. זאָגט צו אים פרומע, אייזיק, מיין הינטעלע מוצין האָב איך ליב, אָבער אייך האָב איך ניט ליב. און אייזיק פרעגט, פאַרוואָס, פרומע? און פרומע ענטפערט אייזיקן, דערפאַר וואָס איר אַליין טוט גאָרניט און לעבט אויף אייערע עלטערנ'ס חשבון. איר זאָגט איר האָט מיך ליב, און איר ווייסט אַפילו ניט וויפיל איר וועט ליידן ווען איך זאָל אייך מיט מיין ליבע ענטפערן. בעסער וועט זיין פאַר אייך מיך פאַרגעסן.

איר ווייסט דאָך אַפילו ניט ווי אַזוי מען פאַרדינט אַ רובל און ווען איר וואָלט אַפילו וועלן ווערן אַ מלמד אַזוי ווי מיין טאַטע, זעט איר דאָך מיין מאַמע'ס גליקן. בפרט, פאַרענדיקט פרומע, אַז איך האָב אייך גאָר־נישט ליב און איך וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט חתונה האָבן פאַר אַ בחור וואָס איך האָב ניט ליב. אייער געלט נעמט מיך ניט. גייט בעסער אַהיים צו אייער טאַטע־מאַמע און זאָלן זיי אייך חתונה מאַכן פאַר אַ מיידל מיט אַ סך נדן.

פרומע האָט אים איבערגעלאָזט מיט מיין מאַמען און איז אַרויסגע־לאָפן פונעם שטוב. אייזיק איז געבליבן שטיין אַ פאַרצווייפלטער. מיט פינצטערע בליקן האָט ער געקוקט אויף מיין מאַמען, גאָרנישט געזאָגט און איז אויך אַוועקגעגאַנגען.

אויף מאָרגן איז שוין אייזיק ניט געקומען. אייזיק איז בכלל שוין מער ניט געקומען. ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. אייזיק האָט זיך פאַר'סמ'ט.

זיינע עלטערן האָבן וועלטן איינגעלייגט. מיין מאַמע האָט ביטער געוויינט. אויף פרומען האָט עס אויך געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק.

דאָס גאַנצע שטעטעלע איז איינגעהילט געוואָרן אין טרויער. אַ גרויסע טייל איינוואוינער האָבן געוואוסט פון זיך ליבע צו מיין פרומען און זיינען געווען אויפגעקאָכט.

מיר האָבן געוואוינט אין דער אָרימער טייל פון שטאָט צווישן מאלדע־וואנעס און גראדע זיי האָבן באַוואונדערט מיין פרומען. ביי זיי איז אויס־געקומען אַז עס וואלט גאָר געווען געדאַרפט זיין פאַרקערט, דאָס מיידל האָט זיך געקענט נעמען דאָס לעבן צוליבן בחור וואָס האָט זי געקענט אומגליקלעך מאַכן, און דאָ איז גאָר געווען פונקט פאַרקערט.

אין יענע טעג, ווען מיין מאַמע האָט געמיינט אַז די וועלט ענדיקט זיך, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין טאַטען און ער בעט אונדז קומען צוריק קיין ראַדאָמישלע. אין דעם בריוו איז געווען געלט. די מאַמע לאָזט ניט לאַנג וואַרטן. ווידער פאַרבינדט זי די קלומקעס מיט אונדזער ביסל בעטגעוואַנט און אין אַ וואָך שפּעטער געפינען מיר זיך שוין צוריק אין אונדזער געבורט־שטאָט ראַדאָמישלע. און גאָט'ס וואונדער, ווי מיר זיינען נאָר געקומען צוריק קיין ראַדאָמישלע האָבן שוין אַלע געוואוסט אַז צוליב פרומען האָט זיך אַ בחור גענומען דאָס לעבן. מענטשן זיינען געלאָפן קוקן אויף פרומען ווי אויף אַ בייז־וואונדער. דער מאַמען האָט געברענט דאָס פנים פון שאַנדע. קיין מעלה צו קיין שידוך איז דער קלאַנג אויך ניט געווען. קיין נדן איז פאַר פרומען ניט געווען אָנגעגרייט, אָבער איר שיינ־קייט איז געווען אַ האַלבער נדן.

איצט ווען איך דערצייל פון פרומע'ס שיינקייט וויל איך זי באַ־צייכענען ווי אַזוי זי פלעג גיין אָנגעטאָן. אַן אויסגעאַרבעט רויט יאַקעלע, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט איר פיין געשטאַלט, צוויי חן גריבעלעך אין אירע באַקן, אַ פּאָר קלוגע אויגן און אַ שמייכל, אַז מענטשן זיינען צו איר צוגעצאָטן געוואָרן, איבערהויפּט אין אַזאַ אָרימקייט זאָל זיין אַזאַ שיינהייט! און אַזוי ווי מיין מאַמע האָט זייער ליב געהאַט מיין פרומע'ס הענט, האָט זי מורא געהאַט איר זיי צו לאָזן חרוב מאַכן און זיך געשפּיגלט אין אירע חן גריבעלעך און תמיד געבענטשט גאָט פאַרן האַלבן נדן.

דערווייל גייען אַוועק נאָך צוויי יאָר. פרומע איז שוין 20 יאָר און קיין שידוך איז נאָך אַלץ ניטאָ. און מען קוקט שוין אויף פרומען ווי אויף אַ פאַרזעסענער מויד.

אײן פרימאָרגן קומט צוגײן מײן טאַטע פּונעם דאַװנען און זאָגט צו דער מאַמען, רבקה, קום נאָך אַהער. נאָך מײן מאַמע׳ס צוגײן צום טאַטען פאַרשטײ איך אַז עפּעס װעל איך באַלד הערן. איך האָב טאַקע געטראָפן. דער טאַטע דערצײלט דער מאַמען אַז אַרום 12 אַזײגער בײטאָג װעט קומען אַ חתן אָנקוקן מײן פרומען, אָבער דו זאָלסט איר גאָרנישט זאָגן, זי קאָן נאָך ניט „סטײען״.

„דו רבקה גרײט אָן אַביסל בראָנפן, לעקעך האָבן מיר און דער חתן, דערצײלט ער איר, קומט פון קאַריסטשאָוו, אַ ײנגל װאָס זײן נאָמען איז באַרימט מיט זײן גרויס קענטעניש. מ׳רופט אים חיים דוד האַסקילעס. ער איז זײער אַ ציטערדיקער דערפאַר האָט ער אַזאַ לאַנגען נאָמען. דער רבי אַלײן האָט אים געגעבן אָטדעם נאָמען צו לאַנגע יאָר. געבראַכט האָט מען אים קײן ראַדאָמישלע אָנקוקן אַנאַנדער מײדל, אָבער אים געפעלט ניט דאָס מײדל. האָב איך געבעטן דעם שדכן ער זאָל צו אונדז ברענגען דעם בחור. האָט מיך דער שדכן געפרעגט צי מיר האָבן נדן״. צעשמײכלט זיך די מאַמע, און זאָגט, װאָזשע האָסטו געזאָגט דעם שדכן, אַז מיר האָבן נישט קײן נדן. ענטפערט איר דער טאַטע: פאַר אַזאַ נאַר האָלסטו מיך שױן. איך האָב נאָטען דעם שדכן געזאָגט, אַז זײן שדכנות װעל איך אים מיט גאָטס הילף באַצאָלן, ער זאָל מיר נאָר ברענגען דעם בחור. איך בין זיכער, — פאַרענדיקט דער טאַטע, אַז אונדזער פרומע װעט אים געפעלן. און דאָ פרעגט ער דער מאַמען, װאוזשע איז פרומע?

פרומע איז דעמאָלט געשטאַנען אין דרויסן װען דער חתן איז אָנגע־קומען. דער בחור איז געגאַנגען מיטן שדכן, אָבער װען ער האָט דערזען מײן פרומען שטײן אין דרויסן איז ער פונעם שדכן אָפּגעגאַנגען, האָט זיך געװאָלט פאַרקוקן אויף פרומען, אָבער דער שדכן האָט דעם בחור אַ שלעפּ געטאָן און איז מיט אים צו אונדז אין שטוב אַרײַנגעגאַנגען.

פרומע װידער האָט געװאָלט זען נאָך װאָס דאָס ײנגל איז אַצינד בײ אונדז אין שטוב און דער װאונדער איז געשען. אַז דער שדכן האָט גאָר קײן סך ניט געהאַט װאָס צו טאָן. דער שידוך איז געװאָרן געשלאָסן אַפילו אָן די עלטערן, דאָס מײנט, מען האָט געמאַכט אַ קנין און אָפּגעלײגט דעם קנאַסמאָל אויף אַן אומבאַשטימטער צײט. דעם חתנ׳ס עלטערן האָבן געאַרבעט מעשים. זײ האָבן פאַר זײער זון געװאָלט אַ סך נדן און דאָ נעמט ער אַ מײדל אָן אַ פּרוטה. בײדע שטעט ראַדאָמישלע און קאַריס־

טישאָוו זייִנען ווי אַ זאַל מיט אַן אַלקער. עס איז געוואָרן פריילעך אין שטעטל. אַנשטאַט אַ קנאַסמאָל האָט מיין טאַטע מאַמע זיך געגרייט אויף דער חתונה און פאַר דער חופה די תנאים געשריבן. און אַזוי איז געפּראַוועט געוואָרן אַ חתונה ביי מיין שוועסטער פרומען. אויף קעפ איז מען געשטאַנען. די קלעזמער האָבן גאָר אַנדערש געשפּילט; דער בדחן האָט גאָר אַנדערש די כלה באַזעצט. אין יענע יאָרן, אַ חתונה אויס ליבע, איז געווען אַ גרויסע געשעעניש. און יאָרן און יאָרן געדענק איך, האָט מען אייזיקן ביי אונדז אין שטוב תמיד דערמאָנט און מיין שוואָגער חיים פלעגט צוגעבן, גאָט צו דאַנקען וואָס פרומע האָט מיך געוואָלט, אַניט, וואו וואָלט איך אַצינד אָנגעשפּאַרט?

חנוכה אין דער אַלטער היים

(געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיינע עלטערן)

חנוכה איז ביי אונדז ניט געווען גלאַט קיין יום־טוב. אויף חנוכה פלעגן מיר וואַרטן מיטן גרעסטן אומגעדולט. דעמאָלסט איז אונדזער שטוב פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ מאַסטערסקאַיע פון מאַכן דריידלעך פון צין.

מיין טאַטע מאָטל דער מלמד האָט ליב געהאַט צו זיין אַ בעל מלאכה. עס איז געווען זיין פאַרגעניגן חנוכה צו מאַכן דריידלעך און פורים אויס־מייסטרעווען גראַגערס און אַזוי ווי איך בין געווען די קלענסטע, האָט מיין טאַטע מיך געהאַלטן פאַר זיין געהילף. צו די דריידלעך האָט ער געדאַרפט האָבן דעמבבענע האָלץ אויסצושניידן די פאָרמע, האָט ער מיך געשיקט צו מאיר דעם סטאָליער נאָכן האָלץ. ניט קיין סך האָלץ, אָבער מען דאַרף עס בעטן.

מאיר דער סטאָליער פלעגט זיך מאַכן טויב אָדער ער איז טאַקע געווען אַ טויבער. קיינער האָט אויף געוויס ניט געוואוסט. אָבער וואָס מען האָט מאירן געפרעגט, האָט ער איבערגעפרעגט מיט אַ אַ? זאָג עס נאָכאַמאָל. אַלע יאָר, געדענק איך האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די אייגענע מעשה.

אַז איך האָב געבראַכט דאָס האָלץ, האָט דער טאַטע זיך גענומען מייסטרעווען די פאָרמע. ער פלעגט אויסשניצן אינווייניק אינם האָלץ אַ דריידל מיט די אותיות „ב ־ ג ־ ה ־ ש" — דאָס מיינט: נס גדול היה שם. דעם צין האָט דער טאַטע צעלאָזט און האָט עס פּאַמעלעך אריינגעגאָסן אין דער פאָרמע, דאָס האָלץ גוט פאַרקרעמפּעוועט מיט אַ שטריקל ביז דער צין איז געוואָרן פאַרקילט. שפּעטער, ווען די דריידל איז אַרויסגענומען געוואָרן, האָט מען עס געדאַרפט פאַרשניצן אַזוי אַז עס זאָל זיך קאָנען גוט דרייען. עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ לאָמטערנדל וואָס מען פלעגט ווינטער טראָגן אין חדר, אינווייניק מיט אַ ליכטל אַז עס זאָל זיין ליכטיק צו גיין אַהיים.

די אותיות האָבן געשיינט אויף אַלע פיר זייטן, אַ שטעקעלע פון אויבן,

אַ שפּיץ פון אונטן און דער וואָס האָט געקאָנט גוט דרייען איז געווען באַרימט פאַר אַ גוטן שפּילער אין דריידל.

מיין טאַטע האָט ליב געהאַט די דאָזיקע מלאכה. שעה׳ן לאַנג האָט ער געאַרבעט אויף די דריידלעך: מיט די קינדער האָט ער שוין אין יענע טעג ניט געלערנט. ער האָט געהייסן משה דעם באַהעלפער צו ווערן דער מלמד און אַליין האָט ער מיט גרויס התמדה געמאַכט די דריידלעך.

איך בין נאָך דאַמאָלט געווען אַ קינד פון אַ יאָר אַכט, ניין און האָב זייער ליב געהאַט מיין טאַטען פאַר זיין אַלץ קענען און וויסן און האָב אויף אים רחמנות געהאַט פאַרוואָס מיין מאַמע האָט אים ניט אָפּגעשאַצט. מיט אַלץ האָט ער זיך פאַר דער מאַמע באַרימט: זעסט, רבקה, זע נאָר אַ דריידל, זע נאָר ווי עס פליט, און האָט מיט דעם געגעבן אַ דריי איבער טיש און עס איז טאַקע געווען אַ חידוש. דאָס דריידל איז מיט פיל שנעלקייט גע־פלויגן איבערן טיש אַזוי ווי אין אַ טאַנץ, נאָך דעם איז עס געשטאַנען שמנה עשרה און זיך געשאָקלט ווי העגעכל דער רב ביז עס פלעגט צו־פאַלן צו מיין טאַטענ׳ס הענט, האָט ער עס אַריינגענומען צוריק אין זיין האַנט און באַטראַכט זיין קונסט ווערק מיט גרויס ליבשאַפט.

אָבער די מאַמע האָט אויף אים מיט בטול אַ קוק געטאָן, אַ טיפן זיפץ געגעבן, און שפּעטער האָב איך געהערט ווי זי זאָגט צום טאַטען, פאָלג מיך מאָטל, גיי בעסער מאָנען שכר לימוד, פון דיינע דריידלעך וועלן מיר קיין שבת ניט אויסדרייען. ביז וואַנען איז טאַקע דער שיעור אַז איך זאָל אַזוי שווער און ביטער האָרעווען און דו וועסט זיצן, קוועטשן די באַנק און זיך שפּילן אין דריידלעך?

דער טאַטע האָט דעמאָלט געקוקט אויף מיר, אין זיינע אויגן איז געווען אַ קינדערשער שמייכל. ער האָט זיך געשעמט, מסתמא, וואָס די מאַמע מאַכט אים צו קליין געלט. אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָט די מאַמע געבאַקן לאַטקעס צום ערשטן ליכטל, געפּרעגלט שמאַלץ און זיך געגרייט אויף די קינדער.

אין אָוונט האָט דער טאַטע געבענטשט חנוכה ליכטלעך. אַלע אונ־דזערע קינדער זיינען געקומען. חנוכה געלט האָט מיין מאַמע געגעבן. די אייניקלעך זיינען אַפילו צום זיידן ניט צוגעגאַנגען נאָכן חנוכה־געלט. מיין שוואָגער, חיים, מיין שוועסטער פרומע׳ס מאַן, האָט זיך מיטן טאַטען אָוועקגעזעצט שפּילן דאָמינאָ. דער לאָמפּ האָט העל געברענט. די מאַמע

האָט שוין די וועטשערע אָפּגעקאָכט, די לאַטקעס אָפּגעבאַקן און די שמאַלץ אָפּגעפּרעגלט. איצט זיצט זי מיט מײַן שוועסטער פרומע און קוקן זיך צו ווי דער טאַטע מיט חיימען שפּילן אין דאָמינאָ. רחל מײַן שוועסטער דערלאַנגט צום טיש שמעקעדיקע טיי, וואָס דער אַראָמאַט צעטראָגט זיך איבער אונדזער שטוב. וויסאָצקי׳ס טיי. די אייניקלעך האָבן זיך פאַרקליבן אויפן באַנק־בעטל, און איך, די מומע, האָב זיי מעשהלעך דערציילט און מיר האָבן צוזאַמען אין דריידל געשפּילט.

(צוליב דעם וואָס מײַן מאַמע איז געווען אַ לעקעך־בעקערין איז אין שטוב געווען וואַרעם און עס האָט געשמעקט מיט האָניק).

מײַן שוואָגער חיים איז מיטן שווער זײַנעם געווען חברים. ביידע האָבן ניט געקאָנט מפרנס זײַן זייערע ווײַבער און ניט דערציִען זייערע קינדער. דער איידעם איז געווען אַ לערער פון העברעיִש און מײַן שוועסטער פרומע האָט אַלע יאָר געהאַט אַ קינד. דער דלות איז געווען זייער גרויס און די מאַמע האָט זיי געמוזט העלפן. איצט איז געווען יום־טוב האָט מען פאַרגעסן אַלע קריוודעס. מײַן שוועסטער רחל איז אויס־געפּוצט ווי אַ כלה, ווײַל זי איז אַלע מאָל געווען צום אָנקוקן. רחל איז שוין דאַמאָלט געווען 17 יאָר, אַ שיינהייט, אָבער צו די בחורים האָט זי קיין מזל ניט געהאַט, ווײַל תמיד האָט זי געלייענט אַ ביכל. ווען אַ חתן איז איר געקומען אָנקוקן האָט זי זיך באַזעצט אויפן סאָפּקע לייענען אַ ביכל. איך בין געווען אינגער פון איר מיט פינף יאָר, האָב איך זי גע־לערנט: רחל, לייען ניט קיין ביכל ווען מ׳בריינגט דיר אַ חתן; רעד מיט אים בעסער. האָט זי מיר פאַר דער לערע געגעבן אַ גוטן פּאַטש, אַז זי ווייסט אַליין וואָס זי דאַרף טאָן און ניט אַ שנעק זאָל זי לערנען. היינט אָבער איז זי פאַרפּוצט צוליב דעם יום טוב חנוכה.

דער טאַטע מיטן איידעם פאַרענדיקן די שפּיל. דער איידעם האָט געוואונען. ביידע שטייען אויף פון טיש. רחל און פרומע גרייטן דעם טיש. מען שטעלט אַוועק צוויי לאַנגע בענק. אויבן־אָן אויף אַ שטול באַזעצט זיך דער טאַטע און מיר הייבן אָן פאַרכאַפּן ערטער. די מאַמע דערלאַנגט דאָס עסן. קיינער העלפט איר ניט אַרויס. זי גיט יעדערן אַ טעלער באָרשט וואָס פאַרשמעקט די שטוב און דערנאָך שטעלט זי אַוועק אויפן טיש אַ פּאָלומיסק מיט לאַטקעס, אַ טעלער גריוון, אַ שיסעלע שמאַלץ און ווען די מאַמע זעצט זיך אַוועק צום טיש, זאָגט זי מיט אַ פרומער מינע: עסט

און טרינקט מיינע קינדער, פריער גאָט און דערנאָך אייער מאַמעס האַר־רעוואַניע. דער טאַטע קוקט אויף דער מאַמען מיט ליבשאַפט און ער פאַרגיט איר אַן ווערטער. די סעודה פון חנוכה ווערט פאַרצוקט מיט גרויס אַפעטיט. נאָכן עסן שפּילט שוין קיינער ניט אין דריידל אָדער אין דאָמינאָ. דער טאַטע דערציילט אַצינד דעם נס פון חנוכה. שיין דערציילט ער ווי אַזוי די גריכן האָבן אונטערדריקט די אידן אין ארץ ישראל. דער הערשער אַנטיאוכוס האָט געוואָלט אַז די אידן זאָלן איבערנעמען די גריכישע מנהגים, זייער שפּראַך און זיך בוקן צו זייערע אָפּגעטער, אָבער אַן אַלטער איד, מתתיהו מיט זיינע פינף זין, די מאַקאַבייער, האָבן גערופן די יידן זיך קעגנצושטעלן די גריכן, און כאָטש די מאַקאַבייער זיינען ניט געווען קיין גרויס אַרמיי, האָבן זיי פאַרטריבן די גריכן און דער נס איז געווען ווען מען האָט די גריכן פאַרטריבן און מען האָט אויסגערייניקט דעם בית המקדש האָט מען געפונען אַ קליין קריגעלע מיט בוימעל און ווען מען האָט אָנגעפילט און אָנגעצונדן די מנורה, האָט דאָס געברענט 8 טעג. אַצינד איז דער טאַטע דער זיגער. ער באַהערשט אַלעמען מיט זיין וויסן און מיר אַלע זיינען אָנגעשפּיצט אויפצוכאַפּן יעדן וואָרט. ווי שיין ער קען דערציילן די נסים פון דעם יידישן פאָלק: ווי אַזוי זיי קומען אַרויס געלייטערט פון אַלע בייזע אָנפאַלן און ווערן געשטאַרקט. זיינע דערציילונגען ציען זיך ווי אַ לאַנגע קייט, אַזוי לאַנג ווי דער יידישער גלות.

די אייניקלעך זיינען שוין לאַנג איינגעשלאָפן. פרומע ווערט אומרואיק, זי דאַרף שלעפן די קינדער אַהיים, אָבער איר מאַן חיים, וויל נאָך ניט אַוועקגיין. ער איז דעם טאַטענ׳ס בעסטער צוהערער. מיין מאַמע דרעמלט שוין אויך אונטער. די איינציקע וועמען עס נעמט ניט קיין שלאָף בין איך. איך קוק אויפן גאַנצן עולם וואָס איז אויסגעמאַטערט און וויל שוין גיין אַהיים. דער טאַטע שטעלט זיך אויף אין זיין גאַנצער גרויס און באַגלייט אַרויס די קינדער אין דרויסן. איך גיי אויך מיט. אין דרויסן איז אַ פרעסטל. דער הימל איז פינצטער אָבער אין האַרצן איז מיר וואַרעם און ליכטיק.

ערב פסח אין דער אַלטער היים

(געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין

אומגעקומענעם ברודער מאיר־לייזער).

באַלד נאָך פּורים, געדענק איך, האָט זיך ביי אונז אין שטעטל אָנ־געהויבן רודערן. דער מאַרק האָט אויסגעזען—אין די דאָזיקע טעג—גאָר אַנדערש. די פּויערים האָבן זיך געפּעדערט, פאַרטאָג נאָך, צו זיין אין די יידישע שענקען, ווייל אויפן וועג זיינען זייערע סחורות צעכאַפּט געוואָרן. פון די שטייגן האָט זיך געהערט דאָס גאָגערן פון גענז. עס האָט שוין געשמעקט מיט ערב פרילינג, דאָס מיינט ערב פּסח.

אָבער ניט פאַר אַלעמען איז דער ערב פּסח געווען גלייך. פאַר מיין מאַמען מיט אירע קינדער, האָט דער ערב פּסח געמיינט שווערע האָרע־וואַניע, ווייל מיין טאַטע איז געווען קראַנק אויף אַסטמאַ, האָט מיין מאַמע מיט די קינדער געמוזט האָרעווען כדי אַריינצובריינגען דעם פּסח אין שטוב.

אַזוי אַרום האָט זי גענומען מיין שוועסטער רחל׳ן, און פאַרטאָג אויף מאָרגן נאָך פּורים, האָבן זיי שוין געוועלגערט מצות ביי שרה ראַסקיס אין פּאָדראַד. מיין מאַמע איז געווען אַ קנעטערן און רחל אַ מצה־וועלגערן. ביי דער דאָזיקער אַרבעט זיינען געשטאַנען פרויען, מענער און קליינע מיידלעך און יינגלעך: וואַסער־גיסער, מעל־שיטער, רעדלערס, דערלאַנ־גערס, שיבערס, די וואָס זעצן די מצות אין אויוון.

מיר איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו זיין אַ מצה־וועלגערן אין דעם פּאָדראַד און צו זען די אַרבעט ווי אַזוי די מצות ווערן אַזוי שיין געבאַקן. אָבער איך האָב געמוזט בלייבן אין שטוב און פאַרזעצן באַקן אונזער לע־קעך. ווייל מיין מאַמע איז געווען אַ לעקעך־בעקערן, האָט זי די פּרנסה ניט געוואָלט אויפגעבן. איך האָב אויך פאַר מיין טאַטן געדאַרפט מאַכן עסן און טרינקען און פאַר מיין מאַמען מיט רחלען אין פּאָדראַד טראָגן אַלע טאָג עסן.

אַזוי אַרום פלעג איך אויפֿשטיין גלייך מיט דער מאַמען און מיט רחל'ען. זיי זיינען אַוועק אין פֿאַדראַד און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט וואָס איז שוין געוואָרן ביי מיר אַ געוואוינהייט.

און אַז דער טאַטע האָט שוין אָפּגעדאַוונט, האָב איך אים זיין אָנבייסן אָפּגעגעבן און זיך געפֿעדערט אַוועקצוטראָגן עסן צו מיין מאַמען און רחלען.

דער דרויסן איז שוין געווען אומרואיק: די פּויערים האָבן פֿון זיך געטריבן די מעקלערינס אָדער „איבערקויפֿערינס" וואָס האָבן געוואָלט עפּעס פֿאַרדינען. עס האָבן זיך אין די פּרימאַרגנס באַוויזן גוים, קאַליקעס מיט באַנדאַרעס, בלינדע בעטלער און ביים קלויסטער איז געזעסן פּאַנע־לינע די פּריצטע, אויסגעפּוצט אין פֿאַרשיידענע טראַלדן. זי איז געווען טשיקאַווע, אַ מין לעגענדע. פּאַנעלינע די משוגענע, האָבן מיר זי גערופֿן. די גאַנצע שטאָט פֿלעג איך דורכשפּאַצירן, ביז איך בין געקומען צו מיין מאַמע'ס פֿאַדראַד. איך בין ניט געווען גוט אָנגעטאָן פֿאַרן ווינטער. איך האָב געלעבט מיט דער האָפֿענונג אַז אויף פּסח וועל איך זיך באַנייען. דערווייל גיי איך מיט מיין צעריסענעם מאַנטעלע און ניט קיין גאַנצע שיך. איך כאַפּ זיך אַז די טעפּלעך עסן זיינען שוין ניט אַזוי הייס און זיי וואַ־רעמען מיך ווייניקער. וועגן איך זיך אָפּ פֿון דעם אַנדערן וועג, פֿאַר־שנעלער מיין טראָט און אָט בין איך שוין אין פֿאַדראַד.

ווען איך קום אַרייַן אין פֿאַדראַד, ווער איך צעטומלט. די שטוב איז אַ גרויסע מיט קליינע פֿענצטערלעך, הייס ווי אין אַ גיהנום. דער שיבער שטייט ביים אויוון האַלב־נאַקעט און זעצט פֿלינק די מצות. ער קערט זיי איבער און באַלד נעמט ער זיי אַרויס פֿאַרברוינטע און וואַרפֿט זיי אין אַ גרויסן קויש. די וועלגערינס שטייען ביי לאַנגע טישן און וועלגערן צום ריטם. אייניקע קנעטן די טייגלעך פֿלינק און מיטביידע הענט ביז עס ווערט גלאַטיק און באַלד ווערט די מצה פֿאַרטיק און דער רעדלער נעמט עס אַוועק. די מאַמע מיינע קנעט די מעירעס. אַ מעירע איז געווען באַ־שטימט פֿון משגיח וויפֿיל מעל און וויפֿיל וואַסער מען דאַרף אַריינטאָן. די גרויסע מעשענע שיסל האָט געבלאַנקט, און פֿאַר'חידושט האָב איך געקוקט אויף מיין מאַמען: ווי שיין די ווייסע פֿאַטשיילע האָט איר געפּאַסט צו איר חנעוודיק פּנים. שיין זיינען אויך געווען די וועלגערינס מיט די ווייסע פֿאַטשיילעס און קלאָרע פֿאַרטיכלעך.

מײַן מאַמע מיט רחל׳ן זע איך ווי זיי עסן דאָס געקעכץ און קוקן אויף מיר קרום. צו שפּעט בין איך געקומען. איך ווידער קוק אַצינד אויפן פּאָדראַד. איך באַטראַכט דעם אימפּעט וואָס טראָגט זיך פון אַלעמען. די באַלעבאָסטע שרה ראַסקיס, איז ווי אַ פעלד־מאַרשאַל: זי גיט אַכטונג אויף די וועלגערינס זיי זאָלן זיך ניט פאַרשפּילן אָדער פאַרזינגען. דער זעצער מוז האָבן די מצות פאַרטיק. די באַלעבאָסטע וואָס אירע מצות ווערן געבאַקן, גיט אַכטונג אַז קיין טייגלעך זאָלן ניט ווערן חמצ׳דיק. דער משגיח דרייט זיך אַרום און היט אָפּ כשרות, אַז עס זאָל זיין פּסחדיק, נאָכן עסן זאָל מען וואַשן די הענט.

ווען די מאַמע און רחל ווערן פאַרטיק מיטן עסן, גיבן זיי מיר אָפּ די כלים און שיקן מיך אַהיים. נאָך שטיין און קוקן האָט שוין ניט קיין זינען, ווייל דאָ שטייט מען ניט גלאַט אַזוי. יעדער פּיצעלע אָרט איז פאַרנומען. גיי איך אַ פאַרבענקטע אַרויס פונם פּאָדראַד און לאָז זיך ווידער גיין דורך דעם מאַרק אַהיים.

דער מאַרק איז אַצינד פול מיט גוים און גויעס, יידן און ווייבער. וואָס איז אַצינד ניטאָ אויף די וועגענער? פרישע אייער, אַמעריקאַנער קאַרטאָפל, ציבעלעס, פּאַסטערנאַק, בורעקעס אויף פּסח׳דיקן באַרשטש. אַלץ דאַרף אין קאַרגע פיר וואָכן צוגעגרייט ווערן אויף פּסח. „איבערקויפערינס" שטייען אַרום די וועגענער און זיי זייגן דם שונאים די באַלעבאָסטעס וואָס ווילן זייער שטיקל ברויט צונעמען פון זיי.

אויף די שטעלן זיינען אַצינד אָנגעשטעלט סאַמאָוואַרן, גויעשער לעקעך, פּראָסטער שטרודל, און די דאַרפסמענטשן, נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט זייערע סחורות, טרינקען אַצינד זיסע טיי מיט אַ פרישן צובייס. די שאָפּע וואָס שטייט אין מיטן מאַרק איז פול מיט גוים וואָס עסן געפּרעגלטע פיש, און מיר גייט אויס דאָס חיות נאָך אַזאַ שטיקל פיש, אָבער ניט איך האָב געלט פאַר פיש און ניט מען מעג עסן די פיש. שלינג איך די סלינע און גיי ווייטער קוקן, — און וואָס זע איך ניט? אַ גאַנצער מישמאַש! אויף קריגט מען זיך און מען שילט זיך מיט ביטערע קללות, ווייל איינע האָט ביי דער צווייטער עפּעס אויסגעדונגען.

מיט אַמאָל, אַ געלויף, — מען האָט געכאַפּט אַ גנב׳טע. איך קום צו נעענטער, דערזע איך אַ באַקאַנט פּנים, וואָס אַלע האָבן זי טאָקע גערופן כייעצקע די גנבטע, אָבער איצט, ווי זי שטייט אויפן מאַרק אַ געכאַפּטע

ביי דער גנבה, האָב איך אויף איר רחמנות! זיי שטייט אָן אומבאַהאָלפּענע, אַלע זידלען זי און ווילן נעמען נקמה פאַר די גנבות וואָס זי האָט ביי זיי גע׳גנב׳עט און מען האָט זי ניט געכאַפּט.

גאָלדע די בעקערין, אַ בלינדע אויף אָן אויג, דערציילט אַלעמען ווי אַזוי זי האָט זי געכאַפּט. אַחוץ דער גנבה — דערציילט גאָלדע — וואָס זי האָט ביי איר גע׳גנב׳עט האָט זי איר אַלע גלאַטע מטבעות אַריינגעשטופּט. „זי מיינט, די גנב׳טע, אַז איך בין שוין אינגאַנצן בלינד! היינט אין דער פרי, זי איז דאָ, און ווי מיינט איר, אויף אַ פּיטשאַטיק, וועל איך מיך מיט איר פאַרנעמען? פרעג איך זי: כייעצקע, וואָס ווילסטו אויפן פּיטשאַטיק? ענטפערט זי מיר אַז זי וויל אַ ברויט. נעם איך איר וועגן דאָס ברויט און זי גייט שוין אַוועק. שריי איך: כייעצקע, וואו גייסטו? און זי לויפט און איך נאָך איר. און אָט, זעט מענטשן, ווי זי האָט ביי מיר געוואָלט ראַבעווען אַ ברויט!"

איך קוק אויף כייעצקען ווי זי איז צעטומעלט. זי שטייט אַרונטער־געלאָזט די אויגן. אַלע האָבן צו איר טענות פאַרוואָס זי גנב׳עט, און זי קוקט אויף אירע גרויסע מאַנסבילשע צעריסענע שיך; אויף דער פּלייצע טראָגט זי אָן אַלטע פאַרלאַטעטע שאַל און שווייגט. זי קוקט ניט אויף קיינעם, ביז עס קומט אַ „גאַרדעוואָי" און צעטרייבט דעם עולם און עס הייבט זיך אָן די חקירה ודרישה.

דער סוף איז אַז כייעצקע גייט אַוועק פריי, ווייל גאָלדע וויל ניט זאָגן אַז זי האָט פון איר גע׳גנב׳עט אַ ברויט. זי גיט זיך אַ דריי אויס מיטן בלינדן אויג צום עולם און זאָגט: „יידן, דבּרט ווייניקער און זאָל מיינס איבערגיין".

כייעצקע גייט אַוועק אָן אַ ברויט, אָבער זי לויפט ווי פון אַ פייער.

אָט אַזוינע סצענעס שפּילן זיך אָפּ פאַר מיינע אויגן ביז איך קום צוריק צו אונדז אין שטוב.

מיר איז אומעטיק די פיר וואָכן. איך טו אַלץ וואָס מיין מאַמע הייסט מיר טאָן במשך דעם טאָג. ווייבער קומען אַריין און באַדויערן מיך, וואָס אַ קינד דאַרף אַזוי ווערן פאַרשוואַרצט. איך זע אָבער ניט אין מיין פאַר־שוואַרצטקייט! אין מאַרק ווערן די ווייבער מער פאַשוואַרצט און פאַ־פרוירן.

מיין טאַטע לערנט שוין מער ניט מיט די קינדער. זיין אַסטמאַ לאָזט

אים ניט אָפּ. דרייט ער זיך אַרום אין גאַס און פּאַכעט מיט דער נשמה.

מיך באַדויערן אַלע. אַ קינד זאָל אַזוי האַרעװען! רעד איך מיט די װייבער און טענה זיך אויס מיט אַלעמען װי אַ דערװאַקסענער מענטש.

מיינע רייד פּאַסן מן הסתם ניט צו מיין עלטער, לאַכט מען פון מיר װאָס איך רעד װי אַ דערװאַקסענע.

טעג שטייען שיינע. אַ בלויער הימל, אַ שיינע, ליכטיקע זון װאָס־רעמט דעם נאָך אַביסל קאַלטן דרויסן. דער שניי װערט צעשמאָלצן, די שטיינער, אָפּגעװאַשן פון װאַסער, גלאַנצן, און אין מיטן גאַס ריזעלט אַ גרויסער שטראָם באַרג אַראָפּ צום טייך.

אַלע טאָג װען איך טראָג צו מיין מאַמען און רחל׳ן עסן, פּאַרזאַם איך זיך לענגער אין דרויסן און באַװאונדער גאָט׳ס שיינקייט.

צו ביסלעך, ראַם איך אויף אונדזער שטיבעלע, װייל צװיי טעג פאַר פּסח קומט מיין מאַמע מיט רחל׳לן אַהיים.

װי געזאָגט, איז מיין מאַמע געװען אַ לעקעך בעקערין און זי האָט געדאַרפט באַקן לעקעך אויף פּסח. מיין טאַטע זיצט די טעג איבער אין קלויז. די פּאָר טעג ביז פּסח האַרעװען מיר אַלע דריי איבער די כחות.

ענדלעך איז די אַרבעט פאַרענדיקט. דער פּסח׳דיקער לעקעך פאַר־שמעקט די גאַס.

איידער די מאַמע גייט אַרויס אין מאַרק פאַרקויפן דעם לעקעך, איז שוין ביי אונדז אַלץ פּסחדיק. דער סאַמאָװאַר פינקלט, אַן אויסגעשייערטער, דאָס שטיבעלע אונדזערס איז נאָך באַלויכטן פון לאָמפּ. עס איז אַרום 6 פאַרטאָג. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ װייסן טישטוך. דער טאַטע איז פון קלויז געקומען. זיצט ער אַצינד אויף זיין פּלאַץ אויבן־אָן און די מאַמע דערלאַנגט אים זיין טיי. ער איז אַצינד באַלעבט. ער קלייבט זיך פאַר־ברענען דעם חמץ אין הרובע, די מאַמע גייט מיט רחל׳ן אין מאַרק פאַר־קויפן דעם לעקעך.

איך בלייב װידער מיטן טאַטן אין שטוב, אָבער די שטוב איז אַצינד גאָר אַנדערש. מיר װייזט זיך אויס, אַז ביי אונדז איז מער פּסחדיק װי ביי אַלע יידן. צוליב מיין מאַמע׳ס פּרנסה, מוז אין שטוב זיין פּסחדיק מיט צװיי טעג פריער. די אייער, פלייש, פיש, פּסחדיקע באָרשטש, אונדזער פּסחדיק געפעס, אַלץ װערט אַזוי פלינק צוגעגרייט. איך צייל די שעהן מיין מאַמע זאָל שוין קומען קאָכן די װעטשערע.

מיטאָמאָל הער איך מיין נאָמען. דער טאַטע רופט מיך צו און פרעגט מיך צי איך וועל אים פּאָלגן אַ גאַנג. ער שיקט מיך צו נחום דעם וויינ־שיינקער נאָך וויין. נחומ׳ס קינדער האָבן געלערנט ביי מיין טאַטן אין חדר. איך פאָלג מיין טאַטן און לויף צו צו נחום דעם וויינשיינקער. מיר ברענגט דאָס פּנים פּאַר בושה. ערשטנס, זיינען אין וויינשיינק ניטאָ קיין מיידלעך; יידן אַלטע, יידן יונגע, אַפילו ייִנגלעך, אָבער איך, איין מיידל, שטיי און קוק זיך צו צום טומל און וואַרט אַז נחום זאָל מיך אָנזען. אָבער נחום זעט מיך ניט, ער איז פאַרנומען מיט די קונים; ער גיסט דעם וויין אין די פלעשער; זיי פאַרזוכן דעם וויין, רעדן צווישן זיך טומעלדיק. דער וויין פון פאַראַיאָרן, זאָגן זיי, איז געווען זיסער; דער היי־יאָריקער וויין איז ווי וואַסער. נחום, אַ קלוגער ייד מיט אַן אָפן פּנים, צוויי קלוגע אויגן, מיט אַ פיינער בלאָנדער באָרד, אַ היפּש בייכל, שמייכלט צו זיינע קונים און זאָגט זיי אַז זיי זאָלן דערלעבן איבעראַיאָר און די דאגה זאָל זיי בלייבן. „מיט מיין וויין, זאָגט נחום, האָב איך ניט קיין דאגה.״

„טאָכטער״, ווענדעט ער זיך פּלוצים צו מיר און גיט מיר אַ גלעט איבערן פּנים: „וואָס ווילסטו, טאָכטער?״ איך שיס אויס מיטאָמאָל, אַז מיין טאַטע, מאָטל דער מלמד, האָט מיך געשיקט נאָך וויין אויף ארבע כוסות. נחום שמייכלט און פרעגט מיך צי איך האָב געלט אויף וויין. מיין ענטפער איז געווען: „ניין, קיין געלט האָב איך ניט, אָבער מיין טאַטע וועט אייך באַצאָלן״.

ווידער גיט מיר דער וויינשיינקער אַ קניפּ אין בעקל און הייסט מיר צוואַרטן.

און באַלד זע איך, האַלט דער משרת צוויי גרויסע פלעשער וויין און נחום הייסט אים גיין מיט מיר אַהיים.

ווען מיר זיינען געקומען צו אונדזער שטיבעלע, איז מיין טאַטע אונדז געקומען אַנטקעגן, דעם משרת געגעבן אַ מטבע פאַרן וועג און מיר גע־געבן אַ קניפּ אין באַק.

באַצייטנס איז די מאַמע געקומען פונם מאַרק, זיך גענומען צום קאָכן און באַקן לאַטקעס, פרישע קאַרטאָפל מיט שמאַלץ. מיין ברודער מאיר־לייזער איז געקומען פונם סטאָליער צו אונדז אויף פּסח. אַלע זיינען מיר געווען שיין אָנגעטאָן. דער טאַטע מיט מאיר לייזערן זיינען געגאַנגען אין שול, די מאַמע האָט ליכט געבענטשט און מיר האָבן גענומען צוגרייטן די „הסב־בעט״.

און אָט איז שוין דער טאַטע מיט מיין ברודער פון שול געקומען. מיין ברודער מאיר־לייזער און איך זיינען געווען ווי אַ צווילינג; ער עלטער פון מיר מיט צוויי יאָר. זיינען מיר ביידע געווען חשוב ביי דער מאַמען. רחל האָט אונדז ביידן ליב געהאַט פונדערוויטנס... אַצינד, אין דער נאַכט פון פסח, איז רחל גוט צו אונדז און קוועלט אָן וואָס מיר אַלע זיינען שיין אָנגעטאָן רחל שיינט אין איר ניי קלייד. די מאַמע האָט זיך באַנייט מיט אַ שיינער זיידענער פאַטשיילע. דער טאַטע איז אָנגעטאָן אינם ווייסן קיטל מיט דער שיינער יאַרמולקע. אַלע זיצן מיר קעניגלעך ביים שיין געדעקטן טיש, די ליכט אין די לייכטער ברענען העל, דער לאָמפּ גיסט יום־טוב׳דיקע שטראַלן אין אַלע ווינקעלעך, און אָט שטעלט זיך אויף מיין טאַטע אין זיין גאַנצן גרויס. שטאָלץ איז אַצינד זיין געשטאַלט ווי פון אַן אמת׳ן קעניג. זיין שיינע, שוין־גרויע באָרד, גיט אים צו יראת־הכבוד. מייך מאַמע שטייט פרום ביי זיין זייט. איך וויל פאַרגלייכן ווי מיין מאַמע האָט אויסגעזען ביי די מצות און קוק אויף מיין שוועסטער רחל׳ס ליכטיק, שיין פּנים.

מיין ברודער מאיר־לייזער שטעלט זיך אויף און פרעגט די פיר קשיות און דער טאַטע ענטפערט: „עבדים היינו לפרעה במצרים״.

נאָך דער הגדה קומט די גוטע וועטשערע און נאָך דער וועטשערע זינגען מיר אַלע חד גדיא. דאָס געזאַנג ענדיקט זיך און שפּילעוודיק דער־ציילט אונדז דער טאַטע פון יציאת מצרים, ווי משה האָט די יידן באַפרייט פון פרעה׳ן און ווי דער ים האָט זיך פאַר זיי צעשפּאָלטן, און זיי זיינען אים מיט רעש אַריבער און ווי די מצרים זיינען נאָכגעלאָפן און אַלע זיינען פאַרטיליקט געוואָרן.

דער טאַטע דערציילט זייער שיין, זיין פּנים טראָגט עפּעס אַ באַזונדערע קדושה. איך קוק אויף אליהו הנביא׳ס כוס און וואַרט אַז מען זאָל מיר הייסן גיין פאַר אים עפענען די טיר. דאָס איז געווען מייך חזקה, און אויפן וואונק פון טאַטן גיי איך עפענען די טיר.

אַ פרישן ווינטעלע גלעט מיין פּנים. איך שטיי אויפן שוועל און וויל דערזען דעם נביא וואָס אין איין נאַכט באַוויזט ער אַזוי פיל וואונדער און טרינקט ביי אַלעמען זיין אָנגעגרייט כוס וויין, און בכדי ניט צו ווערן שיכור, פאַרזוכט ער בלויז. איך דערהער דעם טאַטענ׳ס קול. איך טו אַ ציטער. עס ווייזט זיך מיר אויס אַז אָט שטייט אליהו הנביא און קוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע ליכטיקע אויגן—אויגן פון אַ געטלעכן מענטשן.

חוה גאָלדעס

אַ פסח עפּיזאָד פון דער אַלטער היים.

חוה, אַ הויכע שטאָלטנע מויד מיט אַ בלאָנדן געלאָקטן קאָפּ האָר, זומער שפּרינקעלעך אויף איר ליכטיק פּנים, אויגן בלויע, אַ מויל וואָס האָט אייך געכישופט, ציינדעלעך שיטערע און אַז זי האָט געגעבן אַ שמייכל האָט איר געדאַרפט זען אַ חן גריבעלע! שטאָלץ איז זי געווען ווי אַ קעניגין, מיט די באַלעבאַטישע טעכטער זיך ניט באַגעגנט. זי האָט באַלאַנגט צום בונד און זיך געחברט מיט די וואָס זיינען געגאַנגען אין וואַלד שבת צו די סכאָדקעס אָבער די גאַנצע וואָך איז חוה גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן. די שטאָט האָט באַוואונדערט חוהן. זע, אָט גייט חוה! יעדערער האָט עפּעס געזאָגט.

„זע, — האָבן מאַמעס צו זייערע טעכטער גערעדט, — נעם זיך אַ ביישפּיל פון חוה׳ן, ווי זי האַלט זיך גרויס, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס קיין נדן האָט זי ניט! ווער האָט דען געהאַט נדן? אויף שבת, געדענק איך האָט מען געליען, געבאָרגט; פאַרזעצט עפּעס פון שטוב, אַבי עס איז נאָר געווען וואָס צו פאַרזעצן. יידן האָבן מיטן דלות געלעבט בשלום. און אַז עס איז געקומען פּסח איז דער אָרעמער ייד געוואָרן אַ מלך אין זיין קעניגרייך. דעריבער וויל איך דערציילן דעם עפּיזאָר ווי חוה גאָלדעס איז דעם דאָזיקן פּסח אויפגעריכט געוואָרן.

חוה׳ס מאַמע, גאָלדע, איז געווען אַ גוטע אויפראַמערקע: ביי יענעם קיין דינסט ניט געוואָלט זיין, אָבער זי האָט אָנגענומען טאָג־אַרבעט און מיטגענומען חוה׳ן כדי זי זאָל איר אַרויסהעלפן. עס זיינען געווען עטלעכע נגידיסטעס וואָס האָבן גאָלדעס אַרבעט געלויבט אין הימל. גאָלדעס מאַן, יאָסל דער בלינדער איז בלינד געוואָרן אין דער הוטע וואו מען האָט געמאַכט גלאָז. געווען דאָרטן אַן אויפרייס און יוסף האָט פאַרלוירןביידע אויגן. איז ער געזעסן אין שטוב און זיין ווייב מיט דער טאָכטער האָבן געבראַכט עסן פון אלדעס גוטס.

חוה האָט אויך געהאַט אַ ברודער, איז ער געווען אַ טרעגער אין מאַרק. גאָלדע האָט חוה׳ן געמאַכט פאַר איר אַרויסהעלפערין ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. דעריבער האָבן זיך אַלע געוואונדערט, מיט וואָס גרויסט זי זיך חוה, מיט איר אָרימקייט? צי מיט אירע חן גריבעלעך? ווער ווייסט?

יעדנפאַלס, האָט חוה זיך געהאַלטן שטאָלץ און אַז זי פלעגט ראַמען ביי יענעם, קיין וואָרט מיט קיינעם ניט אויסגערעדט. אפילו עסן ביי יענעמס טיש ניט געוואָלט. געקומען האָט גאָלדע אַלעס און באַהאַלטן אין קאַשיק, און אַז זיי זיינען געקומען אַהיים, האָבן זיי — ווי מען פלעגט זאָגן ביי אונדז אין שטאָט — צעלייגט דעם טיש און זיך געלאָזט וואוילגיין! און מאָדנע, באַלעבאַטישע טעכטער האָבן חוה׳ן מקנא געווען אויף איר שטאָלצן האַלטן זיך און מיט קיינעם זיך ניט ווערלן חברן אחוץ מיט די וואָס פלעגן לויפן אין וואַלד. און טאַקע יענע זיינען זיינען מיט זיי ביים טיש געזעסן און גאָלדע האָט געסאַרווערט, אונטערגעטראָגן עסן דעם בלינדן מאַן. דער זון, אַ געזונטער בחור, אַ גיבור, האָט זיך אויך געהאַלטן ווי ער זאָל זיין אַ פרינץ, ניט קיין טרעגער.

אַלע האָבן עפּעס געהאַט צו דערציילן סיי פון גאָלדען, פון חוה׳ן, און אויב ניט, פון בלינדן טאַטן, וואָס זיצט אויף אַ פּאַסעסיע. איר זענט אַ מבין אַ מזל! וואָס פאַר אַ מזל האָט שוין קיינער ניט געזאָגט. עס איז געווען אין דעם וואָרט „מזל" אַזאַ קנאה, אַ ניט פאַרגינען וואָס אָרימע מענטשן האַלטן זיך פאַר מענטשן.

אַז עס איז געקומען ערב פּסח האָבן זיך גאָלדע און חוה באַשטעלט צוב פּאַדראַד פאַר העלפערינס. מיט וואָכן פריער האָבן די פּאַדראַדן זיך ממש געשלאָגן פאַר דער מאַמע מיט דער טאָכטער. וויל, פּונקט ווי חוה איז געווען שיין און ליכטיק, אַזוי איז גאָלדע די מאַמע געווען חנעוודיק און אַ גרויסע בריה. איבערהויפּט איז זייער מעלה געווען שוויגן און אַז מען שווייגט טוט מען אויף מער אַרבעט!

די מעשה האָט זיך פאַרלאָפן די נאַכט פון פּסח. דער ערב־פּסח איז געווען אַן איבער־יאָר, אַזוי אַרום אַז עס איז שוין די קריע געווען איבער־געגאַנגען, די גרעבליעס זיינען נאָך ניט געווען אויפגעלייגט, זיינען די וואַסערן געלאָפן הענדים־פּענדים ווי זיי האָבן געוואָלט; די זון האָט גע־וואַרעמט: גאַנצע סטאַדעס פייגעלעך האָט מען שוין געזען פליען צו זייערע

חרובע נעסטן, טאָמער, טאָמער זיינען זיי נאָכן ווינטער גאַנץ געבליבן. די פֿיגעלעך האָבן זיך גענומען צו זייער אַרבעט, און מיר קינדער זיינען אויך לידיק ניט געזעסן.

מיין מאַמעס מזל איז געווען ווי גאָלדעס. מיין טאַטע האָט געקרענקט און די מאַמע מיינע איז מיט גאָלדען געווען פֿריינדלעך און אַזוי האָב איך געקענט זיך שפּיגלען אין חוה'ס חנעוודיק פּנים.

אין פֿאָדראַד איז געווען דושנע. מיר זיינען אַלע געשטאַנען איבער די טישן און פֿלינק געקנאָטן די טייגלעך, נאָכהער געקאַטשעט די מצות. חוה'ס בלאַנדע לאָקן זיינען געווען אַרומגעבונדן מיט אַ בלויער לענטע און זי האָט געטריי געקנאָטן אַ טייגל, ווען די באַלעבאָסטע איז צו אונדז פּלוצלונג צוגעגאַנגען און שטיל איינגערוימט אַ סוד וועמעס מצות מיר קאַטשען. אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד! אַלע האָבן מיר נאָך געוואוסט פֿון פֿריער, אַז די מצות זיינען פֿייגעס, פֿייגע די נעגידעסטע האָט מען זי גערופֿן, אַן אַלמנה, האָט געהאַט איין זון און פֿלעגט געבן די קאַטשערינס, אויף איר נעגידישן שטייגער — טרינק־געלט. איז וואָס פֿאַר אַ סוד מאַכט די באַלע־באָסטע פֿון דעם?

מיט אַ מאָל עפֿנט זיך די טיר ברייט און פֿייגע מיט איר זון יאַנטלען, קומען אַריין. מיר קליינוואַרג האָבן אים גערופֿן יאַנטעף. תמיד איז ער אַרומגעגאַנגען לידיק און שיין אָנגעטאָן. יאַנטעל פֿלעגט אויך לויפֿן אין וואַלד און זיך האַלטן מיט חוה'ן ביי די הענט. מיט אַ מאָל, גוט יום־טוב איז דאָ! אַלע ווייבלעך און מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. און חוה, — ווי ניט זי מיינט מען — טוט זיך שטיל איר אַרבעט, אויף פֿייגען קוקט זי ניט. זי שטייט ביים לאַנגען טיש און איז פֿאַרטיפֿט אין איר אַרבעט. פֿייגע מיט יאַנטלען גייען צו, זאָגן אַ פּאָר ווערטער. די באַלעבאָסטע איז גוט אויפֿגעלייגט: ביי איר אין פֿאָדראַד זיינען די בעסטע ווערגערינס. איין קליניקייט — איר פֿאָדראַד! די בעסטע הענט זיינען ביי איר. זי רעדט מיט פֿייגען.

דעמאָלט האָט זיך יאַנטעל אָפּגעשטעלט לעבן חוה'ן. חוה איז געוואָרן רויט ווי פֿייער. ער האָט איר עפּעס אַ זאָג געטאָן און באַלד אָפּגעטראָטן.

די מצות זיינען פֿאַרטיק געוואָרן און יאַנטעל מיט זיין מאַמען האָבן אַלעמען טרינק געלט געגעבן, און ווידער איז דער טאָג געוואָרן אַזוי לאַנג און נודנע: שוין צום וויפֿילטן מאָל איבערגערעדט דאָס זעלביקע.

ענדלעך איז די צייט פון פּאַדראַד אַריבער און מידע זײַנען אַלע גע־לאָפן אַהיים, אויפצוראַמען דאָס ביסל אַרימקייט און אַריינצונעמען דעם פסח אין שטוב. אין דרויסן האָט געשיינט די זון. עס איז געווען וואַרעם. אַרימע מענטשן האָבן אויף זייער שטייגער כשר געמאַכט דאָס אַרימקייט, אַריינגענומען אויף 8 טעג די יידישע קעניגרייך און ווען די נאַכט פון פסח איז צוגעפאַלן, האָבן זיך די מלאכים אויף די „העסעבעטן" באַזעצט, די הגדה געזאָגט און פאַרמאַטערטע די פיר קשיות געפרעגט.

און פלוצלונג, אין דער דאַזיקער שטילער נאַכט פון פסח איז געוואָרן אַ גוואַלד: צוויי קינדער האָבן געפעלט — חוה, יוסל דעם בלינדנס און יאַנטל, פייגע דער נגידעסטעס — פאַרשוואונדן געוואָרן די נאַכט פון פסח! צו מאָרגנס זיינען מענטשן געשטאַנען אין רעדלעך.

ווען גאָלדע האָט זיך געכאַפּט, איז שוין געווען צו שפּעט. פייגע איז געקומען צולויפן אַ דערצאָרנטע, געזאָגט אַז חוה האָט יאַנטלען אַ כישוף אָפּגעטאָן און דערפאַר איז איר בן יחיד אַנטלאָפן מיט דער מויד.

גאָלדע איז געשטאַנען אַ צעטומלטע און געקוקט אין דעם גבירישן פנים. זי געוואָלט מסתּם בעטן זיצן, און יענע האָט ביי גאָלדען געוואָלט וויסן נאָר איין זאַך: צי האָט זי געוואוסט אָדער ניט געוואוסט, אַז איר יאַנטעל וועט אַנטלויפן מיט איר חוה'ן. „זאָגט מיר דעם אמת". אָבער איידער גאָלדע האָט געזאָגט דעם אמת האָט דער עולם אַרום שטוב גע־מאַכט אַ וועג פאַרן טעלעגראַפיסט וואָס האָט געבראַכט אַ טעלעגראַמע צו גאָלדען; דער טעלעגראַפיסט אַליין האָט געמוזט די טעלעגראַמע איבער־לייענען, די ווערטער: מאַמע, טאַטע, גיט אונדז אָפּ מזל־טוב; מיר פאַרוועזן אונדזער פסח אויפן וועג קיין אַמעריקע.

קינד און קייט האָבן דעם פסח געהאַט פון וואָס צו ריידן און זיי באַ־וואונדערן. מען האָט פאַרפאַסט אַ ליד: „אַזוי ווי יאַנטעל האָט חוה'ן דער־זען, איז ביי זיי די חתונה געווען". גאָלדע, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק צום האַרצן ניט גענומען. פייגע די נעגידיסטע איז באַלד נאָך פסח פון אונדזער שטאָט פאַרשוואונדן.

פסח

(דערינערונגען פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט)

ר׳ ברוכן געדענק איך זייער גוט. אַ שיינער ייד מיט אַ ליכטיק, אָפן פּנים, אַ ברייטע, לאַנגע באָרד. אַ פיינער מענטש — האָבן אַלע אויף אים אָנגעוויזן. קיין באַשטימטע פּרנסה האָט ער ניט געהאַט, אָבער אַלע ערב פּסח איז ביי אים אין שטוב געווען אַ פאָדראַד, וואו זיין ווייב פּעסעלע האָט אים אַרויסגעהאָלפן.

געהאַט האָבן זיי דריי קינדער; צוויי מיידלעך מיט אַ ייִנגל. מיט דער עלטערער פריידעלע בין איך געווען חבר. איין פרימאָרגן, איך קום אַריין צו מיין חברטע, טרעף איך זי אַ פאַרוויינטע. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס זי וויינט, ענטפערט זי מיר אַז איר מאַמע איז קראַנק און דער דאָקטאָר הייסט איר באַלד נאָך פּסח פאָרן אויף פרישע לופט. פרעג איך פריידעלען, איז וואָסזשע וויינסטו? צעוויינט זי זיך נאָך שטאַרקער, און עסשעט אַרויס אַז זיי האָבן ניט קיין געלט. בלייב איך שטיין אַ פאַרקלעמטע. מיין קינדערשער מוח האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. איך דערמאָן זיך אַז פריידעלעס טאַטע־מאַמע האָבן דאָך אַלע יאָר זייער פאָדראַד פון מצות. באַלד נאָך פּורים הייבן זיי אָן באַקן מצות. איצט איז פּונקט די צייט ווען זיי באַשטעלן די העלפערינס. זאָג איך, פריידעלע, איך האָב אַ פּלאַן. לאָמיר אַלע דריי, איך מיין דו און דיין ברודער, לאָמיר העלפן דיין טאַטען אין פאָדראַד. דו וועסט גיסן וואַסער און איך וועל שיטן מעל און לייזערק וועט ריגלען די מצות און דערמיט פאַרשפּאָרן דיין טאַטען צאָלן געלט צו פרעמדע און פאַרן געלט וועט קענען דיין מאַמע פאָרן אויף פרישער לופט. ביים שניידער וואו מיין מאַמע האַלט מיך וויל איך סיי־ווי־סיי ניט זיין, לויף איך דאָך די טעג אַרום ליידיק. וועסטו זען, פריידעלע, ווי עס וועט גוט זיין.

פריידעלע פאַלט מיר אויפן האַלז און מיר פרייען זיך מיטן פּלאַן ווי ער וואָלט שוין געווען פאַרווירקלעכט.

און דאָ קומט אַריין ר׳ ברוך מיט פּעסעלען זייער טרויעריקע, און איך אַ צעפּלאָמטע דערצייל זיי מיין פּלאַן.

רב ברוך קוקט אויף זיין ווייב און אויף פריידעלען, דערנאָך גיט ער אויף מיר אַ קוק מיט אַ שמייכל און פרעגט מיך: און וואָס וועלן זאָגן דיין טאַטע־מאַמע? און איך האָפּערדיק ענטפער, אַז מיין טאַטע זאָגט קיינמאָל גאָרניט און מיין מאַמע מיט מיין שוועסטער קאַטשען ערב פּסח מצות וועלן זיי זיך אויף מיר אַפילו ניט אַרומקוקן. גיט מיר פריידעלעס טאַטע אַ קניפּ אין באַק און זאָגט אַז איך בין אַ וואויל מיידעלע. דערוויייל הייסט ער מיר גיין אַהיים. אין דער היים דערצייל איך גאָרניט. איך וואַרט אויפן פּאָדראַד. און דער טאָג פון דערוואַרטונג איז געקומען.

גאַנץ פרי כאַפּ איך זיך אויף און לויף אַוועק אין פּאָדראַד. איך קום אַריין, ערשט צירעלע שיט מעל, פריידעלע גיסט וואַסער און לייזויק רעגלט די מצות. ר׳ ברוך מיטן ווייב קוקן ניט אין מיין ווינקל. פּעסעלע, געל ווי וואַקס גיט אַכטונג די וועלגערינס זאָלן קאַטשען די מצות. איך שטעל זיך לעבן פריידעלען, וויל זי פרעגן אויב מיין פּלאַן האָט אויסגעצ־בומען, פאַרוואָס בין איך אַרויסגעפאַלן? קומט אונטער איר טאַטע און זאָגט, אַז פּסח וועל איך קענען רעדן מיט פריידעלען. איצט, דבֹרה׳לע, גיי אַהיים. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? אודאי בין איך געגאַנגען אַהיים. די שטוב אונדזערע איז מיר ניט געווען צום האַרצן. מיין טאַטע איז אויך קראַנק. פּלעג איך זיך אַרומדרייען מיט גרויס פאַרדרוס, אָפּט אַריינלויפן אין פּאָדראַד צו ר׳ ברוכן אַ קוק צו טאָן ווי מיין פּלאַן אַרבעט. יאָ, דער פּלאַן האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט.

פּעסעלע זייער מאַמע דרייט זיך און גיט אַכטונג אויף די קאַטשערינס; רב ברוך גיט אַרויס די פּאַרטיקע מצות, אין שטוב איז אַ גרויסער רעש. די שטוב איז זייער קליין, היים ווי אין אַ גיהנום. סאַמע די פרומסטע יידן און סאַמע די אָרעמסטע האָבן דאָרט געבאַקן זייערע מצות.

אין יענעם טומל האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט פריידעלען פאַרוואָס איך קען דאָרטן זיי ניט העלפן ווען דעם פּלאַן האָט איר טאַטע אָנגענומען. פריידעלע האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיך געבעטן וואַרטן אויף פּסח, דעמאָלט וועט זי מיר אַלץ דערציילן. איצט, זעסטו דאָך דבֹורה׳לע, אַז איך בין פאַרנומען.

יאָ, איך האָב טאַקע געזען און האָב זי געלאָזט טאָן איר אַרבעט.

דער גאַנצער פּאַדראַד איז געווען די גרויס ווי אַ געגעץ. ניט געווען קיין אמתער גרויסער אויוון ווי ביי בעקער. גלאַט אַ פּאַדראַד כדי יידן זאָלן האָבן כשרע מצות. ניט געווען וואָס צו זען. אַלטע ווייבער האָבן די מצות געקאַטשעט. אַן אַלטער ייד האָט זיי אין אויוון געזעצט. צירעלע און פריידעלע זיינען פאַרטיפט אין דער הייליקער אַרבעט. זייער ברודער לייזויק, וואָס איז געווען אַ גרויסהאַלטער, שטייט אַצינד אַ פאַרשוויצטער און רעגעלט די מצות. מיין פּלאַן? און מיך אַליין האָט מען גאַר אַרויס־געטריבן! גיי, גיי, מיידעלע. פּלאָנטער זיך ניט אונטער די פיס.

טרערן זיינען מיר געקומען אין די אויגן און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ בין איך פון דעם פּאַדראַד אַרויסגעגאַנגען. דער דרויסן איז געווען ערב פרילינג, דער טאָג אַ שיינער. און כאָטש דאָ און דאָרטן איז נאָך געלעגן גראָדעס אייז און אַ בלאָטע ביז די קניעס, איז שוין אָבער ערטער־ווייז געווען טרוקן. אַ ליבע זון האָט געשיינט. דאָס אייז איז געווען צעלאָזן און די גרויסע רינשטאָקן מיט וואַסער האָבן געריזעלט אויף אַראָפּ באַרג גלייך אינעם טייך. די קריע איז דעמאָלט געגאַנגען. בין איך מיר גאָר אַוועקגעלאָפן צום טייך זען ווי די קריע רייסט זיך, גאַנצע שטיקער אייז און שווימען אַזוי ווי שיפן אויפן ים.

מיר איז ניט געווען קאַלט אַחוץ אין די פיס איז מיר געווען נאַס, געטראָגן צעריסענע שיך, און פונעם לויפעניש זיינען זיי געווען פול מיט וואַסער. דאָס פאַלטעלע אַן אַלטס, געקויפט ביי צייטל דער טאַנדייטניצקע אויפן מאַרק, אַ קליין שאַלכענדל אַרומגעבונדן, האָב איך זיך פאַרקליבן לעבן דער גרעבליע וואו די וועשינס האָבן דאָס יידישע גרעט געוואַשן. די וואַסער איז געווען זייער אומריין, אויסגעמישט מיט אַלע אומריינקייטן. זיינען די גויעס געשטאַנען אויף די שטיינער און געפּראַלט דאָס גרעט.

איך קוק אַריבער אויפן גרינעם פעלד וואָס איז אַצינד פון וויטנס בלויז ערטערווייז גרין, ווייל דער גאַנצער גרינער פעלד וואָס פירט צו דער ראַדני איז פאַרגאָסן מיט וואַסער. די גרעבליע זעט מען ניט אַרויס, זי איז פאַרטרונקען. אויך די וואַסער מיל שטייט שטיל ביז די קריעס גייען איבער.

איך בין געשטאַנען און באַטראַכט גאָט׳ס שיינקייט און האָב מיטאַמאָל דערפילט אַז איך באַגיי אַן עולה קעגן מיין טאַטען און מאַמען און שוועס־טער. פאַרוואָס דאַרף איך אַרומלויפן לײדיק? און מיט אימפעט זיך גע־לאָזט אַהיים.

עס איז געווען עטלעכע טעג פאַר פּסח. דער טאַטע מיינער, אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט רחמנות און געפרעגט: דבורה׳לע, דו ווילסט עסן? איך האָב גאָר געטראַכט אַז ער וואָלט געדאַרפט מיך אויסשטראָפן פאַר ניט גיין צום שניידער און פאַר אַרומלויפן שלינג און שלאַנג און דאָ הייסט ער מיר גאָר נעמען עסן און זאָגט מיר גאַרנים. ניין, קיין הונגער האָב איך ניט געפילט. עסן וויל איך ניט, איך וויל אַצינד וויינען, און פאַל צו צום טיש, שפּאַר אָן מיין קאָפּ און צעוויין זיך ביטער. איך וויין פאַרוואָס איך לויף אַרום ליידיק און העלף ניט מיין טאַטען און דערגיי די יאָרן מיין מאַמען וואָס זי טראַכט אַז איך וואַקס ניט קיין גוטס און זי לאָזט מיך לויפן. זי האָט שוין אַ מאַך געטאָן אויף מיר מיט דער האַנט, אַ רוח ניט קיין קינד. אַצינד, נאָך מיין אויסוויינען זיך, זיצט מיין טאַטע נאָך אַלץ אויף זיין פּלאַץ, קוקט אַרויס דורך דעם פענצטער וואָס איז נאָך ניט אויסגעוואַשן. אין שטוב ביי אונדז איז נאָך ניטאָ קיין שפּור פון פּסח. אַלץ ווערט באַשאַפן אַ צוויי טעג פאַר פּסח. מיט מיין קינדישן שכל פאַרשטיי איך אַז מיין טאַטע איז קראַנק און אויך ער דאַרף פרישע לופט איז פאַרוואָס האָב איך ניט קיין שום פּלאַן פאַר מיין טאַטען?

מיטאַמאָל הער איך אַריינקומען אונדזער שכנה אײדעל די שמשטע און זי דערפרייט זיך מיט מיר ווי מיט אַ גרויסן אוצר. דבורה׳לע, מאַמעלע, קום העלף מיר אַרויס. עס איז שוין דריי טעג פאַר פּסח און איך האָב ניט פון דאַנען אַהין. מיין גיטעלען דאַרף איך ניאַנטשען, זי וויל נאָר אויף די הענט און דיך האָט זי ליב. און צו מיין טאַטען ווענדעט זיך אײדעל זייער האַרציק: ר׳ מאָטל, הייסט דבורה׳לען מיר גיין העלפן, איך וועל ניט וועלן אומזיסט.

און איך געדענק ניט ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט. מיין טאַטע האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרויס, זיין פּנים איז געוואָרן רויט פון בושה, צי פונעם הוסטן וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט, אָבער ווען ער האָט זיך אָביסל באַרואיקט האָט ער שויך געלאָסן געזאָגט, אַז דבורה׳לע איז פונקט אַזויפיל אַלט ווי אייער באַסעלע און זאָל אייך באַסעלע העלפן. אײדעל איז אָן אַ גוטן טאָג אַוועקגעגאַנגען. מיין טאַטע האָט מיר געהייסן אויסטאָן די שיך וואָס זיינען געווען פול מיט וואַסער, מיך באַזעצט אויף דער סאָפקע, געגעבן אַ שטיקל ברויט מיט האָניק און מיך געפרעגט וואָס איך טראַכט. מיר אויסגערעכנט וויפיל איך בין אַלט און בכלל מיינע אַלע

חסרונות אַז אַ מיידעלע פון 10 יאָר דאַרף טראַכטן און ניט אַרומפליען. ווען דו ביזט ביים שניידער לערנסטו זיך אויס אַ מלאכה. און אַזוי וואָס וועט זיין פון דיר?

זע ווי אַלע ווילן זיך שאַפן מיט דיר. און דאָ פּלאַץ איך אויס ווידער מיט אַ געוויין: ניין, טאַטע, ניט אַלע". איך דערצייל אים פון מיין פּלאַן, ווי ר' ברוך האָט מיך ניט געוואָלט אויסנוצן און זיי ווילן אַצינד ניט איך זאָל אַפילו צו זיי קומען.

מיין טאַטע איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב, געקוקט אויף מיר און מיך גע'מוסר'ט. ווי קומסטו צו געבן עצות? נאַרעלע, דו בעסער זע דיין הולך, ווי דו גייסט אָנגעטאָן. טראַכט בעסער ווי דו דערגייסט דער מאַמען די יאָרן מיט דייך אַרומלויפן און טוסט גאָרניט און איך בין זייער קראַנק. די מאַמע איז אויך ניט געזונט און זי דאַרף אַזוי שווער אַרבעטן צו פאַרדינען אויף פּסח!

ווידער פאַרהוסט זיך מיין טאַטע, כראַקעט אין קעסטעלע זאַמד.

דאָס שטיקל ברויט מיט האָניק עס איך ניט. איך בין פאַרביטערט אויף דער וועלט. מיין טאַטען האָב איך ליב, נאָר אַז ער טוט גאָרניט. ער שווייגט תמיד. ענטפערט אַפילו ניט דער מאַמע ווען זי שרייט אויף אים פאַרוואָס ער וואַרט אויפן טויט.

מסתם בין איך איינגעשלאָפן, ווייל ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז מיין מאַמע געווען אין שטוב, רחל איז שוין געשלאָפן, אַ גרויסער ליילעך מיט מצות איז געלעגן אין אַ ווינקעל. דער טאַטע איז נאָך אַלץ געזעסן אויף זיין אָרט. די מאַמע האָט אים צוגעטראָגן הייסע מילך.

אויף מאָרגן איז שוין רחל מיט דער מאַמען געבליבן אין דער היים און איך האָב זיי געגומען העלפן אויפרוימען דאָס שטיבעלע. געוואַשן די פענצטער. רחל האָט געשמירט די ווענט, די סטעליע; די מאַמע האָט געוואַשן דעם לאָקשן ברעט און די מולטערס. דער דרויסן איז געווען אַ וואַרעמער און מיין טאַטע איז געוואָרן באַלעבט, געשמייכלט צו דער מאַמע מיט ליבשאַפט. די פּאָר טעג ביז פּסח זיינען גיך איבערגעלאָפן. צום סדר איז אַלץ געווען צוגעגרייט. אַלע אונדזערע קינדער זיינען געקומען. מיין ברודער הערשל פון סלוזשבע איז געקומען פונקט אינעם טאָג פון ערב פּסח, געבראַכט מיט זיך פּסח'דיקע בראָנפן אַ מתנה דעם טאַטן. ווייַן האָבן מיר געהאַט דעם בעסטן. די מאַמע האָט פאַרגעסן אין איר שווערער

האַרעוואַניע און איז אַצינד געווען שיין ווי אסתר המלכה. אַלע האָבן מיר געשיינט. ביים סדר איז געווען פריילעך און מיר האָבן אַלע געזאָגט די הגדה און געזונגען מיטן טאַטן חד גדיא. דער פסח איז געווען פריילעך. מיט מיין חברטע פריידעלען האָב איך זיך איבערגעבעטן און מיר האָבן האַרציק געלאַכט.

נאָך פסח איז געשטאָרבן מיין טאַטע און פריידעלעס מאַמע.

יוגנט

פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן ווען די יוגנט איז געווען פלאַם פייער. מיר זיינען געווען אָנגעפילט מיט פריידיקער דערוואַרטונג פאַר אַ שע־נערער וועלט. מיר האָבן אויסגעחלומט אַ וועלט פון לויטער שבת און יום־טוב וואו עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן אָרעמקייט און אומוויסנהייט; קינדער וועלן מער ניט שטאַרבן פון הונגער און נויט: ליכטיק וועט ווערן די וועלט וואָס די דעמאָלדיקע שלעכטע אָרדענונג האָט געמאַכט פינצטער פאַרן אַרבעטער קלאַס, און סיי אָרעם און סיי רייך וועלן אַלע זיין גליך.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די דאָזיקע אידייע האָט זיך צו מיר תיכף צוגעקלעפּט. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם יוגנט „בונד". איך בין דעמאָלט אַלט געווען 15 יאָר, אָבער צוליב מיין וואוקס האָט מען מיך גענומען פאַר עלטער.

געלייענט האָב איך די בונדישע ליטעראַטור זייער געטריי און גוט פאַרשטאַנען דאָס געלייענטע. אָבער ליבער איז מיר געווען די ראָמאַנען פון שמ"ר׳ן, עמיל זאָלאַ, מאָפּאַסאַן — העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען וואָס האָבן מיך ממש פאַרכאַפּט. איך האָב ליב געהאַט דעם לוקסוס און די שיינקייט צו וועלכן דאָס אָרעמע מיידל קען ניט דערגרייכן. די הויפּט זאַך האָב איך ליב געהאַט די ליבע וואָס ווערט אַזוי וואונדערלעך געמאָלן פון דעם שרייבער, וואָס אין לעבן איז עס ניט צו געפינען.

האָב איך געוואַרט און זיך דערוואַרט.

צו אונדז אין שטאָט איז אַראָפּגעקומען אַ יונגער דאָקטאָר, שיין ווי אַ פּרינץ. אַ יידישער דאָקטאָר מיט אַ יוניפאָרם, זיין היטל מיט אַ קאָקאַרדע, שוואַרצע פייערדיקע אויגן, אַ זיסער שמייכל האָט באַשיינט זיין פּנים.

אַלע האָבן פון דעם דאָקטאָר גערעדט, אָבער איך האָב אים בלויז געזען פון דער ווייטנס.

געזאָגט האָט מען אַז ער איז געקומען צו אונדז אין שטאָט זיך צו באַקענען מיטן געזונד צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג. אין דער אמתן איז ער געווען אַן „עס־עס־עוויץ", דאָס האָט דעמאָלט געמיינט, העלפן יידן זיך באַזעצן אויפן לאַנד.

איך בין געווען ביי זייערע אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען. האָב איך אים גע־הערט רעדן. זיין שפּראַך איז געווען האַניק. פונקט ווי ער האָט גערעדט אַ פּרעכטיקן רוסיש, אַזוי האָט ער גערעדט אַ זאַפטיקן יידיש מיטן רייש.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געזוכט אַ געלעגנהייט מיט אים זיך באַקענען. איז וואו געפינט מען די געלעגנהייט? צו מיין איבעררעשונג איז עס געקומען פון זיך אַליין. די „עס־עס־עווצעס" האָבן געהאַט אַ פיינע ביבליאָטעק פון אַלע סאָרטן יידישע ביכער. געווען ביכער פון גרויסע שרייבער. פלעג איך נעמען מיינע ביכער אין דער ביבליאָטעק.

דאָס איז געווען אַ שבת, אַ ווינטערדיקער קליינער טאָג. ביי אַ טישל איז געזעסן מיין דאָקטאָר און גערעדט מיט דער ביבליאָטעקערין. איך גיי צו צו דער שאַפע און קלייב מיר אויס אַ ראָמאַן און זעץ זיך אַנידער לייענען. און דאָ געשעט אַ מאָדנע זאַך. דער דאָקטאָר קומט צו צו מיין טישל, ער בעט אַנטשולדיקונג און פרעגט מיך צי איך קען אים זאָגן וואָס פאַר אַ בוך איך לייען. רעדן קען איך איצט ניט: מיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק. מיש איך אויף דאָס ערשטע בלעטל און זאָל ער אַליין איבערלייענען. אַ שמייכל באַשיינט זיין פּנים. ער פרעגט מיין נאָמען, זאָג איך אים. רופט ער מיך באַלד ביים נאָמען, זעצט זיך פאַמעלעך לעבן מיר, אַזוי נאָענט אַז מיך פאַרכאַפּט דער אָטעם, נעמט אַריין מיין האַנט אין זיינער און פרעגט מיך ווי אַלט איך בין. און איך, אנשטאט זאָגן 15 יאָר, ווער רויט ווי אַ פייער און זאָג 17 יאָר. און ער, קוקענדיק אויף מיר און האַלטנדיק מיין האַנט אין זיין וואַרעמער, גלאַטער האַנט, זאָגט, דבורהלע, אַפילו צו 17 יאָר דאַרפט איר אַזעלכע ראָמאַנען נאָך ניט לייענען. און איך, אַ טראַציקע, פרעג: פאַרוואָס?

מיין דאָקטאָר צעוויקלט פאַר מיר זיין טעאָריע און וויזט מיר אָן אויף דער שעדלעכקייט וואָס די ראָמאַנען ווירקן אויף דער יונגער מיידל און וועקן אין איר אויף די פרוי פאַר דער צייט זי פאַרלירט איר קינדהייט, זי בליט שנעל אָפּ און האָט גאָר ניט קיין יוגנט.

פרעג איך אים ווידער: וואָס הייסט יוגנט?

דער דאָקטאָר לאָזט אָפּ מיין האַנט, קוקט מיר אַריין טיף אין מיינע אויגן. איך לאָז אַרונטער מיינע בליקן אויף דעם צעעפנטן בוך, מיך האַרץ קלאַפּט. איך שווייג.

ענדלעך הער איך ווי מיין דאָקטאָר זאָגט שטיל: „ווילסטו גיין שפּאַצירן?" דער צימער איז שוין געוואָרן ליידיקלעך. ווען איך בין אַריינגעקומען האָט דער דאָקטאָר גערעדט מיט דער מיידל וואָס גיט אַרויס ביכער. איצט זע איך ווי דאָס מיידל איז אומרואיק, וואַרפט בליקן צו מיר און וויל מסתם איך זאָל שוין אַוועקגיין. נעם איך דעם בוך אין דער האַנט און וויל צוגיין צו איר, אָבער דער דאָקטאָר נעמט ביי מיר צו דעם בוך, שמייכלט און לייגט אים אַוועק; פירט מיך צו צום פענצטער וואָס קוקט אַרויס צו דער גאַס, און זאָגט אַז פאַר אַזאַ יונג מיידל איז דער ראָמאַן צו אַלט.

— וואָס זעסטו אין דרויסן?

ווינטער. אין דרויסן איז געפאַלן אַ ווייסער שניי. איך בין געווען אַנגעטאָן ווינטערדיק: אַ שוואַרץ פוטערן היטעלע אויפן קאָפּ, אַ פּאַלטעלע מיט אונטערשטע אַרבל און פון אויבן אַזוינע קרילעס ווי פליגל. פון דעם דאָזיקן מלבוש קען מען דערציילן זייער פיל. דאָס איז פאַר זיך אַליין אַ דערציילונג: ווי אַזוי איך האָב אים געקויפט, אַז קיינער האָט דאָ גאָר אַזוינס ניט געטראָגן. און טאָקע דאָס מלבוש האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מיין דאָקטאָר.

ער הייסט מיר קוקן אין פענצטער. „וואָס זעסטו?" פרעגט ער ווידער. זאָג איך אַ צעשראָקענע: „שניי!" צעלאַכט ער זיך שטאַרק און פרעגט איבער: „בלויז שניי?"

דאָ בין איך שוין גאָר צעטומעלט געוואָרן, קוק אים אָן און טראַכט, גאָט מיינער, ווי שיין ער איז! און איך ווייס ניט מיט אים וואָס צו רעדן.

ער געזעגנט זיך העפלעך מיט דער ביבליאָטעקערין, נעמט מיך פאַר דער האַנט און פירט מיך אַרויס צום נאָך ליכטיקן דרויסן.

דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס. די פרישע לופט דערפרישט מיין געמיט. מיין דאָקטאָר פירט מיך אונטערן האַנט; ער האַלט מיך צוגעדריקט צו זיין זייט און מיר איז וואַרעם אין אַלע אברים.

איך האָב זיך פאַרגעסן אָן מיין מאַמען אַז זי וואַרט אויף מיר. איך האָב בכלל פאַרגעסן אָן דעם וואַרט צייט.

עס איז אַ גרויסער פּראָסט. שבת. די נאַכט פאַלט שנעל צו. אָבער ווער זעט דען די נאַכט און ווער פילט דעם פראָסט? איך פיל מיך פריינץ וועלכער רעדט צו מיר רייד וואָס זיינען מיר ניט פרעמד: אין די ביכער האָב איך זיינע ווערטער געלייענט נאָר זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז איך זאָל עס אויף דער וואָר איבערלעבן.

ענדלעך פרעגט ער מיך וואָס איך טו טעגלעך און ווי אַזוי איך פאַר־ברענג מיין צייט אין די אָוונטן.

מיין ענטפער איז געווען אַז די טעג אַרבעט איך שוין אין אַ פאַב־ריק, איך בין בלויז מיט מיין מאַמען און איך מוז אַרבעטן. איך באַלאַנג צום „בונד״, גיי איך צו פאַרזאַמלונגען און שבת אָוונט האָבן מיר אַ טאַנץ קלאַס וואו איך גיי טאַנצן.

אַזוי רעדנדיק שפּאַצירן מיר צו צו דער הויפּט גאַס. די ליכט און די גאַז לאָמפּען זיינען שוין אָנגעצונדן, און מיין דאָקטאָר פירט מיך צום רעסטאָראַן וואָס רופט זיך דער בלויער פויגל. אין דעם רעסטאָראַן בין איך פריער קיין מאָל ניט געווען. בכלל בין איך ביז יענעם אָוונט אין קיין שום רעסטאָראַן ניט געווען.

איך הער מיין באַגלייטער׳ס שטימע, — „דבורהלע, היינט וועלן מיר האָבן יום־טוב, האָסט נאָך זיכער ניט געגעסן קיין אָוונט ברויט?״ איך שווייג. די ווערטער שטעקן מיר אין האַלדז. איך שאָקל בלויז מיטן קאָפּ אויף ניין.

און אָט געפינען מיר זיך איבערוויניק אין רעסטאָראַן „דער בלויער פויגל״. פון אַלע ווינקעלעך שיינט אַרויס די ליכט און די ציכטיקייט. קעלנערינס אין ווייסע פאַרטעכלעך באַדינען די געסט. מען דערפרייט זיך מיטן דאָקטאָר. מסתּם איז ער דאָ אַן אָפטער גאַסט. מיר באַזעצן זיך ביי אַ שיין טישעלע פאַר צוויייען. ער פרעגט מיך וואָס איך וויל עסן. ווער האָט דען געוואָלט עסן?

דאָס איז געווען מיין ערשטע אַוואַנטוריע. איך טראַכט ביי זיך, — ווי קום איך אַהער? אָבער מיין דאָקטאָר לאָזט מיך פיל ניט טראַכטן; ער באַשטעלט עפּעס אַ פראַנצויזישן מאכל פאַר מיר און פאַר זיך און האַלט מיך אין איין מונטערן איך זאָל רעדן און איך בין צעטומלט און שווייג.

אָבער ער רעדט צו מיר און זיינע ווערטער קלינגען אַזוי ערליך. ער גיט מיר צו פאַרשטיין סאַמע די שענסטע געדאַנקען וואָס אַ יונג מיידל

דאַרף פאַרשטיין. ער זאָגט אַז אַזוינע ביכער ווידקן שלעכט אויף דער יוגנט.

נעם, צום ביישפּיל, דיך אַליין. פאַרוואָס ביסטו דערשראָקן? דו ביזט אַלט 17 יאָר און איך בין 29 יאָר. איך בין שוין אַ דאָקטאָר. אָבער דו ביזט דאָס לעבן אַליין. דו געפעלסט מיר זייער, הבורההלע.

איך שמייכל צו אים און שווייג. ער נעמט אָן מיין שווייגן פאַר אַן ענטפער אַז איך גלויב אים.

ער צעצאָלט זיך, לאָזט איבער דער קעלנערין אַ פיינע מטבעה, און שוין געפינען מיר זיך אין דרויסן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער שניי בלענדעט די אויגן. מיין דאָקטאָר רופט צו אַ שליטעלע און איידער איך קוק זיך אַרום זיצן מיר אין אַ וואַרעם שליטעלע מיט אַ סאַמעטענעם צודעק. דער קוטשער פרעגט מיין דאָקטאָר „קודאַ?" ער זאָגט אים בלויז, פאַר אַרויס פון שטאָט און צוריק.

און באַלד הער איך די גלעקעלעך קלינגען אין דער שטילער נאַכט און מיר שליטלען זיך אויפן ווייסן טראַקט. אַ געפיל דערוועקט זיך אין מיר אַז ס'איז ווי אין דעם ראָמאַן וואו דער גראַף וויל דאָס אָרעמע מיידל פאַרפירן און אַ פחד כאַפּט מיך אַרום. וואו פירט ער מיך? פאַרוואָס זאָגט ער אַז אַ יונג מיידל טאָר ניט לייענען קיין ראָמאַנען? און פאָרן מיטן דאָקטאָר און זיצן צו אים צוגעטוליעט און ער זאָל מיך דריקן צו זיך, דאָס מעג מען? און פאַרוואָס טאָר מען ניט? מיר איז איצט גוט וואָס בעסער וועט מיר שוין מסתם קיין מאָל ניט זיין.

מיין דאָקטאָר שווייגט. ער בויגט זיך צו צו מיר. איך פאַרמאַך מיינע אויגן. דאָס איז געווען דער ערשטער קוש וואָס מיינע ליפּן האָבן מיט דורשט געטרונקען.

איך האָב איבערגעלעבט די אייביקייט. איך געדענק יענעם שבת זייער בולט.

איך בין ווי צעטומעלט געשטאַנען לעבן מיין היים. ער האָט באַצאָלט דעם קוטשער און מיט ראָש איז דאָס שליטעלע פאַרשוווּנדן. מיין דאָקטאָר האָט מיך נאָכאַמאָל געקושט און אָנגעזאָגט ניט צו לייענען קיין שענד־לעכע ביכער. איך גראַדע האָב אים אויף דעם געביט ניט געפאָלגט און

מיט נייגעריקייט אָנגעהויבן שלינגען ראָמאַנען, ווי די מיידלעך ווערן אומגליקלעך און פאַרפירט.

ניין, מיך האָט קיינער ניט פאַרפירט און ניט אומגליקלעך געמאַכט. פאַרקערט, מיין באַגעגעניש מיטן דאָקטאָר איז געווען דער ליכטיקסטער שטראַל אין מיין לעבן. ער האָט מיך אויפגעוועקט און אָנגעוויזן דאָס לעבן ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט.

אָט אַזוי געדענק איך מיין יוגענט וואָס איז שוין לאַנג פאַרלאָפן, און אין די ווינטערדיקע שבתים ווען די נאַכט פאַלט צו, דערשיינט פאַר מיר מיין פרינץ וואָס האָט מיך באַפליגלט און גיט מיר דעם זכרון צו פאַר־צייכענען די יוגענט וואָס קערט זיך מער ניט אום.

אונדזער ציג

איך דערמאָן זיך אין מיינע קינדער יאָרן, אַז מיר האָבן געהאַט אַ ציג. די ציג איז ביי אונדז געווען ווי אַ קינד אין שטוב. מיין שוועסטער רחל האָט די ציג גערופן מלכה. מיין מאַמע האָט ניט געוואָלט ליידן. ביי אונדז איז געווען אַ יידענע מלכה די גבאי׳טע, האָט מיין מאַמע געזאָגט אַז די ציג איז לייטישער און שטילער פון מלכה׳ן, האָבן מיר די ציג גערופן מילקע.

מיר פלעגט זיך אויסווייזן, אַז מילקע קען אַפילו לאַכן. זי פלעגט לאַכן מיט אַ האַלבן מויל און איז געווען מלא חן. איין מאָל אַ יאָר, פורים צייט, האָט זי זיך געציגלט און זי האָט זיך דערמיט זייער געגרויסט. צוויי ציגעלעך געראָטן אין איר, ווייסינקע מיט שוואַרצע פלעקן. מיר פלעגן די ציג דאַמאָלט האַלטן אין שטוב צוליב וואַרעמקייט. אָבער לאַנג האָט זי צו אירע ציגעלעך קיין מאַמע ניט געקענט זיין. ערשטנס, צוליב ענגשאַפט, און צווייטנס האָבן מיר די מילך געדאַרפט האָבן פאַר מיין טאַטן...

מיין מאַמע האָט גערופן לייב דעם קצב, וועלכער האָט באַטראַכט די ציגעלעך, באַצאָלט זיין אייגענע פרייז און מילקע איז ווייטער געבליבן אַליין. מילקע׳ס אויגן זיינען דעמאָלט געווען טרויעריק, אַזוי ווי ביי אַ מענטשן. גרויסע אויגן האָבן זיי געקוקט מיט רחמנות אויף די מענטשן וואָס האָבן זי כסדר געטריבן קאַסטרוי.

מיר האָבן געוואוינט אין שטיבל פון דער שול און אויך האָבן מיר געהאַט אַ שטעלכל וואו זי האָט געקאָנט דאָרטן זיין. אָבער מילקע׳ס פלאַץ האָט זי געמאַכט אויף די טרעפּ פון דער ווייבערשער שול און האָט דאָרט געלאָזט סימנים. די בעלי בתים פון דער שול האָבן אונדז געהייסן זיך אַרויסקלייבן: איינס פון די צוויי, אָדער די ציג אָדער די שטוב. און אַז מיין מאַמע האָט מיט טרערן געפרעגט: „טאָ וואו וועל איך נעמען דירה־געלט, און אויך, אַז איך וועל ניט האָבן די ציג, ווי וועט מיין מאַן אויס־קומען אָן אַ ביסל מילך?״ פלעגט מען זי אָפּלאָזן, אָבער שפּעטער איז געווען דאָס אייגענע.

מילקע, ווי געזאָגט, האָט געגעבן ציגעלעך אַלע יאָר. קיין גרויסע מילך געבערין איז זי ניט געווען. זי איז געווען שוין ניט אַזוי יונג. אָבער פאַר מיין טאַטען איז מילקע געווען אַ גרויסער געווינס, עפּעס אַ מין היילונג. גאַנץ פרי איז שוין מיין טאַטע געווען אויף די פיס און געגעבן דער ציג איר עסן און מיט אַ פריילעך פּנים פלעגט ער נאָכדעם אַריינקומען אין שטוב און זאָגן צו מיין מאַמען: „ווי געפעלט דיר, רבקה, די ציג האָט מיך ליב, זי לעקט מיין האַנט". דאָס איז געווען ווינטער. אָבער, אַז פרילינג איז געקומען האָט מיין טאַטע אָפּגעלעבט. פאַרטאָג, צוליב זיין אסטמא, וואָס שלאָפן האָט ער סיי ווי ניט געקענט, פלעגט ער אויפשטיין, אַרויס־גיין אין דרויסן אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

איך בין אין די דאָזיקע פרימאָרגנס געווען וואַכעדיק, בין איך אויך אויפגעשטאַנען. מיין מאַמע, צוליב דעם באַקן — זי איז געווען אַ לעקעך בעקערין — איז געווען אויף פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער אין דרויסן און מאַרודעוועט מיטן געבעקס און זיך קלאָגן אויף איר מזל און מיך שיקן צום טאַטען זען צי ער האָדעוועט די ציג.

מיין טאַטע פלעגט געבן מילקען דאָס עסן, צעמישן אַביסל קלייען מיט פּאַלעווע, אַמאָל צוגעווייקט אין ברויט. אַלע דריי, געדענק, איך, האָבן זיך געפרייט מיט דעם פרימאָרגן: מיין טאַטע וואָס פלעגט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, מילקע וואָס האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און איך וואָס קען בייוואוינען אָט די פרייד פון שטיין לעבן אונדזער ליבער ציג, וואָס איז געווען אויך מיין גוטע חברטע.

אָפטמאָל האָב איך פאַרשפּעטיקט, פלעגט מיין טאַטע מיך אַ רוף טאָן: „קום אַרויס, דבורה'לע, וועסטו טרייבן די ציג אין טשערעדע". איך בין דעמאָלט, מן הסתמא, אַלט געווען אַכט יאָר און האָב שוין דעמאָלט גע־פילט אַז מיין טאַטע איז אַן אַנדער טאַטע. איך האָב ליב געהאַט זיין שיינע גרויע באָרד.

מענטשן האָבן מיין טאַטען גערופן מאָטעל דער געלער, צוליב דעם וואָס ער איז אין דער יוגנט געווען מיט אַ געלער באָרד. פאַר מיין צייט איז מיין טאַטע געווען אַ גרויער און זייער אַ פאַרמאַטערטער. פלעגט ער אָט די פרימאָרגנס גיין ביי מיין זייט, ווען איך האָב די ציג געטריבן אין דער טשערעדע און איך האָב געטראַכט: „ווען מיין טאַטע זאָל מיך לאָזן זיצן אויף זיין שויס און איך זאָל אים קענען אויסקעמען זיין שיינע

באָרד. נייִן, צו אַזעלכע צערטלעכקייטן בין איך ניט זוכה געווען. אָבער טרייבן מיט דעם טאַטען די ציג אין דער טשערעדע, יאָ".

האַלב וועג איז מיין טאַטע אָפּגעשטאַנען און איך האָב זיך אויסגעמישט מיט די בהמות און ציגן און אַזוי אַרום בין איך מיט זיי געקומען אויפן פעלד, אַזוי ווי ניט קיין יידיש מיידעלע, נאָר ווי אַ שיקסעלע.

איך האָב ליב געהאַט צו זען ווי עס פיטערן זיך גאָט'ס באַשעפעניש אונטער אַ בלויען הימל: אַ גרויסער גרינער פעלד, דער פאַסטוך דרעמלט אונטער אַ בוים וואָס איז ווייט אַוועק פון דער טשערעדע. נאָענט ביים פעלד פליסט אַ קוואַל טייכל וואו די בהמות גייען זיך אָנטרינקען.

איך פלעג זיך פאַרקלייבן לעבן טייכל, אָנקלייבן קליינע שטיינדעלעך און שפּילן אין „צייכן" מיט זיך אַליין. איך האָב ליב געהאַט פאַרמאַכן די אויגן און זען אַלץ שענער ווי עס איז געווען אין דערווירקלעכקייט. דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך, דאָס זשומען פון די פליגן, פלעגן מיך פאַרשלעפערן. אויפגעוועקט האָב איך זיך פון דעם פאַסטוכס פייפל. פונקט ווי קינדער פון אַ חדר, אַזוי זיינען די בהמות און די ציגן געוואָרן שטיפעריש, געקראָכן איינע אויף די אַנדערע, געמעקעט און געבעקעט און אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַריין צוריק אין שטאָט.

אַלע בעל הבית'טעס האָבן ליב געהאַט צו באַגעגענען זייערע בהמות און די ציגן און עס איז געווען דער וואונדער פון דער נאַטור, ווי יעדע שטומע חיה האָט דערקענט איר ברויטגעבערין און מיט פרייד נעמען דרייען מיט דעם עק, שאָקלען מיטן קאָפּ, מאלאגיירען מיטן צונג מיט גרויס אַפּעטיט.

אונדזער ציג מילקע פלעגט מיט מיר גיין ווי אַ מענטש, סטאַטעטשנע, שטיל, און אַזוי האָט אונדז מיין טאַטע נאָכאַמאָל באַגעגנט מיט אַ ברייטן שמייכל, וואָס מיר איז געווען אַזוי גוט און זיך געלאָזט וואוילגיין אַ גאַנצן טאָג.

אָבער ניט אַלע טאָג איז מיין גליק געווען אַזוי גרויס. מיין שוועסטער רחל האָט מיט מיר געהאַט צו טאָן אַז איך וואַקס ניט קיין גוטס, אַז מיך ציט צו די שקצים און צו די שיקסעס און אַז איך וועל זיך נאָך שמד'ן אויך. וויפיל מיין מאַמע האָט רחל'ן באַרואיקט, איז געווען אַרויסגעוואָרפן. זי האָט גע'טענה'ט אירס. אַז אַ קינד דאַרף וויסן די ושטוב, ניט לויפן מיט בהמות און ציגן אין טשערעדע.

ביז אין אַ שיינעם ווינטערדיקן פרימאָרגן איז עפּעס אונדזער ציג שלאָף געוואָרן. די מאַמע האָט נאָכאַמאָל געבראַכט לייב דעם קצב. ער האָט באַטראַכט מילקען, און האָט געזאָגט אַז מילקע איז ניט קראַנק, נאָר אַלט און מען דאַרף איר פאַרקויפן אויף שחיטה. און אָן גרויסע דינגע־ניש האָט מען אַוועקגעגעבן מילקען פאַר אַ שיבוש אויף שחיטה.

אַלע אין שטוב זיינען געבליבן זייער טרויעריק. מיין טאַטע איז דעמאָלט געזעסן ביים טיש, מיט קיינעם ניט גערעדט.

צוגעוומען איז געוואָרן אונדזער ציג מילקע וואָס איז אונדז געווען ליב און טייער ווי אַ קינד. מער געדענק איך איז ביי אונדז קיין ציג קיין מאָל ניט געווען.

מאַמע זע, דער קעניג איז נאַקעט

(פריי באַאַרבעט נאָך שערוואוד ענדערסאָן)

מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך געלייענט אַ מעשהלע „דער קעניג איז נאַקעט". דאָס דאָזיקע מעשהלע האָט אין זיך אַ מוסר־השכל.

דריי מענער זיינען געקומען צו אַ גרויסן קעניג אין לאַנד און זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, אַז זיי זיינען קינסטלער פון נייען מלבושים, און אַז ווען דאָס מלבוש איז פאַרטיק, קאָן אים זוכה זיין צו זען בלויז דער, וואָס איז ווערט צו זיצן אויף זיין פלאַץ.

„אַזוי ווי דו ביזט אַ קעניג — האָבן זיי געזאָגט — איז, אויב דיר איז באַשערט צו זיין אַ קעניג, וועסטו די קליידער פילן; אויב ניט, קענסטו זיי ניט פילן און ניט זען".

דעם קעניג איז געוואָרן זייער טשיקאַווע און ער האָט זיך געלאָזט מאַכן די קליידער. ער האָט געוואָלט טאַקע זען, צי ער איז אַן אמתער געזאָלבטער קעניג אָדער ער איז גלאַט אויסגעטראַכט צוליב זיינע עלטערן וואָס האָבן שוין טויזנטער יאָר פאַר אים געקעניגט.

אַזוי איז געווען.

די דריי שניידער האָט מען אָפּגעגעבן אַ פיינעם פלאַץ מיט צימערן צו אַרבעטן.

פיר וואָכן האָבן זיי דאָרטן פאַרבראַכט מיט אַלדאָס גוטס. דער קעניג פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען מעסטן די קליידער און אַרויסגיין פון דאָרטן זייער טרויעריק.

ענדלעך האָט דער קעניג פּראָקלאַמירט דעם געווינטשטן טאָג, ווען ער וועט זיך באַווייזן מיטן גאַנצן קעניגלעכן טראַכט, באַגלייט פון אַלע זיינע מיניסטאָרן, ראַטגעבער און גרויסע שטאַטסמענער. זיי וועלן דע־מאָנסטרירן איבערן גאַנצן שטאָט די כישוף־קליידער וואָס זיינען געוואָרן

באַוואונדערט פון זיינע הויפלייט און איצט וועלן זיי באַוואונדערט ווערן פונם גאַנצן פאָלק.

די פייערונג איז צוגעגרייט געוואָרן. קינד און קייט האָבן געיובלט ווען דער געווינטשער טאָג איז געקומען.

שטאָלץ איז דער קעניג אין זיין קעניגלעכן טראַכט אויף זיין פערד געזעסן. זיינע מיניסטאָרן אַרום אים. די פּראָצעסיע איז געווען אַ פייערלעכע, טאַקע נאָר ווי אַ קיסר קאָן זיך דערלויבן. אַלט און יונג, אַלע האָבן דעם קעניגס קליידער באַוואונדערט, ווייל געוואוסט האָבן אַלע, אַז נאָר דער קען זען די קליידער פונם קעניג ווער עס איז זוכה צו זיין אויף זיין פלאַץ. און אַפילו אַן אָרימע פרוי, אַ מאַמע, האָט איר נאָמען געוואָלט ערלעך טראָגן. דעריבער זיינען די לויב־געזאַנגען געגאַנגען ביזן הימל, געלויבט דעם קעניג׳ס קליידער, ווי פּראַכטפול שיין זיי זיינען, ווי זיי פּאַסן אים, זאָל לעבן דער קעניג און אַזוי ווייטער.

גאָר פון הינטן איז אַן אָרימע יונגע מאַמע געגאַנגען מיט איר קינד, אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר זעקס. זי האָט געשלעפּט דער מאַמעס פּאָלע און געפרעגט: „מאַמע, מאַמע, פאַרוואָס איז דער קעניג נאַקעט?״

די יונגע מאַמע איז געוואָרן רויט פון בושה. די גאַנצע צייט האָט זי געזען דעם נאַקעטן קיסר, אָבער זי האָט מורא געהאַט צו זאָגן אָדער עס ברענגען אויף די ליפּן, ווייל טאָמער איז זי ניט זוכה צו זיין די מאַמע פון איר קינד. איצט, הערנדיק פון איר קינד אַז זי זעט מיט אירע קינדערשע אויגן דעם קעניג אַ נאַקעטן, האָט זי מיט אימפּעט אַ געשריי געטאָן אַז דער קעניג איז נאַקעט.

„נאַקעט!״ האָבן זיך מעכטיקע קולות געלאָזן הערן, „נאַקעט, מוטער נאַקעט״. דער קעניג, אַ פאַרשעמטער, אַ צעטומעלטער, האָט זיין נאַקעט לייב אָנגעטאַפּט און אויסגעשריען: „פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די שווינדלער וואָס האָבן מיך אָפּגענאַרט״.

איינער פון קעניג׳ס מיניסטאָרן האָט באַלד זיין מאַנטל אויף דעם קעניג אַרויפגעוואָרפן און איז מיטן קעניג פאַרשוואונדן.

דאָס פאָלק איז לאַכנדיק זיך צעגאַנגען. און אַזוי איז אויפגעדעקט געוואָרן דער שווינדל פון די קליידער וואָס זיינען גאָר קיין קליידער ניט געווען.

דערציילונגען

צו שפעט

טעמע האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט. זי איז נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון אַ חלום. זי האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל, אַ קוק געטאָן אויפן מאַן וואָס איז געשלאָפן אין צווייטן בעט. דער מאַן איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף און שווער געכראָפּעט. אָט דאָס דאָזיקע כראָפּען פלעגט איר מאַכן נערוועז. זי פלעגט אָפטמאָל אים אויפוועקן און זיך בעטן ביי אים: „יאָסל, כראָפּע ניט אַזוי שטאַרק; איך קען ניט שלאָפן". ער, אַ פאַרשלאָפענער רעדט איבער אירע רייד: „כראָפּע ניט" — ווער כראָפּעט דען? שלאָף בעסער, ליגט אַ גאַנצע נאַכט וואכעדיק און לאָזט ניט שלאָפן. און באַלד טאַקע האָט ער ווידער געכראָפּעט.

איצט, אין מיטן דער נאַכט, זיצט טעמע אויפן בעט, קוקט אויפן מאַן און וועקט אים ניט. זאָל ער שוין אַזוי שלאָפן; סיי ווי סיי וועט זי אים ניט אויסלערנען שלאָפן אויף אַ זייט. זי קוקט זיך איין אין איר מאַן און דערמאָנט זיך אינעם חלום: אירע ליפּן מורמלען שטיל אויף פּוסטע פעלדער. ניט געדאַרפט זיך מיט אים נעכטן פאַרנעמען. אַלע מאָל די אייגענע מעשה.

טעמע לעבט שוין מיט איר מאַן אַרום 40 יאָר און אַלע אירע יאָרן פילט זי אַז מען האָט זי אָפּגענאַרט. טעמע איז געווען די יינגסטע. די ברידער און די שוועסטער האָבן שוין געהאַט חתונה געהאַט. טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָנגעטשעפּעט זי צו פאַרשלייערן פאַר יאָסל דעם שמוקלער. איין קלייניקייט יאָסל! יאָסל'ס הענט זיינען געווען גאָלדענע הענט. זיינע הענט האָבן געדרייט זיידענע גאַרטלען, פרענדזשען און וואָס ניט? אַלע טאָג פלעגט חיים דער שדכן קומען און דערציילן אַנדערע גליקן. פינף הונדערט רובל נדן גיט מען אים; די שענסטע מיידלעך ווילן יאָסלען און יאָסל וויל טעמען אַזוי ווי זי שטייט און גייט! אַלע טאָג די זעלבע רייד. טעמע איז געווען אַ שיין מיידל: ניט אַזוי שיין ווי חנעוודיק, אַ געפּאַקטע, אַ שלאַנקע מיט אַ געדיכטן בלאָנדן צאָפּ, אַביסל קלייען אויפן פּנים, אַ קורץ נעזל, זאַפטיקע ליפּן, פּערלדיקע ציין, אַ טאַנצענדיקע אַ לאַכענ־

דיקע און יאָסל, — אַ שטילער בחור ניט קיין באַריידעוודיקער האָט זיך פאַרלייגט אויפן שדכן אַז ער זאָל אים אויסשדכנען טעמען. ער וויל זי אַזוי ווי זי שטייט און גייט. חתונה קליידער אַפילו וועט ער לאָזן נייען ביי די בעסטע שניידער.

חיים דער שדכן האָט גוט געוואוסט אַז וואָס יאָסל זאָגט צו איז אמת. אים, חיימען האָט ער אויך געגנוג צוגעזאָגט. טעמע האָט געוואוסט יאָסל׳ס מעלות, אָבער אים ווערלן — האָט זי ניט געוואָלט. שוין צום וויפילטן מאָל האָט טעמע פאַרזאָגט דעם שדכן ניט צו קומען מיט יאָסלען. אָבער ווער האָט דען טעמען געהערט? יאָסל איז תמיד געזעסן אויפן שפּיץ בענקל און פון געוואוינהייט דרייען די גאַרטלען, האָט ער געדרייט די פינגער פון די הענט, ניט געקאָנט רואיק זיצן. טעמע האָט געלאַכט און אים מסתם געוואָלט געבן צו פילן אַז זי לאַכט פון אים מיטן שדכן. אָבער דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. טעמע׳ס טאַטע־מאַמע האָבן קונציק פאַרדרייט טעמען דעם קאָפּ, געפּראַוועט די חתונה, איר געוואונטשן גליק און שטי־לערהייט האָט איר די מאַמע אין אויער איינגערוימט, „לאָמיך האָבן אַזאַ מזל וואָס פאַר אַ מאַן דו קריגסט. דו וועסט מיר דאַנקען, מיין קינד, אַלע יאָרן. ווען יאָסל קען דיך ווי איך, בין איך זיכער אַז ער וואָלט זיך נאָך דיר ניט געיאָגט״.

נאָך איצט, ווען עס איז שוין איבערגעלאָפן 40 יאָר טוט טעמע אַ ציטער האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט. האָט אַ בענקשאַפט. מיטן מאַן האָט טעמע גערעדט ווייניק. ווען מען זאָל איר געוועהן פרעגן ווי אַזוי זיינען געקומען די קינדער, — זעקס קינדער, בוימער, קיין עין הרע, פיר זין און צוויי טעכטער, בריליאַנטן, האָט זיי ליב ווי איר לעבן. נאַ, פרעגט טעמען אַמאָל ווי אַזוי האָט זי געלעבט. הויבט זיך אָן אַ מעשה. איר מאַן יאָסל איז באַלד נאָך דער חתונה אַוועק צוליבן פּריזיוו, קיין אַמריקע זי האָט ער איבערגעלאָזט אַ טראָגעדיקע. דאָס ערשטע קינד, איר זון יאַנקעלע, זאָל לעבן, איז נאָך ניט אַלט געווען קיין יאָר ווען טעמע איז געקומען צום מאַן קיין אַמעריקע. יאָסל האָט טאַקע געהאַט גאָלדענע הענט. אויך דאָ אין אַמעריקע האָט ער געדרייט פאַרשיידענע טראָלדן. עס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע גאַרטלען, קנעפּלעך אַלץ האָבן זיינע הענט אויפגעדרייט. פאַר זיך אַליין האָט ער אַ שאַפּקע געמאַכט; דאָס גאַנצע פאַרדינסט טעמען אַוועקגעגעבן און איר איז רק שלעכט.

און אַזוי זיינען געקומען נאָך פינף קינדער. קיין דחקות האָט טעמע ניט געליטן אָבער איר הונגער נאָך ליבע איז געווען זייער גרויס. דעם מאַן האָט זי מיט קיין שום וואָרט ניט דערמאָנט וועגן אירע פאַרלאַנגען.

אָט אַזוי איז טעמע געוואָרן אַ באָבע פון אייניקלעך.

אויפן ערשטן בליק האָט מען טעמען געקענט אָנגעמען פאַר אַ פלירט וואָס וויל קאָקעטירן מיט מענער. אַלע האָבן טעמען ליב געהאַט. נו איז וואָס? טעמע האָט געוואָלט ליב האָבן. איז וועמען? און ווי אַזוי? אַז מען פירט אַזאַ פיינעם, אָנשטענדיקן פאַמיליען לעבן? די קינדער, גאָט צו דאַנקען, אַלע חתונה געמאַכט: איר מאַן מאַכט נאָך אַלץ אַ פיין לעבן.

מיט אַמאָל, — טעמע געדענקט ניט ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט. זי האָט זיך באַטראַכט אַוועקצוגיין פון איר מאַן. אַ דינסט וועט זי זיין אויף דער עלטער, אָבער מער וויל זי ניט טראָגן איר צער און פאַרדרוס אויף איר פאַרפינצטערט לעבן אָן אַ טראָפּן ליבע. אַ דינסט, זי וועט באַדינען פרעמדע און לעבן רואיק און קיינעם ניט אָפּנאַרן.

אַצינד, זיצענדיק אויפן בעט דערמאָנט זיך טעמע ווי נעכטן פאַרן שלאָפן גיין האָט זי געזאָגט צו איר מאַן: „הער זיך צו, יאָסל. איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוז איך דיר אויסזאָגן דעם אמת. פון זינט מיר האָבן חתונה געהאַט, טראַכט איך יעדע מינוט אַז מיר זיינען ניט קיין זיוויג, אַז איך האָב דיך קיין מאָל ניט ליב געהאַט. מיט דיר קיינמאָל ניט גערעדט ווי אַ ווייב רעדט צו איר מאַן. וואָס בין איך אַ בהמה, וואָס מען גיט איר עסן אַ גוטן צעבער מיט קלייען און זי מאַלעגיירעט? איך בין אַ מענטש, אַ פרוי בין איך. איך האָב קיין מאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ליבע. דו האָסט פון אָנהויב אָן באַלד געוווּסט אַז איך בין ניט קיין פּאָר פאַר דיר, האָסטו מיך דען פרשטאַנען אַלע יאָרן? אָבער איצט, יאָסל, איז נאָך ניט שפּעט. די קינדער אויסגעגעבן. זיי לעבן זייער לעבן. לאָמיר זיך גט'ן.

יאָסל האָט דעמאָלט פאַרענדיקט זיין אָוונט־ברויט, אַ קוק געטאָן אויף איר ווי איר מאַמע מיט 40 יאָר צוריק, אַרונטערגעשלונגען דעם ביסן און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „שוין ווידער, טעמע, זאָל זיין שאַ. איצט גייען מיר שלאָפן, ביינאַכט גט מען זיך ניט. מאָרגן, מאָרגן וועסטו זיך גיין צום רב גט'ן. מאַך נאַכט. איך בין מיד".

טעמע איז געבליבן אַ צעטומעלטע. אַפילו ווען זי האָט אים שוין אויס־

געזאָגט דעם אמת, איז פרעג אים בחרם. „באַנאַכט, — זאָגט ער, — גט מען זיך ניט!״ ביי אים איז עס גאָר אַ געלעכטער!

דעמאָלט האָט אים טעמע געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט. „הער, יאָסל, עס איז ניט קיין געלעכטער, מאָרגן וועל איך טאַקע זען עפּעס טאָן. איך וועל אַפילו זיין אַ קעכין. איך וויל כאָטש צוויי יאָר פאַר מיין לעבן, לעבן אָן בושה. מיר איז ניט איינגעגאַנגען מיך לעבן. איך זאָל ניט זינדיקן מיט מיינע רייד. כל־זמן מיר לעבן נאָך, וויל איך לעבן אַליין.

יאָסל האָט איר מער ניט געענטפערט. טעמע האָט אויסגעבעט. ביידע האָבן זיך אין זייערע בעטן געלייגט. יאָסל איז תיכף שווער איינגעשלאָפן. טעמען, ווי תמיד, האָט דער שלאָף ניט גענומען. זי איז געלעגן אין בעט און נאָכאַמאָל געמאַכט איר חשבון פאַר וואָס, גאָטעניו, קומט עס איר? עס קומען איר אויפן זכרון די קינדער. ווי וועלן זיי עס אויפנעמען? פּלוצלונג. מסתם וועלן זיי טראַכטן אַז די מאַמע זייערע איז משוגע געוואָרן.

טעמע ליגט אַזוי לאַנג ביז דער שלאָף איז איר גובר.

און אָט געפינט זיך טעמע אויף אַ ווייטן וועג. זי איילט זיך. די נאַכט פאַלט צו, עס איז שוין גוט טונקל. זי האָט חרטה וואָס זי גייט אַצינד אין דער שפּעטער שעה אַליין. דער הימל איבער איר איז ווי בליי. פאַרוואָס גייט זי אַליין? מיט פּחד זעט זי פון ווייטנס געשטאַלטן וואָס קומען איר אַנטקעגן...

. . . „מאַמע, — ציטערן אירע ליפּן, — מאַמע! זי זוכט אַצינד איר מאַן, וואו איז ער? יאָסל, שרייט זי, יאָסל!״

אַן אָפּגעגאָסענע מיט שוויס האָט זי די אויגן געעפנט. יאָסל איז, ווי פריער, געשלאָפן, זיך געלאָזט הערן. טעמע האָט געקוקט אויפן מאַן און אים געוועקט, — יאָסל! יאָסל!

אַ פאַרקלעמטע זעט זי אירע פאַרגאַנגענע יאָרן. אפשר טאַקע שוין צו שפּעט צו גיין אַליין? יאָסל האָט אַ פאַרשלאָפענער זי געפרעגט: טעמע, פאַר וואָס שלאָפסטו ניט? דו טראַכסט אַלץ פון דעם גט? טעמע?

ניין, יאָסל. עס איז, דאַכט זיך שוין צו שפּעט. און אַ פאַרפייניקטע איינגעגראָבן איר אַלטן קאָפּ אין קישן, האָט זיך טעמע ביטער צעוויינט.

אַ זומער מעשהלע

שיינע און ביילקע, צוויי שוועסטער, וואוינען שוין לאַנגע יאָר צו־זאַמען אין אַ זומער היים ניט קיין אייגענע, אַ געדונגענע היים. פאָרן זיי אַרויס אָנהייב זומער מיט האָב און גוטס, ברענגען אַרויס אַ האַלבע שטוב פון שטאָט, און די קינדערלעך, פריער קליינע, איצט שוין דערוואַקסענע, קענען ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס דעם זומער ווידער?

האָט דען די מאַמע ניט געזאָגט פאַר־אַ־יאָרן אַז מער ניט, פאַר קיין געלט מער ניט, און איצט איז מען ווידער דאָ אין דאָרף.

שיינע איז די עלטערע; ביילקע די יינגערע. זייערע מענער קומען אַרויס סוף־וואָך. ביידע שוועסטער זיינען דעמאָלט גליקלעך. עס איז גוט וואָס מען איז אינאיינעם. עס וואָלט אָבער נאָך בעסער געווען, זאָגט ביילקע, ווען מיר האָבן באַזונדערע שטיבלעך. אַן ענגשאַפט.

שיינע כמורעט זיך אָן און ענטפערט איר שוועסטער, אַז עס איז איר אַפילו ביי דער מאַמען אין דער גראַמער היים אויך ענג געווען. דערפאַר ביזטו דאָך אַוועק און פריער חתונה געהאַט פון באַשען. באַשע איז די עלטסטע. ביילקע צינדט זיך אָן און ענטפערט איר שאַרף, אַז באַשען זאָל זי ניט דערמאָנען. וואָס מיינסטו, ווען איך זאָל געווען וואַרטן ביז זי וועט חתונה האָבן, וואָלט איך געמעגט לאַנג וואַרטן. מישן זיך שוין אַריין די מענער און בעטן די ווייבער זיין שטיל.

— שאַ, לאָמיר בעסער גיין שפּאַצירן. אָט אַזוי דעם גאַנצן זומער איז דאָס איבעררײדן. ווען דער זומער לויפט אַדורך און ביידע שוועסטער זיצן אָנגעדראָדעלטע אין אָטאָמאָבילן און שווייגן, מאַכן זיי ביי זיך אָפּ, גענוג, מער ניט.

אָבער, דער ווינטער מיט די ביטערע פרעסט קומען אָן, און די צוויי שוועסטער זיינען שוין לאַנג חבר. די עלטסטע באשע קומט צו דער שוועסטער אָדער יענער. זיי דערציילן ניט אַז מען רעדט פון באַשען. איר איז נעבעך ניט אין בעסטן. גראָדע פרנסה האָט זי אָבער זי איז ניט צופרידן פון איר מאַן.

ביידע שוועסטער,ביילקע און שיינע בענקען נאָך דעם דאָרף. זיי דערמאָנען זיך ווי די קינדער האָבן הנאה; ווי זייערע מענער רוען זיך אָפּ. נאַרישקייטן, מער וועלן מיר זיך ניט קריגן, זאָגט שיינע. פאַרט אין צוויטן איז ביליגער. הלואי קען באַשע מיטפאָרן מיט אונדז!

ביילקע שווייגט, נייך, מיט באַשען וואָלט גאָר געווען שרעקלעך. מיט שיינען איז אויך ניט אַזוי גוט, אָבער וואָס זאָל מען טאָן?

און אָט איז ווידער דער פרילינג געקומען און שיינע זאָגט צו ביילקען: איז וואָס זאָגסטו, ביילקע? מיר'ן דינגען די דירה? ענטפערט ביילקע, גלייכצייטיק, וואָס זאָל איך זאָגן? אַז דו ווילסט, דינג.

וואָס מיינסטו? וואָס זאָלסטו זאָגן, אַז דו וועסט זיך אָנהייבן קלייבן וועט מען דאָס פּלאַץ פאַרדינגען. ביילקע שווייגט אַ ווײַלע און ענטפערט: אָלרייט, נעם עס. שיינע פאַרבייסט די ליפּן און ענטפערט ניט.

זומער איז די שטיקעניש אַזוי גרויס. מען קאָן ניט כאַפּן דעם אָטעם. אין דאָרף איז פאַר די קינדער אַ פאַרגעניגן. און שיינע דינגט ווידער די הויז אין דאָרף.

יאָרן זיינען אַזוי געלאָפן. פון די קינדער האָבן זיי שון לאַנג איי־ניקלעך. זיי האָבן איצט אַ זומער היים ניט וויט פון אַ שיינעם האָטעל וואו די קינדער זאָלן קענען גיין טאַנצן אין קאַסינאָ און די באָבעס גיבן אַכטונג אויף די אייניקלעך.

יאָר איין, יאָר אויס פאָרן ביידע שוועסטער אין דאָרף. זייערע קעפּ זיינען שוין גרוי; אויך זייערע מענער זיינען אין זעלבן מצב. שניר און טעכטער, זין און איידעמס, פאַרברוינט פון דער זון. די אייניקלעך אַזוינע ליכטיקע, מען לויפט אין וואַסער, מען מאַכט איבונגען. די קאַסינאָ איז באַלעבט; מען טאַנצט, עס איז פריילעך: דאָס יונגוואַרג ווייסט פון אַ לעבן. זיי איז דאָס לעבן אָנגעקומען גרינגער; אין זייער לעבן איז דאָ לוסטיקייט, פרייד. זיי זיינען געבאָרן דאָ אין לאַנד.

שבת אָוונט זיצן ביידע שוועסטער אין דרויסן: די נאַכט איז אַ ליכטיקע. זייערע מענער, אויסגעמאַטערטע פון אַ וואָך אַרבעט, שלאָפן שוין געשמאַק.

שיינע קוקט אויף דער לבנה. אירע בליקן פאַלן אויף ביילקעס זיל־בערנעם קאָפּ, זי האָט מיטלייד אויף איר שוועסטער.

זע נאָר וואָס פאַר אַ כאַפּעניש עס איז אויף איר געווען! אַזאַ ברען! אַ באָבע געוואָרן צו 40 יאָר.

ביילקע טראַכט פון שיינען דאָס זעלבע, פונקט די זעלבע טראַכ־טונגען. אויך איר איז אויף איר שוועסטער אַ רחמנות. שיינען ברעכן די הענט: זי אַרבעט צו שווער, זי וויל פאַרזאָרגן דעם מאַן, די קינדער און די וועלט. זי רוט ניט שיינע. תמיד וויל זי העלפן מענטשן. עס נוצן זי אויס אירע אייגענע קינדער, איבערהויפּט איר עלטסטע טעכטערל. זי הייסט אויך דעם זעלבן נאָמען, ביילקע, אָבער זי רופט מען בעל. בעלאַ האָט שוין אַליין אַ מיידעלע און ברענגט עס תמיד צו דער מאַמען ניאַנ־טשען. די מאַמע קוועלט פונעם נחת.

ביילקע דערפילט איר שוועסטער. זי וויל איר זאָגן אַ וואַרעם וואָרט. זי קוקט אַצינד אַריין אין איר אויגן פאַרגאַנגען לעבן. איר יוגנט, אירע חלומות. האָט זי דען עס געוואָלט אַזוי?

שיינע וועקט אויף ביילקען פון איר פאַרטיפונג. זי פרעגט ביילקען: וויפיל יאָרן פאָרן מיר שוין אין דאָרף, ביילקע? ביילקע שוויגט. עס טוען איר באַנק די יאָרן וואָס זיינען אַזוי שנעל איבערגעלאָפן ניט קוקענדיק וויפיל צרות עס זענען געווען אין פאַרלויף פון דער צייט. ביילקע וויל ניט דערמאָנען די יאָרן וויפיל זיי פאָרן אין דאָרף.

שיינע איז ניט פיל עלטער פון ביילקען, און, פונדעסטוועגן האַלט זי זיך עלטער. זי טראַכט אַצינד פון שיינען, אַז פאָרט צוליב שיינען האַלט זי זיך יונג. ווי אַ מאַמע איז זי צו איר. תמיד געווען אַ גוטע נשמה. פון זיך האָט זי גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט.

שיינע זאָגט, ביילקע, דענקסטו אַז מיר האָבן ריכטיק געלעבט? איך מיין ריכטיקער פון אונדזערע עלטערן? שיינע, דענקסטו אַז מיר האָבן געלעבט ריכטיקער פון אונדזערע קינדער? אַ, שוועסטער, ווי מיר בענקט זיך נאָך מיין יוגנט וואָס איז אַזוי שנעל אַריבער.

שיינע קוקט אין דער ווייטקייט, זי זאָגט שטיל צו דער שוועסטער: ביילקע, דיר האָט זיך תמיד געדוכט, אַז איך בין אַ בייזע, אַ קאַרגע. ניין, שוועסטערקע, איך בין עס ניט געווען. אומשטענדן, שוועסטער, ברענגען צו אַלץ. נעם דעם פאַרגלייך פון אונדז מיט אונזערע קינדער. וואָס האָבן אונדזערע עלטערן אונדז געגעבן? דאָס איינציקע איז געווען עסן. קליידן האָבן מיר זיך שוין אַליין געדאַרפט. מיר האָבן אונדזערע קינדער געגעבן באַקוועמלעכקייטן. און ביז איצט ווערן מיר אַלט און גרייט צו טראַכטן פון זייער וואוילזייך. זיי צו מאַכן באַקוועמער זייער לעבן.

מיר זיינען פון דעם אַלטן דור; אונדז אַרט פאַר אַלץ. אונדזערע קינדער אַרט ניט פאַר קיין זאַך.

ביילקע ווערט גערירט פון איר שוועסטער. זי האָט מיט איר גאָר קיינמאָל ניט גערעדט. זע נאָר וואָס פאַר אַ שיינע געדאַנקען זי ברענגט אַרויס!

ביידע שווייגן אין דער שטילער נאַכט. זיי הערן דאָס רוישן פון די ביימער. שטיל איז די נאַכט. די גרילן שווישצערן, די פליגעלעך מיט זייערע גאָלדענע שופּן פינקלען ווי בריליאַנטן. דער הימל איז אויס־געשטערנט. אַ שיינע, ליכטיקע לבנה קוקט אַרונטער אויף ביידע שוועסטער וועלכע זיינען פאַרטיפט אין זייערע מחשבות.

דער וויצן שרייבער

סענדערס, דער יידישער וויצן־שרייבער מיטן מרה־שחורה׳דיקן פנים, איז געקומען אהיים מיטן געדאנק אויפצועגבן די ארבעט אין זיין צייטונג.

גענוג, מער וויל ער נים ארבעטן. עס רעדט זיך גאר ארבעטן — סענדערס מוז זיינע וויצן צונויפזאמלען אין פאראויס. איז ווי־זשע זאל ער זיי זאמלען? שלעפט ער זיי צוזאמען פון ענגלישע צייטונגען, פון אמאליקע גלייכווערטלעך, קוקט און הערט זיך צו. אבער עס איז ניטא וואס צו זען און וואס צו הערן. און דא מאנט אים זיין רעדאקטאר:

„וואס הערט זיך, סענדערס, עפעס דא וויצן?״ סענדערס ווערט פון די דאזיקע פראגן זייער אויפגערעגט און זאגט א גלייכווארט, וויל פארדעדן דעם רעדאקטאר די ציין.

לעצטנס פילט ער שלעכט. זיין פרוי פרידען איז אויך שלעכט. ווען ער קומט אהיים און הויבט אן ארבעטן מיט דער שער און קלעפן און דערנאך שרייבן און אפטמאל גיט ער די שער א ווארף אין דער ערד און שרייט אויס:

— פרידע!

פרידע קומט צולויפן א פארציטערטע.

„וואס איז, סענדערס, ווידער שלעכט? גוואלד, צו וואס הרגעסטו זיך אזוי? גיי ארבעטן ביי דיין שניידעריי וועסטו ווערן געזונט. צו וואס טויגן דיר די נארישע וויצן? אפילו ווען זיי זאלן זיין דיינע, טויגן זיי ניט, ובפרט אז דו נעמט זיי ביי אנדערע. סענדערס, טראכט איבער, וועסטו זען אז עס וועט זיין בעסער״.

סענדערס ענטפערט ניט זיין ווייב. שוין לאנג אז ער האט געווארפן אן אומ׳חן אויף זיין ארבעט. ער וואלט טאקע בעסער געוואלט ווערן צוריק א שניידער איידער אזא שרייבער.

די קאלעגן פון רעדאקציע חוזקן פון אים:

„סענדערס, קום אהער, מיר האבן עפעס פאר דיר״.

אלע האבן עפעס און ער אליין האט לכתחילה גארניט.

איצט, אריינקומענדיק אין שטוב א פריילעכער, האט אים פרידע אנגעקוקט, ניט געגלויבט אז איר מאן שמייכלט. אזא שמייכל האט זי

איף זיין פּנים געזען די ערשטע טעג פון זייער באַקאַנטשאַפט.

פון זינט ער גיט זיך אָפּ מיט דער וויצן אָפּטיילונג, הערט מען פון אים ניט קיין גליך וואָרט. און מיטאַמאָל, עפּעס אַזאַ פרײלעך פּנים!

„פרידע", זאָגט סענדערס, „איך האָב היינט עפּעס געפונען. מיר איז איצט זייער גוט".

פרידע ווערט מיטגעריסן: „וואָס, סענדערס, וואָס האָסטו געפונען? עפּעס וואָס עס האָט צו טאָן מיט געלט?"

„ניין, פרידע, נאָך בעסערס פון געלט. איך האָב געפונען אַן אויסוועג ווי פּטור צו ווערן פון מיין אַרבעט. איך האָב געפונען אַ טעמע פאַר מיין רעדאַקטאָר: ער זאָל זיך אַליין שאַפן די וויצן, אויב ער דענקט אַז די אַרבעט איז אַזוי גרינג. מער וויל איך ניט זיין קיין שער, איך מיין אַ שרייבער. צו וואָס טויג מיר אַזאַ ניששטיק לעבן? ווער זאָגט דען איצט אַ גליך וואָרט אָדער אַ וויץ? די יידישע וויצן זיינען שוין אויסגענוצט, די ענגלישע זיינען קליאַטשעס. מער קיין קליאַטשעס וויל איך ניט קייען; דו הערסט פרידע? — מער ניט!"

„סענדערס, ווי איז מיר, דו ביזט זייער קראַנק, דו וואָלסט געדאַרפט אַריינגיין צו אַ סייקייעטריסט! פּלוצלונג זיך דערמאָנט אָוועקצוגיין... די צייט איז אַזאַ ביטערע. פריער האָסטו מיך ניט געוואָלט פאָלגן, איצט איז צו שפּעט. דיין געפינס איז מיר ניט צום האַרצן. איך האָב געמיינט אַז דו האָסט געפונען געלט".

לאַכט סענדערס: „נאַרעלע, וועלכער נאַר פאַרלירט איצט געלט? אַ גוטער געדאַנק איז טייערער פון געלט. זאָלן זיי זוכן אַן אַנדער בעזים. מיר איז נמאס געוואָרן די דאָזיקע אַרבעט, איך וויל ניט מער. אָט וועל איך פאַר דיר לייענען מיין רעזיגנאַציע. די געדאַנקען זיינען מיר געקומען אין קאָפּ. הער זיך צו מיט קאָפּ, פרידע".

סענדערס נעמט אַרויס פון ׳זיין בריוו־טאַש אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר און לייענט:

ווערטער רעדאַקטאָר, שוין עטלעכע יאָר אַז איך שטעל־צו וויצן פאַר אייער צייטונג. מענטשן מעגלעך לאַכן, נאָר איך וויין ביז איך ברענג זיי אין רעדאַקציע. שווער פאַלט מיר די דאָזיקע אַרבעט, נאָך גוט וואָס מיין נאָמען איז פאַרשטעלט, אַניט וואָלט איך מיין פּנים זיך געשעמט צו ווייזן אין גאַס. מער וויל איך די דאָזיקע אַרבעט ניט טאָן. אויב שוין יאָ שרייבן,

וויל איך זיין אַ שרייבער מיט אַלע שרייבער גליך. איך וויל מער ניט זיין קיין פּאַיאַץ און טראָגן אַ מאַסקע אויף מיין פּנים.

פרידע שטעלט אים אָפּ: „גענוג, לייען ניט מער. מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַז דו האָסט טאַלאַנט גאָר פאַר עפּעס אַנדערש. שרייב דיינע אייגענע געדאַנקען און זאָלן מענטשן לאַכן. שרייב אַ הומאָרעסקע, שרייב אַ מעשה, שרייב וואָס דו ווילסט, אָבער זיי ניט צעטומלט און גיב ניט אויף דיין אַרבעט. פאַרט בריינגסטו אַלע וואָך אַ טשעק".

סענדערס גלאָצט די אויגן אויפן וויב, געמיינט אַז זי איז אַ בהמה. צום סוף רעדט זי קלוגע רייד... זי גלויבט אין זיין טאַלאַנט, זי זאָגט אַז ער קען שרייבן. אויב שוין יאָ אַזוי, וועט ער ערשט ווייזן וואָס סענדערס קען. און ניט נאָר איר, די קאָלעגן אויך. גענוג אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגע־נער. איצט וועט ער צוריק גיין אין רעדאַקציע, איבעררעדן מיט דעם רעדאַקטאָר אַז פאַר דער וואָך וועט ער ווי עס איז אים צושטעלן וויצן, אָבער מער ניט.

ווען פרידע האָט אים גערופן צום טיש עסן, איז ער שוין אין שטוב ניט געווען. אַ פאַרסאַפּעטער איז ער געלאָפן אין רעדאַקציע. ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון רעדאַקציע, האָט אים דאָס האַרץ געקלאַפּט, דער פּנים איז געווען נאַס פון שוויס. אויף זיין שוואַכן קלאַפּן אין טיר איז געקומען דער ענטפער: אַריין!

סענדערס איז געשטאַנען פאַרן רעדאַקטאָר. פאַר די אויגן איז אים דורך אַ שווינדל. דער רעדאַקטאָר, אַ דערשראָקענער, האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון זיין זיץ פּלאַץ, באַזעצט סענדערסן אויף אַ שטול, געגעבן אים אַ גלאָז וואַסער און געפרעגט וואָס אים איז... סענדערס האָט געקוקט מיט פאַרנעפּלטע אויגן אויפן רעדאַקטאָר און ניט געוואוסט פון וואַנען ער זאָל אָנהויבן. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין בריוו טאַש די וויצן און אַוועק־געלייגט אויף דעם שרייב־טיש.

פון זיין גאַנצן פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך... סענדערס איז גע־בליבן אַ וויצן שרייבער.

אַ חלום אויף דער וואָר

וואָלטער, איינער פון די באַגאַבטע קינסטלער פון דער ראַדיאָ, איז, ווי תּמיד, געווען שטאַרק אויפגערעגט. באַלד וועט קומען דער סיגנאַל און זיינע אַרטיסטן מיט אים בראש וועלן זיך לאָזן הערן אויף דער לופט, וואו צענדליקע טויזנטער צוהערער וואַרטן מיט גרויס אומגעדולד אויף זייער ליבלינג, קוקן אויפן זייגער: אָט באַלד, באַלד הערן זיי דאָס שענסטע וואָס זייער פאַנטאַזיע מאָלט אויס.

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק האָט אים ליב. זיין שטימע איז געווען אַזוי הערלעך, פּאַרכאַפּנד, און וואָלטער האָט געוואוסט אַז זיינע צוהערער טאָר מען ניט אַנטוישן.

ער האָט אַנגאַזשירט די בעסטע שוישפּילער, געקראָגן דאָס פיינסטע מאַטעריאַל, אַליין געשאַפן די סצענעס, אומדערמידלעך שווער געאַרבעט און האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף קיין שום קראַנקהייט: געזונט, יונג און טאַנצנדיק. אין זיין קעגנוואַרט האָט מען פון קיין עלטער ניט געטאָרט רעדן — ניטאָ אַזאַ זאַך ווי עלטער. אַלט ווערן בלויז קראַנקע מענטשן. אָבער איך?

וואָלטער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז אָט, אָט און ער איז שוין 60 יאָר אַלט. וואָס איז אַזוינס יאָרן? — לאַכט ער געשמאַק, מיט זיין ברוסטיקער שטימע, און טאַנצט אויס אַ טאַנץ ווי ווען ער איז נאָך קיין 16 יאָר ניט אַלט געווען. אָ, לאַכט ער, ווער נאָך קען עס באַווייזן?

אָבער די לעצטע צייט באַפאַלט וואָלטערן אַ מידקייט. זיכער איז עס ניט פון עלטער, נאָר פון זיינע געהילפן שוישפּילער, וואָס אַלץ קומט זיי אָן אַזוי גרינג: זיי זיינען צעבאַלעוועט! ער האָט אַזאַ יוגנט ניט געהאַט. יעדער פּיצעלע דערפאָלג איז אים אָנגעקומען שווער. אים קלאַפּט זיין האַרץ אײדער ער טרעט אויף; אַ הייליקן ציטער פילט ער ווען ער שטייט ביים „מייקראָפאָן" און רעדט צו זיינע צוהערער וואָס וואַרטן אויף אים.

איצט, זיצנדיק ביים טישל און בלעטערנדיק די ראָלן וואָס יעדער שוישפּילער דאַרף קריגן, האָט אים אַ שטאַרקער ווייטאָג געכאַפּט אַרום האַרצן, זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אַ פינטל געטאָן. אָ, וואָס איז עס?

דער שטאָך האָט זיך ווידערהאָלט און וואָלטער האָט אָנגעקלונגען צום באַדינער אַז ער זאָל אַריינרופן זיין דאָקטאָר, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּאָר צימערן מיט אַ שטאָק העכער.

באַלד איז דער דאָקטאָר אַרונטערגעקומען, באַטראַכט זיין פּאַציענט, זיך גוט צוגעהערט צו זיין האַרץ. די טרובקע איז אַרומגעלאָפן איבער וואָלטער׳ס ברוסט, וואָס האָט געצאַפּלט ווי אַ טויב. ער האָט געקוקט דעם דאָקטאָר אין די אויגן און געוואַרט מיט אומגעדולד — נאָך עטלעכע מינוטן און זיין שטונדע אויף דער ראַדיאָ פאַנגט זיך אָן.

רואיק זיצט דער דאָקטאָר אַנטקעגן וואָלטערן, שמייכלט ווייך און זאָגט שטיל: „איר קענט היינט אויף דער ראַדיאָ ניט אויפטרעטן״.

וואָלטער׳ס פּנים איז געוואָרן אַש קאָליר און ער האָט געזאָגט:

„דאָקטאָר, איר מיינט אַז איך האָב געקראָגן אַ, אַ...

וואָלטער האָט ניט געוואָלט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט אַטאַקע. זיינע אויגן האָבן מיט געבעט געקוקט אויפן דאָקטאָר, ער זאָל עס מאַכן צו קליין געלט. אָבער דער דאָקטאָר, ווי אַ קאַלטער גזלן האָט ווידערהאָלט זיינע פריערדיקע ווערטער. — „ניין, טייערער פריינד, היינט וועט איר עס ניט מאַכן, אייערע אברים האָט איר צופיל אָנגעשטריינגט. די וואָרנונג איז אין צייט. איר מוזט רוען אין בעט אַ פּאָר וואָכן. אָבער איר דאַרפט מיך ניט אָפּנאַרן, ווייל איר וועט נאַרן זיך אַליין.״

וואָלטער האָט געשוויגן; געקוקט אויף די ראָלן וועלכע זיינען געלעגן אויפן טיש. אַלץ איז געווען גרייט! אָבער וואָלטער איז ניט געווען גרייט צו גיין אין בעט רוען. ער בעט דעם דאָקטאָר אַז ער זאָל אים דערלויבן בלויז דאָס מאָל. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף וואָלטער׳ס פּנים, אַ שמייכל וואָס האָט מיט ווייטאָג זיין פּנים פאַרקרימט. אַ שניט, ווי אַ בליץ איז ווידער דורך זיין האַרץ פאַרבייגעלאָפן. אַ רעזיגנירטער האָט ער זיך אויף דער סאָפע אויסגעצויגן. דער דאָקטאָר האָט אים געגעבן אַן איינ־שפּריצונג. וואָלטער׳ס אויגן האָבן מוטנע געקוקט אויף דער אומגעבונג פון דער סטודיאָ.

מיטאַמאָל האָט דער זייגער געוויזן די צייט ווען די פּראָגראַם פאַנגט זיך אָן און אַנשטאָט וואָלטערן איז דער מענעדזשער דערשינען און צו וואָלטער׳ס אויערן האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען. דער קאָמענטעיטאָר האָט געמאָלדן, אַז דער באַליבטער שוישפּילער און סטאַר פון זיינע ליב־

האָבער, קאָן היינט, צוליב געוויסע סיבות, ניט זיין אויף זיין פּראָגראַם. מיר וועלן מעלדן גאָר אין גיכן פון זיין צוריקקומען, אָבער היינט פאַר־נעמט זיין פּלאַץ זיין געהילף.

וואָלטער האָט זיך געלאָזט באַדינען און שפּעטער האָט ער זיך גע־פונען אין דעם פיינסטן שפּיטאָל. אויף די שפּיץ פינגער זיינען די באַדינער אַרום אים געגאַנגען.

וואָלטער איז איצט — מיט אַלע זיינע חושים, געווען מיט זיין קעסט אויף דער בינע. נאָך קיינמאָל האָט ער אַזוי גוט ניט געשפּילט.

ער איז ניט קראַנק, זיכער איז עס גאָר געווען אַ חלום.

יאָ, אַ חלום אויף דער וואָר!

פורים אין אַמעריקע

פריידע, אַ חנעוודיקע אידענע, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אַלטע היים. איר מאַן איז שוין לאַנג טויט, אָבער פריידע איז אָנגעגאַנגען מיט איר לעבן בשלום. צו אירע קינדער קומט זי ניט אָן. אַ גרויסע בריה אין קאָכן און אין באַקן, טוט זי איר אַרבעט מיט גרויסער ליבע, אויב ניט פאַר זיך איז פאַר פרעמדע. זי פאַרגינט אַלעמען; קיינער איז פריידען גאַרניט שולדיק: צאָלט זי איר דירה געלט אין צייט און העלפט נאָך אַרויס אַן אָרעמער פאַמיליע אַז זי דערוויסט זיך פון איר, ברענגט צו טראָגן פון שענסטן און בעסטן, זאָלן זיי זיך אָפּכאַפּן דאָס האַרץ.

זי פאַרזעט אויך ניט אירע קינדער, אָבער די קינדער פריידע׳ס זאָגן צו זייער מאַמען, אַז זי זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט באַקן זאַכן, ווייל דאָס מאַכט פעט; זיי ווילן ניט אירע געבעקסן, איבערהויפּט אירע שנירך קענען ניט פאַרטראָגן די שוויגער פאַר איר בריהשאַפט און היינטער די אויגן באַריידן זיי זי און ווינטשן זייערע מאַמעס צו זיין אַזוי געזונט ווי פריידע.

און פריידע, אַ הויכע, אַ שטאַרקע, מיט שפּורן פון אַמאָליקער שיינ־קייט, מאַכט זיך ניט הערנדיק, הייסט זיך געבן אַ טעלער און לייגט אויס טייערע געפּרעגלטע טייגלעך מיט האָניק און גוטע שטרודל וואָס איז בעסער פון פלאָדן, אַ גוט שטיקל האָניק־לעקעך און קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס די קינדער אירע שמעקט עס ניט. „נאַט, שמייכלט זי גוטמוטיק, עס וועט אייך וואויל באַקומען, פאַרזוכט, פאַרזוכט. מיינע זין האָבן ליב דער מאַמעס מאכלים.“ און ווען פריידע קומט אַהיים וויינט זי זיך שטיל אויס. ניטאָ איר געטרייער מאַן וואָס האָט אַלץ אַזוי ליב געהאַט און זי פאַר אַלץ געלויבט. זיין זאָגן: פריידל, דו ביזט אַ גרויסע בריה, קלינגט איר תמיד אין אירע אויערן. אָבער ער זאָל זיין אַ גוטער בעטער, האָט זיינע יאָרן אויסגעלעבט.

פריידע׳ן שיינקט גאָט יאָרן און זי דאַנקט אים אַלע טאָג. זי האָט טייערע גוטע פריינט וועלכע שאַצן אָפּ איר אַרבעט און וואַרטן מיט אומ־געדולד זי זאָל קומען און זיי אויסבאַקן אַ האָניק לעקעך, אָפּפרעגלען די

האַניק טייגלעך; טוט זי עס און איז צופרידן פון די לויבגעזאַנגען.

ענדלעך דערוואַרט זיך פריידע אויף דעם גליקלעכן טאָג פורים. א טאָג ווען המן הרשע האָט געהאַט זיין וויסטן סוף און מרדכי האָט געבראַכט אסתרן צום קעניג, זייער אַ שיינע געשיכטע.

פריידע לייענט לייענט נאָך אַלץ דעם טייטש־חומש און בכלל האָט זי ליב אַלע יידישע יום־טובים, אָבער דער שענסטער יום־טוב איז פורים. דאָ קאָן זי באַווייזן איר בריהשאַפט: און מיטן פורים לעבט פריידע אַ גאַנצן יאָר. זי הייבט אָן גיין צו אירע באַלעבאַסטעס אַ חודש פאַר פורים. פריידע זאָגט אַז געלט און האָניק־טייגלעך ווערן ניט אַלט געבאַקן, מאַכט ניט אויס אַז זיי פאַרפאַקעווען דאָס געבעקס אין שאַכטלעך ביז עס קומט דער געווינטשטער טאָג פורים, — פּוצט זיך פריידע אויס אין אירע בעסטע קליידער און גייט הערן מגילת אסתר.

די שולן זיינען ליכטיק. אַ פיינער רב רעדט, דערציילט פון המנען, פאַרגלייכט אים צו היטלערן. אויך דאָ איז דאָ פאַר די קינדער פיינע גראַגערס און מען קלאַפּ המנען אויף וואָס די וועלט שטייט.

פריידע׳ס פנים שיינט פון פרייד וואָס זי האָט דערלעבט ניט נאָר המנ׳ס מפלה, נאָר אויך היטלער׳ס אומקום און אַלע שונאים פון יידישן פאָלק וועלן אַזוי אומקומען. פריידע׳ס האַרץ איז אָנגעפילט מיט פרייד וואָס מיר פאַרמאָגן מדינת ישראל. איין קלייניקייט, זאָל זיך געבענטשט גאָט׳ס נאָמען, זאָגט פרום פריידע נאָך דעם בעל קרא וואָס לייענט די מגילה.

פורים וועט אייביק זיין דער יום־טוב פון די יידן און מירן זיך פרייען וואָס די המנס ווערן פאַרטיליקט.

פריידע וואונדערט זיך בלויז וואָס אומעטום איז איין וועלט און פורים אין אַמעריקע איז אויך אַ גרויסער יום־טוב!

פסח אין אַמעריקע

רחל האָט אַרומגעקוקט איר שטוב, וואָס זי האָט אויף איר שטייגער געכשר׳ט לכבוד פסח. אַלץ האָט געפינקלט. דעם פסח פילט רחל אַנדערש ווי די אַנדערע יום־טובים, ווייל יעדער יום־טוב האָט זיין צייט. אָבער פסח איז פרילינג. אַחוץ דעם וואָס גאָט האָט אויסגעלייזט די יידן פון מצרים, איז רחל מיטן מאַן אויך אויסגעלייזט געוואָרן פון היטלער׳ס גיהנום. דאָ אין אַמעריקע האָבן זיי געפונען זייער נעסט, און ווי צוויי פייגל וואָס וואַרפן פון זיך אַרונטער זייערע אַלטע פעדערן און נייע וואַקסן אָן, אַזוי פילןביידע. זיי זיינען ניט ס׳ערשטע פּאָר. גאָט האָט זיי געשטראָפט דערמיט וואָס אין די גאַז־קאַמערן האָט מען אומגעבראַכט זייערע ליבסטע און טייערסטע. און אַז די וועלט פון מאָרד האָט זיך אָפּגעשטעלט און רחל האָט דערפילט אַז זי לעבט און פונקט אַזוי איז געווען מיט ישראל׳ן איר איצטיקן מאַן, אויך ער האָט זיך ניט געגלויבט אַז ער לעבט.

ביידע, עלענדע צוויי נשמות, האָבן זיי זיך באַגעגנט, זיך אויסדערציילט פון זייערע אומענדלעכע יסורים, האָבן זיי אין אַ קורצער צייט פון איבערטראַכטן באַשלאָסן חתונה צו האָבן און פאָרן נאָך אַמעריקע.

שוין דאָס דריטע יאָר אַז ישראל און רחל זיינען דאָ; האָבן אַ פיין הויז; ישראל פאַרדינט גוט; ביידע זיינען אין די בעסטע יאָרן, אָבער קיין קינדער ווילן זיי מער ניט האָבן: זי וויל טראָגן דעם אנדענק פון זייערע פאַרלאָרענע קינדער.

רחל איז שיין ווי אַ מלאך. ישראל האָט ליב זיין ווייב, זי איז אַ גרויסע בריה. און רחל? רחל׳ס ברוינע אויגן ווי מאַנדלען קוקן טרויעריק אויף גאָט׳ס וועלט און זי בענקט נאָך איר פאַרגאַנגענהייט, איר קינד, איר מאַן, איר מאַמעשע. איי, איי, ווען זיי קענען זען רחל׳ס היים, איר ווירטשאַפט. נו, הייבט זיך אָן אַ מעשה... זיי זיינען ניט די איינציקע און טאַקע פון די גליקלעכע. ישראל טוט פיינע געשעפטן; רחל פירט די באַלעבאַטישקייט און האַלט אין איין פוצן די שטוב.

איצט, לכבוד פסח, איז זי פאַרנומען מיט כשר׳ן. זי קומט פון אַ פרום

הויז. איר טאַטעשע און מאַמעשע׳ס שטובן וויל זי דערפילן אין איר היים. און וויפיל זי אַרבעט אויף דעם, קומט עפּעס אַלץ ניט אַרויס: אַז די גאַס איז גוייש, שמייכלט זי צו איר מאַן, וויאַזוי קען זיין אין שטוב יידיש? און ישראל זאָגט איר ליבלעך: זאָרג זיך ווייניקער, מיין ווייב, פאַרן דרויסן. כשר דיין אייגן הויז וועט די שכינה שיינען אין אונדזערע ווינקלען. ווייזן זיך צווי טרערן אין רחל׳ס אויגן. יאָ, אַ שיינע שכינה קאָן שוין ביי איר שיינען! איצט אָבער דערפילט רחל אַז איר מאַן איז גערעכט. זי האָט פאַרט די שטוב געכשר׳ט אויף פסח. מצה איז שוין דאָ, ווייך, פליייש און אַלע אַנדערע זאַכן האָבן זיי באַצייטנס איינגעקויפט.

ישראל קוועלט אָן פון זיין ווייב. רחל׳ע, אָט אַזוי, טייערע, האָב איך דיך ליב; און אויב דו ווילסט קאָנסטו איינלאַדן דייך קאַליזאַנקע מיטן מאַן און קינד וועל מיר פראַוועון דעם סדר. געגוג געוויינט, מיין ווייב, פסח איז אַ יום־טוב פון באַפרייאונג און אונדז האָט גאָט אַליין צוגעפּאַרט, טאָ זאָל דער פסח זיין פריילעך. און אַז רחל האָט איר מאַן געפאָלגט און געקלונגען איר חברטע צי זי וויל קומען צו זיי יום־טוב פראַוועון דעם סדר און יענע האָט געענטפערט יאָ, — איז רחל געווען אין זיבעטן הימל. יאָ, ישראל איז גערעכט אַז גאָט איז געווען זייער שדכן און אַז דאָס לעבן מוז אָנגיין. זאָל געבענטשט זיין מיין באַשעפער.

פריידיק גרייט אָציגד רחל דעם טיש. זי מאַכט מאכלים אַלץ ווי אויף דעם וואַרשעווער שטייגער און מיט גרויס געפיל דערוואַרטעט זי דעם מאַן וואָס האָט איר צוגעזאָגט צו ברענגען געסט.

די געקעכצן פאַרשמעקן די שטוב. רחל גרייט דעם גרויסן טיש און אירע ליפן באַוועגן זיך שטיל: „אַמעריקע איז איצט מייך היים״. מורמלען שטיל אירע ליפן — „פסח אין אַמעריקע״.

פ ל אָ ר ע נ ס

פלאָרענס האָט דעם גאַנצן טאָג ניט גערוט. זי האָט זיך געגרייט אָפּצופּאָרן אויף איר וואַקאַציע אין די בערג און די דאָזיקע צוגרייטונגען האָבן זי ממש פאַרמאַטערט. פלאָרענס איז שוין ניט יונג, אָבער זי זעט אויס יונג און פלייסט זיך אָנצוהאַלטן איר פרילינג ווי לאַנג זי קען עס פאַרהאַלטן.

איצט פאַקענדיק אירע קליידער לויפן פאַרביי די צייטן ווען זי איז געווען ערשט 19 יאָר. ביי איר מאַמע, האָט פלאָרענס אַלץ אויסגעפירט און ווען זי האָט צו איר 18־טן יאָר חתונה געהאַט, האָט די מאַמע געדענקט ווי ווען זי קאָנען לעבן אָן איר קינד וואָס פאָרט אַוועק אַזוי ווייט פון איר? אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען, פלאָרענס איז געקומען צוריק אַ געַ׳גט׳ע. איר מאַן האָט זי שלעכט באַהאַנדלט און אויף דעם סמך האָט זי באַקומען אַ גט. און שוין איז זי ווידער אין איר נעסט.

פלאָרענס מאַמע האָט געאַרבעט אין אַ קליידער פאַבריק אַלס דער־זיינערין און פלאָרענס איז דאָרט געווען די סעקרעטאַרין. ביידע האָבן פיין פאַרדינט און ביידע האָבן זיך געהאַלטן ווי שוועסטער ניט ווי אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער, פון זייערע באַגעגענישן האָבן זיי זיך אויסדער־ציילט פריי.

בעקי פלאָרענס מאַמע, אַ שיינע שלאַנקע פרוי מיט גרויסע אויגן וועלכע האָבן תמיד געשמייכלט און מענטשן האָבן איר באַוואונדערט. זי האָט אָבער ניט געוואָלט חתונה האָבן, ווייל זי האָט געוואָרט אַז איר קינד וועט אויסוואַקסן און אויסדערווײלן איר באַשערטן וועט זי נאָך האָבן צייט אַ טראַכט צו טאָן פון זיך. אָבער אַז פלאָרענס האָט איר גליק פאַרלאָרן האָט איר בעקי ניט אויסגערעדט, נאָר באַלד געזאָגט, זאָרג ניט מיין קינד, וועסט נאָך זיין גליקלעך.

פלאָרענסעס באַלעבאָס מר. צעווקין האָט ליב געהאַט די מאַמען מיט דער טאָכטער. פונקט ווי דער מאַמעס אויגן האָבן מילד געשמייכלט האָבן פלאָרענסעס ציינדלעך געלאַכט. אירע רויטע ליפּן האָבן זיך קיינמאָל ניט

געשלאָסן, אַ מין חן איז געווען אין איר קורץ נעזל און זאַפּטיקע ליפּן וואָס האָבן זיך באַוועגט ווי אין אַ געזאַנג.

פלאָרענס איז געווען שיין געוואַקסן, געטאָקטע פיס און וואונדערלעכע שיינע הענט. אירע האָר, טונקל בלאָנדע, האָבן איר צוגעגעבן אַ וועלט מיט חן. די מאַמע איז געווען מיט 19 יאָר עלטער פון איר טאָכטער, אָבער עס איז ניט קענטיק געווען. זייער יוגנט האָט זיך געליכטיקט ווי דער פרילינג.

מיסטער צעווקין האָט זיך ממש געשפּיגלט אין דער מאַמען מיט דער טאָכטער. בעקי איז געווען אַ פּיאַיקע פרוי און איז געוואַקסן מיט אירע פּיאַיקייטן און דערגרייכט אין קליידער געשעפט צו ווערן די דעזיינע־רין אין די „שאָו־רומס". ווען די בייערס קומען מאַכן זייערע באַשטע־לונגען און זעצן זיך אויס געמיטלעך אָנצוקוקן די מאָדעס וואָס זיינען יעדן יאָר נייע, האָט מען אויף בעקין ניט געקאָנט גלויבן אַז זי האָט אַ דערוואַקסענע טאָכטער. סיי די מאַמע, סיי די טאָכטער האָבן דערפון געהאַט פאַרגעניגן. די בייערס האָבן בעקין גערופן צו „לאַנטש" און אויך פלאָ־רענסן. פון דעם סוד אַז עס איז אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער האָט בלויז געוווּסט מיסטער צעווקין. אים האָט אימפּאָנירט וואָס ער איז דער וואָס ווייסט דעם סוד און אים ווערט וואַרעם צו פלירטן מיט ביידע. דער מאַמען האָט מיסטער צעווקין טאַקע ליב, און בשטקה וואַרט ער אויפן טאָג ווען פלאָרענס וועט צום צווייטן מאָל חתונה האָבן און דעמאָלט וועט די וועלט וויסן אַז בעקין וועט ער נעמען פאַר זיין ווייב.

מיסטער צעווקין איז אַן אַלטער בחור און האָט געוווּסט ווי זיך צו האַלטן מיט פרויען. בעקין האָט ער נאָך געקענט ווען זי איז געווען אַ מיידל; זיי האָבן דעמאָלט געאַרבעט צוזאַמען אין איין שאַפּ. אָבער איידער צעווקין האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט אים זיין חבר אָנגעזאָגט די נייעס אַז בעקי איז שוין זיין מיידל. צעווקינען האָט זייער פאַרדראָסן. ער האָט געשוויגן. בעקי האָט חתונה און צעווקין איז געווען דער הויפּט מחותן. אין אַ יאָר אַרום איז געקומען פלאָרענס; בעקי'ס מאַן שטאַרבט פלוצלונג. בעקי האָדוועט איר מיידעלע און צעווקין העלפט איר אַרויס. אין דער צייט עפנט צעווקין אַ קליידער פאַבריק וואו ער ווערט שנעל רייך. בעקי אַרבעט פאַר אים אַלס דעזיינערין: פלאָרענס ענדיקט הויי־סקול נעמט זי צעווקין אַריין אין אָפיס פאַר זיין סעקרעטאַרין. נאָכדעם האָט פלאָרענס

חתונה און עס ענדיקט זיך שנעל, קומט זי ווידער אין אַפּיס. פלאָרענס ווייסט ניט איר מאַמע׳ס פּלענער און אויך שטעלט זי זיך ניט פאַר צעוור־קינ׳ס ליבע צו איר מוטער. איצט, צונויפליייגנדיק אירע קליידער, שוועבט אַ זאַפּטיקער שמייכל אויף אירע ליפּן. מיסטער צעווקין נעמט זי צום סטיישאַן. פלאָרענס האָט ליב מיסטער צעווקינען, זי טוליעט זיך תמיד צו אים, און ביי יעדער געלעגנהייט לאָזט זי אים וויסן מיט אַ קוש אַז זי האָט אים ליב. און זי טראַכט ווען? ווען? וועט ער שוין זאָגן „פלאָרענס, לאָמיר חתונה האָבן“. — אָבער ניין, ער נעמט צו אירע הייסע קושן און פאַטערלעך קושט ער זי נאָכהער אין שטערן. וועגן צעווקינען רעדן ניט מאַמע און טאַטע. זיי רעדן פון אַלץ אין דער וועלט נאָר ניט פון אים. בעקי פילט אַז פלאָרענס איז מער ניט קיין קינד און זי זעט אַז צעווקין איז ניט ווי אַנדערע מענער; ער איז ערלעך צו איר אין יעדן היבזיכט: זיי וואַרטן בלויז אויפן טאָג ווען זיי וועלן מעלדן פלאָרענסען זייער פאַר־לאָבונג: זיי וועלן ביידע מער פון זייער ליבע ניט מאַכן קיין סוד.

פלאָנרענס איז געווען פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען און ניט געהערט אַריינקומען איר מאַמען מיט צעווקינען. ערשט ווען זי האָט זיי דערהערט רעדן האָט זי זיך אומגעקוקט און דערזען איר מוטער אַ מונטערע און צעווקין אַ צעשטראַלטער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט פלאָרענסען, זי גע־פרעגט צי זי איז גרייט און ער וועט זי נעמען צום סטיישאַן.

אַ פאַרוואונדערטע האָט פלאָרענס אַנגעקוקט איר מאַמען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ צוויפל האָט זי באַהערשט. איז עס מעגלעך אַז איר מאַמע פירט אַ ליבע מיט צעווקינען? און דאָס איז די אורזאַך פון זיין פרייד צו בלייבן מיט איר מאַמען אומגעשטערט ווען זי פלאָרענס וועט אַוועקפאָרן?

מאַמע און טאַטער האָבן זיך אָנגעקוקט. אַ פרעמדקייט האָט אַרויס־געקוקט פון איר טאַטער׳ס אויגן. צום ערשטן מאָל האָט בעקי באַגעגענט אין איר טאַטער אַן אייפערזיכטיקע פרוי. אויך צעווקין האָט באַמערקט אין פלאָרענסעס פּנים אַז זי איז צערודערט. וואו איז אַהינגעקומען דער זאַפטיקער שמייכל אויף אירע פולע ליפּן?

אַ פאַרביסענע האָט זי אַנגעקוקט איר מאַמען און צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק צו צעווקינען און אויף זיין פאַרלאַנג צו נעמען זי צום סטיישאַן

האָט זי גאָרניט געענטפערט, נאָר זיך ווידער גענומען צום פּאַקן איר וואַליזע.

בעקי האָט באַלד דערפילט די ענדערונג אין איר טאָכטער. זי האָט שוין פון לאַנג איר געוואָלט דערציילן אַז צעווקין איז, אַחוץ איר פריינט, אַ גרויסער מענטש. ער האָט זי ליב און וואַרט מיט געדולד אויפן טאָג ווען זיי וועלן חתונה האָבן. זי האָט אָבער קיין מאָל ניט געקאָנט זאָגן צו איר טאָכטער די דאָזיקע ווערטער.

היינט, אַז פלאָרענס פאָרט פאַר וואַקאַציע אין די בערג, האָט צעווקין באַשלאָסן אַז בעקי זאָל זאָגן איר טאָכטער אַז זיי זיינען שוין לאַנג פאַר־בונדן, דאָס מיינט, אָפּגעמאַכט חתונה צו האָבן און טאָקע איצט וועט אַלץ געזאָגט ווערן פלאָרענסן.

רייד זיינען אינגאַנצן געווען איבעריק. פלאָרענס האָט זיך אָפּגעע־פּאָרטיקט מיט איר אַרבעט, אָוועקגעשטעלט די וואַליזע, נאָכאַמאָל אָנ־געקוקט איר מאַמען מיטן מאַן וועלכן פלאָרענס איז געווען זיכער אַז ער איז אירער, און מיט אַ ביטערן שמייכל געקוקט דאָ אויף בעקין און דאָ אויף צעווקינען. מיט אַ באַוועגונג ווי דורכצוגיין בײדע איז זי געבליבן שטיין מיטן פּנים צו איר מאַמען און שטרענג געפרעגט, וואָס האָסטו עס אויסבאַהאַלטן, פאַרוואָס? אויב איר האָט זיך בײדע ליב, האָסטו געדאַרפט וואַרטן אויף מיין אָוועקפאָרן, מאַמע? דאָס וואָרט מאַמע איז געווען פול מיט פיין. בעסער וואָלט עס געווען אַ פרעמדע פרוי, ניט איר מאַמע. גרויסע טרערן האָבן זיך געקייקלט פון פלאָרענסעס אויגן. געלאָזט שטיין צעווקינען מיט דער מאַמען צעטומלטע. אַ פאַרצווייפלטע איז פלאָרענס אַרויסגעלאָפן פון צימער און פאַרהאַקט די טיר.

בעקי איז געבליבן פון דער סצענע דערשטוינט, אָבער צעווקין האָט בעקין צו זיין האַרצן צוגעצויגן און מיט ליבשאַפט אין זיין שטימע צו איר צערטלעך געזאָגט: „זאָרג זיך ניט טייערע. דייך טאָכטער האָט זיך אַנדערש פאַרגעשטעלט. זי איז געווען אונטער דעם איינדרוק אַז איך וועל איר מאַכן אַ פאַרשלאָג. קינדער זיינען גרויסע עגאָאיסטן. אַלץ קומט זיי! דיין טאָכטער איז יונג. בעקי, זי האָט פאַר זיך די גאַנצע וועלט. מיר בײדע האָבן זיך ליב און מיר דאַרפן אויף גאָרניט וואַרטן. די צייט שטייט ניט, סוף־כל־סוף וועסטו ניט בלייבן אַליין ווען זי וועט חתונה האָבן. איך בין איר טאַטע, ניט קיין געליבטער פון איר מאַמען. פלאָרענס האָט גע־

קענט זיין מיין קינד ווען איר פֿאָטער כאַפּט דיך ניט אויס. דיך בעקי בעט איך, זיי רואיק ווען איך וועל רעדן מיט איר.

פלאָרענס האָט פלוצלונג געעפנט די טיר. ווי עס ווייזט אויס איז זי געשטאַנען אַ פאַרקלעמטע הינטערן טיר, געהערט די רייד פון איר מאַמע׳ס געליבטן.

אַריינקומענדיק האָט זי אַ פאַרשעמטע זיך צו זיי געווענדעט מיט איר שטענדיקן שמייכל, אַז זי איז באַגאַנגען אַ פעלער. מיט שטילע טריט איז זי צוגעגאַנגען צו איר מאַמען און אַרויפליגענדיק איר קאָפּ אויף בעקי׳ס אַקסל האָט זי בלויז געזאָגט: „איי עם סארי. זייט ביידע גליקלעך!“

נעמט מיך צום דיפּאָ. צעווקין איז גערעכט. ער איז תמיד צו מיר געווען ווי אַ פאָטער.

אַלע דריי האָבן זיך דערפילט באַפרייט.

צעווקין האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז אָוונט ברויט זאָלן זיי עסן אין פיינסטן רעסטאָראַן און נאָכדעם נעמען פלאָרענסן צום דיפּאָ.

בעקין האָבן געפעלט ווערטער. זי האָט געקושט איר טאָכטער מיט גרויסער ליבע. צעווקין האָט געטאָן דאָס זעלבע. פליבק האָט ער גענומען אירע וואליזעס, געהייסן דער מאַמען מיט דער טאָכטער אים נאָכגיין, זיי גענומען אין פיינסטן רעסטאָראַן און געפייערט זייער פאַרבינדונג.

פאַר פלאָרענסעס אויגן האָט אַ בליסטשע געטאָן אַ טייערער רינג, וועלכן צעווקין האָט מיט ליבע אָנגעטאָן אויף בעקי׳ס פינגער און פלאָרענס האָט מיט טיפער פאַרשטענדעניש געוואונטשן מזל טוב איר מאַמען מיט איר נייעם טאָטן.

די פֿאַרכטיקע טעג

אַמאָל און היינט

(מיין מתנה צום שולנער פֿאַמיליע קלאַב אין מילוואָקי)

מיטן אָנקומען פֿון די פֿאַרטכיקע טעג אין חודש אלול, זיינען אַלע איינגעוויקלט געוואָרן אין טרויער. אָבער אַ ליבע זעליקייט האָט געשוועבט אין דער לופֿט פּונקט ווי די שכינה וואָלט אַראָפּגענידערט צו די זינדיקע מענטשן און זיי געבענטשט מיט פֿאַרגעבונג.

די טעג זיינען געשטאַנען זוניקע, אין די סעדער זיינען נאָך עפּל געהאַנגען און האָבן געפֿינקלט מיט פֿיל שיינקייט; טייערע געלע באַרן מיט רויטע פּיסקעלעך האָבן געשמייכלט חנ'עוודיק; גרויסע פֿלוימען זיינען געהאַנגען אויף די צווייגן ווי ווײַנטרויבן. מיר האָבן די פֿלוימען גערופֿן ווענגערקעס. זיי זיינען געווען לענגלעך, טונקל בלוי און דאָס קערעלע פֿון דער דאָזיקער פֿלוים איז אַרויסגעקומען ריין ווי גאָלד. אַלץ האָט געשמעקט מיט שפּעטן זומער.

איבערהויפּט זיינען די טעג געוואָרן פֿאַרכטיקע, ווען דעם ערשטן טאָג אין חודש אלול האָבן זיך צעשאָלט די שופֿרות; די שולגאַס איז געוואָרן געהייליקט; יידן האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ טיפֿן שלאָף, דערפֿילט אַז מען מוז אויסבעטן אַ גוט יאָר ביים רבונו של עולם און זיינען געלאָפֿן פֿרי אין שול, געדאַוונט געטריי און געבעטן גאָט אַרויסצוגעבן דאָס גוטע קוויטל.

יידן האָבן זיך אָנגעהויבן איבערבעטן צו ביסלעך. נאָכוואָס וואַרטן אויפֿן לעצטן טאָג ערב יום כפּור? בעסער ווערן שלום באַצייטנס. אויף יידישע פּנימער איז אַ זאָרג געלעגן: גאָט, וואָס פֿאַר אַ קוויטל וועסטו מיר היינטיקס יאָר אַרויסגעבן?״

דעריבער זיינען פֿרויען געווען די ערשטע וואָס האָבן זיך געלאָזט

אויף קבר אבות צו די טויטע זיי זאָלן בעטן פאַר די לעבעדיקע. דער חודש אלול איז געווען אַ מין יידישער יאַריד, ווייל אַלץ האָט געקאָסט געלט. גאָט אין הימל וויל אַז יידן זאָלן העלפן די וואָס דאַרפן זייער הילף, אָט גיט זשע טאַקע דעם אָרעמען מענטש וויפיל מען קאָן געבן.

עס געדענקט זיך מיר ווי די אָרימעלייט פלעגן באַלאַגערן דאָס פעלד אויפן גוטן אָרט. די אָרימעלייט זיינען געוואָרן האָפּערדיק און געפּאַ־דערט זייער חלק מיט רוגזה. ווען מ'האָט זיי אַנטזאָגט, האָבן זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות. איז ווער וויל געשאָלטן ווערן? געווען גאַנצע באַנדעס מיט אַזוינע אויסטערלישע פעלערן, קאַליקעס, גדול'דיק ביי זיך וואָס זיי טראָגן קוליעס. זיי זיינען עס די, וואָס דאַרפן אונז זאָגן: „דערלעבט איבער־איאָר, בעט אויס אַ גוט קוויטל".

איך בין אויך געגאַנגען אויפן פעלד מיט מיין מאַמען און האָב צו־געזען די אַלע זאַכן.

איצט, זייענדיק אין אַמעריקע, זוך איך דעם דאָזיקן יאַריד. זייער שווער איז אים צו געפינען. אַמעריקע האָט דעם יאַריד אין ניו־יאָרק; אַהין זיינען אַמאָליקע אימיגראַנטן געקומען און פאַרפלאַנצט אייניקע פון די אַלטע געוואוינהייטן. אין שיקאַגע זעט מען עס ניט. אַחוץ אַ פּאָר טעג פאַר יום־טוב לויפן ווייבער איינהאַנדלען זייערע עפות און פיש אויף קעדזי עוועניו אָדער מעקסוועל סטריט. די שולן זיינען ניט אויף איין גאַס, און דער שופר אין חודש אלול שאַלט ניט אַזוי שטאַרק. צומאָל איז אין שול גאָר קיין מנין ניטאָ. יידן דאַרפן בעטן אויף „קדישים", ווייל אַז אַ ייד איז געשטאָרבן, ווערט אין שול פריילעכער מיט אַ יידן וואָס זאָגט „קדיש" נאָך זיין פאָטער אָדער מוטער. אָפטמאָל זיינען די „קדישים" יוצא מיט בעטן דעם שמש זאָגן „קדיש" נאָך זיין טאַטען אָדער מאַמען. ווער האָט עס צייט צו לויפן פאַרטאָג אין שול?

מיר קומט אויס אַלע יאָר צו פאָרן קיין מילוואָקי אויף קבר אבות; מיינע גאָטזעליקע שוויגער־עלטערן ליגן אויף יענעם בית עלמין. מיין מאַן און איך קומען קיין מילוואָקי און מיר נעמען צוזאַמען די שולנער פאַמיליע און מאַרשירן אַוועק אויפן פעלד.

אויפן פעלד איז שאַ־שטיל. מיר מוזן פריער אָנקלינגען משה דעם שמש ער זאָל קומען. טאָמער מאַכן מיר ניט קיין „אַפּאָינטמענט", קומט ער ניט. דאָ אויפן הייליקן אָרט, איז דער גוי דער באַלעבאָס. ער דאַרף

צורעכטמאַכן די בלומען אויף די קברים. ער קריגט גוט באַצאָלט. די מצבות שטייען רואיקע, קאַלטע. די זון שיינט, אַ בלויער ליכטיקער הימל קוקט אַרונטער אויף אַ גרויסער פאַמיליע וואָס שניידט דורך דאָס גאַנצע פעלד אַרום און אַרום. מיך מאַן איז דער עלטסטער זון און ער פירט די משפחה ווי אַ פעלד־מאַרשאַל. אַלע מוזן אים פאָלגן. האַלטן זיי אין די הענט די ספרימלעך, זאָגן שטילערהייט און גייען טריט ביי טריט. אַחוץ אונזער פאַמיליע, איז ניטאָ קיינער, ניטאָ קיין אָרימעלייט. דער שמש נעמט פון אַלעמען, אַבי מען גיט אים.

וואו איז אַהינגעקומען דער יידישער ציטער?

פונקט אַזוי איז אין די שולן. ווער עס האָט געלט אויף אַ בילעט אין שול, און קויפט, איז פאַרזיכערט מיט אַ גוטן אָרט. עס וועט שוין קומען דאָס גוטע יאָר ווען ער וועט אַפילו זיצן ראש השנה און יום־כיפור אין דער היים, אַבי ער האָט אַ בילעט. איבערהויפּט אין די רייכע שולן, וואו מען דאַוונט אויף ענגליש. דאָרט איז גאָר שאַ־שטיל. יענע יידן וואָס האָבן געצויגן דעם פאָדעם פון יידישקייט, זיינען פאַרשוואונדן פון אונזערע האָ־ריזאָנטן. געבליבן איז דאָ אַ מין נאָכקרימעניש.

מיר זיינען איצט יוצא מיט ישראל. אָט איר זעט, מיר זיינען יידן און האָבן אַ יידישע מדינה. און ערשט טאַקע דאָרטן מוזן די פרומע יידן האַלטן מלחמה און אויספירן ניט צו פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת אַ מין געווינס, מיר האָבן געוואונען מען זאָל ניט פאָרן אום שבת! ווער וואָלט אין דער אַלטער היים גאָר געטראַכט פון די דאָזיקע געווינסן?

זייער אָפט, טראַכט איך, דאַרף אונדז פאַרדריסן וואָס מיר פאַרלירן אונדזער באָדן און אונדזערע קינדער וועלן קיינמאָל ניט איבערלעבן דעם געפיל וואָס מיט אונדז וועט עס אַוועק אויף אייביק, ווייל מיר זיינען די לעצטע פון אַן אָפּקייענדיקן דור. יאָ, ס'פאַרדריסט, מיר האָבן געהאַט פרייד, מיר האָבן איבערגעלעבט דעם ציטער און פלאַטער פון פאַרגעבונג, מיר האָבן געבעטן גאָט, געווײנט, און אַז מיר האָבן אויסגעבעטן, האָבן מיר זיך ניט געפרייט, פשוט דערפאַר ווייל מען טאָר זיך ניט פרייען מיט גאָרניט. היינט איז עס דאָ און מאָרגן ניטאָ. גאָט גיט אונדז בלויז אַ מתנה צו האַלטן — ביי וועמען לענגער און ביי וועמען ער נעמט עס צו פאַר דער צייט. שרייען איז ניטאָ אויף וועמען. גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט גענומען. מיר האָבן זיך געהאַט אין וואָס אָנצוהאַלטן, אונז איז געווען

גוט. און איצט, אין די פּאַרכטיקע טעג, טראָג איך צו אַ צושטייער, מיין דערמאָנונג אַז דאָס נייע יאָר וואָס קומט, זאָל עס אונדזער פּאָלק ברייגנען ברכה סיי אין אונדזער לאַנד ישראל און אויך אין אַלע לענדער וואו יידן וואוינען.

און איך וויל פאַרענדיקן מיט די ווערטער פון קהלת:

„האָב מורא פאַר גאָט און היט זיין געבאָט, דאָס איז אַלץ, ווייל דער מענטש איז ניט דער באַלעבאָס איבער זיין אייגענעם אָטעם. ער קאָן אים מיט גוואַלד ניט פאַרהאַלטן, מענטש, אָ מענטש!״

אַ פאַרשטערטער פסח (בילד)

אויפגעכאַפּט האָט זיך גיטל זייער פרי: היינט איז ערב פסח . . . איר מאַן איז שוין לאַנג אוועקגעגאַנגען צו זיינע געשעפטן.

אַלע ימים נוראים זיינען ביי גיטעלן טייער. פּסח איז, אָבער, דער ליבסטער פון אַלע, מחמת זי האָט געקאָנט באַווייזן אירע קענטעניסן אין באַקן און קאָכן.

אַוודאי האָט גיטל דאָ אַ גרינגער לעבן ווי אין דער אַלטער היים: אַ געטרייע דינסט וואָס רוימט־אויף איר שטוב, דאָ ברענגט מען אַריין פון כל טוב און עס איז פאַראַן אַלעס וואָס דאָס האַרץ גלוסט. ווען זי פעדערט זיך צו מאַכן אַנבייסן פאַר איר ברודער און שוועגערין, וואָס זיינען גע־קומען פון דעם היטלער־גיהנום, דערמאָנט זי זיך וויפיל מ׳האָט אַריינגע־לייגט מוט אין דער אַלטער היים פון פורים ביז פסח, אַריינצוברייננגען דעם יום־טוב; קויפן רויטע בורעקעס אויף פּסח׳דיקן באָרשטש, קאַרטאָפל, ציבעלעס, וויין. היינט די מצות וואָס מ׳האָט געבאַקן ביים בעסטן בעקער. אויך אין דער אַלטער היים איז איר גוט געווען. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט. איר מענדלען האָט זי ליב געהאַט, האָט ער זי גערופן: מאַמע, און זי אים, טאַטע . . . און מענטשן מיט גרויסע אויגן האָבן אונטערגעלאַכט און געזאָגט: זע נאָר ווי זי לויפט אַרום . . . צוויי מענטשן און קאָנען זיך ניט אָנעסן . . . אָבער גיטל האָט אַלעמען געהערט ווי דעם קאָטער. זי און איר מאַן האָבן ליב געהאַט עסן, איז וואָס קומט זיי פאַר דעם?

דעם לעצטן פּסח וואָס זיי האָבן געפּראַוועט אין זייער אַלטער היים איז געווען צום געדענקען. מענדל׳ס ברודער, אַ גביר, האָט אים געשיקט אַ שיפסקאַרטע צו קומען קיין אַמעריקע. גיטל, זייענדיק נאָך דאַמאָלסט אַ יונג ווייבל, האָט ניט געוואוסט קיין צרות מיט וויזאָס, האָט זי טאַקע געטראַכט: וואָס וואָלט געאַרט דעם ברודער ווען ער שיקט צוויי שיפס־קאַרטעס? אָבער גיטל האָט זיך ניט שטאַרק געערגערט. זאָל מענדל אַליין פאָרן. אַבי דעם פּסח איז ער נאָך מיט איר, און איבעראַיאָר וועט זי שוין מן הסתם זיין מיט מענדלען אין אַמעריקע.

דערווייל האָט גיטל געמאַכט אַ פּסח פון פּסח־לאַנד. די לעקעכער, די

פאַלירטשיקעס, די כּרעמזלעך געפּילט מיט גריוון און פּלאָמען, וואָס זי האָט אָנגעבאַקן, זיינען געווען טעם גן עדן. היינט די געפּילטע פיש וואָס האָבן פאַרשמעקט די גאַס. שכנים פלעגן זיך וואונדערן: וואו לייגן זיי עס אריין? אָבער קיין וואונדער איז ניט געווען: מ'האָט עס אָנגעגעסן אויף בײדן גאַנץ נישקשה'דיק.

זי, אַ הויכע, מיט אַ געפּאַקטן פּנים, און דער מאַן אירער — דיקלעך פעט און געשטאָפּט. וואָס איז זיי אָפּגעגאַנגען?

און, גאָט צו דאַנקען, נאָך פריער ווי דאָס יאָר איז אַריבער, איז גיטל שוין געווען ביי איר מאַן אין אַמעריקע, און דאָ האָט זיך פאַר איר ערשט געעפנט אַ וועלט. געלט האָט זי מיטגעבראַכט מיט זיך און מענדל האָט דאָ גוט פאַרדינט. זיינען טאַקע די ימים טובים געווען בעסער ווי אין דער אַלטער היים, בפרט — פּסח.

איצט, ערב פּסח, שטייענדיק אין קיך און מאַכנדיק דעם אָנבייסן פאַר אירע געסט, טראַכט זי אַז עס איז פאַרט פאַראַן אַ גאָט. איר ברודער האָט זיך דורך אַן אָרגאַניזאַציע אויפגעזוכט, און איצט—איז ער געקומען אַהער מיט זיין צווייטער פרוי.

גיטל געדענקט איר ברודער נאָך אַלס קינד, און איצט זעט ער גאָר אויס ווי איר טאַטע. אוי, אוי, וואָס זיי ביידע דערציילן אַן וועגן דעם וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט! נסים, נסים . . . ווי אַזוי זיין ווייב מיט די קינדער זיינען אומגעבראַכט געוואָרן און ער איז געבליבן לעבן ווי דורך אַ נס. און דעסגלייכן זיין איצטיקע פרוי: זי איז לעבן געבליבן, און איר מאַן מיט די קינדער זיינען אומגעקומען און ווי ביידע האָבן זיך אין לאַגער באַקענט און חתונה געהאַט. פאַר גיטלען איז קיין חילוק ניט. די ווייב זיינע, פרומע, איז אַ פיינע און אַ גוטע אָבער זיי ביידע גייען אַרום דערשלאָגן. גיטל מאַכט זיי באַקוועם, אָבער זיי — אַן אַ שמייכל! פאַר'מרה־שחורה'ט, און אַז מען רעדט יאָ, רעדט מען נאָר פון די איבערגעלעבטע צרות.

אַנהויב האָט גיטל דווקא געוואָלט וויסן וואָס מער, אָבער איר מאַן האָט איר פאַרזאָגט ניט צו פרעגן קיין סך.

גיטל הערט זייערע טריט און אַט זיינען זיי שוין אין הויז. פריער ער און דערנאָך זי. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש עסן דעם לעצטן חמצ'דיקן מאָלצייט, אָבער זייער עסן איז ניט געווען מיט אַפּעטיט. באַלד ביי זייער אָנקומען פלעגן זיי עסן מיט גוסט און מער. איצט דערמאָנט מען זיך אין דער אַלטער היים, ווי פּסח איז מען געגאַנגען מיט די כּלים

צום טייך. מען דערמאַנט זיך אויך אין אַנדערע זאַכן: נאָענטע, היימישע, טייערע.

גיטלען איז גוט אויפן האַרצן. באַלד וועט דער טאָג אַריבער און מען וועט פּראַווען דעם סדר — צוזאַמען מיט אירע טייערע געסט. און אַרבעט איז פאַראַן לרוב. די דינסט האָט שוין פאַרענדיקט דאָס ראַמען. דער טיש איז געגרייט, אַלעס שעמערירט אין די אויגן: ניי, בלישטשענדיק, אָפּגעפּוצט. מענדל איז פרי געקומען אַהיים. זיך אָפּגעוואַשן, געבאָדן. איר ברודער און שוועגערין זיינען געווען פאַרפּוצטע אין זייערע בעסטע קליידער. צום קידוש זיינען אַלע געשטאַנען אויף די פיס. ווען מ׳האָט געזאָגט די הגדה, איז די שטימונג געווען אַן אמת יום־טובדיקע.

אָבער ווען גיטל האָט אַ בליק געוואָרפן אויף איר ברודער, האָט זי פּלוצלינג דערזען טרערן אין זיינע אויגן. ער האָט פינצטער אָנגעקוקט זיין פרוי, וואָס איז אים אין דער דאָזיקער מינוט געווען נאָענט אָבער צווישן אים און איר איז געשטאַנען אַ צער... זיינע ליבע פרוי און קינדער, וואָס זיינען אַזוי גרויזאַם אומגעבראַכט געוואָרן. נאָךביים קידוש מאַכן האָט ער געפילט דעם קנויל. איצט האָט דער קנויל געפּלאַצט. ניין, ער האָט ניט געקאָנט זאָגן די הגדה און אַ פאַרשולדיקטער האָט ער זיך פון טיש אויפגעהויבן און איז אַוועק אין זיין צימער. זיין פרוי, וואָס האָט ניט בעסער געפילט ווי איר מאַן, האָט זיך אָנגעשטריינגט צו בלייבן אויף איר פּלאַץ, אָבער פון אירע מידע אויגן האָבן אויך טרערן געגאָסן. שפּעטער האָט זי מער ניט געקענט אויסהאַלטן און איז נאָכגעגאַנגען איר מאַן, וועמען זי האָט געפונען זיצן אויפן בעט מיט די הענט פאַרלייגט איבערן קאָפּ.

אַן ווערטער איז זי צוגעגאַנגען צו אים, געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פאַרשולדיקטע. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, אוןביידע האָבן געוויינט אויף דעם חורבן.

אָבער אין אַנדערן צימער, אין גרויסן ליכטיקן זאַל, זיינען געזעסן מאַן און פרוי פאַרביטערטע: זיי אַלעס געגעבן, מיט אַלעס זיי געהאָלפן, און אָט ווי זיי האָבן פאַרשטערט דעם יום טוב!

אַזאַ פאַרשטערטן פסח האָט גיטל געהאַט צום ערשטן מאָל.

מיין גאַס וואָס איך מוז דערמאָנען און האָב זי ליב

איך וואוין שוין אויף מיין גאַס זינט איך בין דאָ אין אַמעריקע. די גאַס וויל איך ניט פאַרשעמען ווי מען וויל נישט פאַרשעמען קיין מענטשן. אַ טייערע, שיינע גאַס וואָס איז נישט ווייט פון לעיק מישיגען און איז זייער נאָענט צו לינקאָלן פאַרק און פאַרמאָגט אַ סך שיינקייט דערמיט וואָס אַלע פעלקער פון דער וועלט וואוינען דאָ. ד. ה. מיר וועלן אָנהייבן פון די קאַלירן, ווייסע, שוואַרצע, פיליפּינער, אינדיאַנער, יאַפּאַנעזער, כינעזער און יידן. די דאָזיקע יידן וואוינען דאָ ניט, זיי האָבן פון די גרויסע אַפּאַרטמענטס זייערע געמאַכט קליינע וואוינונגען און פאַרדינגען זיי צו די אויבנדערמאָנטע שכנים.

מיין וואוינונג איז פּריוואַט, ווייל די באַלעבאַטים האָבן נישט געקריגן קיין דערלויבעניש צו איבערמאַכן די צימערן און אַרויסוואַרפן די שכנים. אָבער, סיי־ווי־סיי, באַלאַנגט מיין וואוינונג אויך צו יידן און דאָרטן וואו עס געפינען זיך 28 אַפּאַרטמענטס, בין איך דער איינציקער ייִדישער שכן.

אַצינד וועלן מיר אויסמאָלן די גאַס און ווער עס וויל קען זי דערקענען. אַ שוואַרצער באַלעבאָס וואָס מוז אָנהאַלטן פון זעלבן קאָליר שכנים, אָבער אין זיין באַרימטן רעסטאָראַן פון געפּרעגלטע הינער, טאָרן קיין שוואַרצע ניט אַריינשמעקן פשוט דערפאַר ווייל די גאַנצע פּרנסה ציט ער פון די ווייסע וואָס קומען אַהער פון די ווייטסטע געגנטן עסן. אַ שניידער געשעפט פון אַ יאַפּאַנעזער איז אויסשליסלעך פאַר ווייסע. די לאָנדריס — אַלץ איז פאַר די ווייסע. צו זייערע ברידער און שוועסטער זאָגן זיי: גייט אַהיים און וואַשט אייערע וועש אַליין. אַ כינעזער רעסטאָראַן פאַר ווייסע. אַ ייִדישער עסן־געשעפט אויסשליסלעך פאַר אַלע ראַסן, נאָר ניט פאַר יידן. די יידן שיקן זיי אויף מעקסוועל סטריט. „גייט, גייט, זאָגן זיי, פון אייך קענען מיר קיין לעבן ניט מאַכן". אַן אַפּטייק, אַ פיינער ייִדישער

אפטייק, פאַר אַלע פעלקער אָבער זוידער ניט פאַר יידן. אַז זיי ווילן ניט קיין יידן און גייט טויט זיי עפּעס! אַ יידישע קאַרטן וואַרפערן, וואָס וויל ניט אַז מען זאָל וויסן אַז זי איז יידיש, ווייל, וואָס קען זי האָבן פון די יידן; גלויבן זיי דען אין אירע קאַרטן? אַ געשעפט וואָס קיינער ווייסט ניט וואָס ער פאַרקויפט. דער באַלעבאָס איז אַ מזיק אויף האַדעוועון הינט. מיינע פענצטער קוקן אַרויס צו דער געביידע, וואו אַרום 20 הינט פון אַלע קאַלירן וואָס גיבן אַפּ קאָנצערט אַז מ׳קען ממש משוגע ווערן פון זייער האַווקען, און די שטאָט זאָל דאָס גאָר געבן אַ פּיפּס. אַחוץ דעם געפינען זיך אַרום 5 סאַלונס וואָס זיינען אָפן אַ גאַנצע נאַכט. במילא זיינען די וואָס־טרינקען אויך וואַכעדיק און ממיתן זיך שיכורערהייט. נאָך אַ פּאָר־שויך, אַ גאַנץ אַנשטענדיקער מאַן, וואָס איז אַ מאַטאַרמאַן בייטאָג און אַ גרויסער שיכור ביינאַכט. סאַמע אויפן ראָג געפינט זיך אַ דעפּאַרטמענט סטאָר וואָס קאָן איינשטיין אויף מעקסוועל סטריט.

און דאָ קום איך צו מיין רייצלען. זי איז אַ מעקסיקאַנערין און דער־ציילט שיינע מעשיות פון איר פאַרגאַנגענהייט.

אַ פּרעכטיקע פּאַריזערן וואוינט ניט וועיט פון מיר. איר שמיכל איז ווערט אַ מיליאָן דאָלער: אַ געוועזענע שוישפּילערן, איצט לעבט זי פון וואָס עס מאַכט זיך. אַן אַלטע איטאַליענערן וואָס זעט אויס ווי אַ יידישע און גייט אַרום זייער טרויעריק. טשיקאַווע איז די יידישע קאַרטן וואַר־פערן. ווען זי וויל אַז מען זאָל איר גלויבן שווערט זי מיט איר מאַמע׳ס לעבן. זי אַליין דאַרף שוין זיין אַרום 55, אָבער, זי האָט הנאה פון זיך שווערן מיט דער מאַמען.

ניין, מיר האָט זי נאָך קיין קאַרטן ניט געוואָרפן. איך האָב געזאָלט זי איינלאַדן צו זיך, לאָזט זיך אויס אַז זי האָט מורא אַרויסצוגיין אין גאַס; זי שטייט בלויז באַ איר טיר מיט איר הונט. גייך אַ פּאָר טריט ווייטער — האָט זי אַן אָנזאָג אַז זי וועט שטאַרבן.

פון אירע יונגע יאָרן האָט זי צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער. ביידע גלויבן אין זייער מאַמע׳ס תורה און האַלטן זי אויס. איך בין זייער שכנה און מיר גריסן זיך. זייער זעלטן אַז מען זאָל דאָ זען פאַרביגייין אַ ניכטערן מענטשן. אַלע זיינען געשטראָפט אָדער געבענטשט וואָס זיי פאַר׳שיכורן זיך און שמייכלען אַזוי האַרציק. ניטאָ קיין שום אויסזע־צונגען. אָרים און רייך, אַלע גלייך. קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, זיינען

דאַ געגוג, אומבאַשריגן. זיי ווייסן אַלץ און האָבן שכל צו פאַרדעקן מיט וואָס זיי שעמען זיך. דאָ איז ניט קיין פאַרברעכן אַז די מוטער לאָזט איבער אירע 8 קינדערלעך און ווערט פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער. די דאָזיקע מאַמע איז ערשט אַלט 32 יאָר. די מאַמע איז אַן אײַרישע: דער טאַטע איז ייִדיש. הכלל, וואָס טוט מען מיט די 8 פּיצלעך קינדער? דאָס עלטסטע מיידעלע איז 10 יאָר, דאָס קלענסטע—אַ יאָר. דער גראַסערימאַן האָט אַנגעקלונגען צו דער פּאַסטערהיים. זיי זײַנען גלײַך געקומען, פאַר־נומען די 8 קינדער און זיי צעטיילט אין דריי באַזונדערע היימען. עס איז נאָך ניט אַוועק קיין 7 וואָכן, האָבן זיך די שיינע טאַטע־מאַמע אָפּגעזוכט. זיי ווילן צוריק זייערע קינדער. האָט זי די פּאַסטער־היים אָנגעשטעלטע געפרעגט: — האָט איר אַ היים? יאָ, זיי האָבן די זעלבע היים, אַ קעלער שטיבל טאַקע אויך אַנטקעגן מיינע פענצטער.

אויב אַזוי, — זאָגן די פּאַסטער פאַרטרעטער, באַצאָלט אונדז פאַר דער צייט וואָס מיר האָבן אויסגעהאַלטן אײַערע קינדער און נעמט זיי אַהיים.

עס האָט ניט גענומען קיין צוויי טעג ווי די גאַס האָט געשאַפן די סומע און פונקט ערב פסח זײַנען די קינדער געווען מיט די עלטערן: אַחוץ דעם האָט מען די קינדער אויסגעפּוצט אין די שענסטע מלבושים. קינדער ברילאַנטן.

שוין 6 חדשים אַז טאַטע־מאַמע זײַנען ווידער צוזאַמען און די קינ־דערלעך באַלאַנגען צו דער גאַס. די גאַס האָט זיי אויסגעקויפט און ערב געווען פאַר זייער וואוילזיין. טאָמער ניט וועט די פּאַסטער־היים זיי צו־נעמען צוריק. די גאַס האָט אַ געוויסן. עס האָט נאָך ניט געטראָפן ביי אונדז קיין שום גנבה, אָדער איינער אויפן צווייטן זאָל מסרן.

דער הינט שלעגער וואָס האָדעוועט זיינע 20 הינט האָט אַ טבע מאַכן גרויסע פייערן: ער פאַרברענט די שמוץ. דאָ וואו די הינט האָדעווען זיך איז אַ גרויסער, ליידיקער שטח פעלד, אָנגעשטעלט מיט פיל אַלטע אויטאָ־מאָבילן, טראָקס און די הינט ווערן געשלאָגן פון זייער שיינעם ברויט־געבער. די מאַמע פון די אַלע הינט איז תמיד פאַרשפּאַרט. אַלע דריי חדשים ווערן געבוירן פרישע הינט. עס מיינט ניט אַז אַלע הינט לעבן, געגוג ווערן ביי אים דערטרונקען. איין הונט פון זעקס איז געבליבן לעבן, האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן „העפּי" — פריילעכער. ער איז טאַקע

תמיד הונגעריק און פריילעך. עס איז געגוג אַז איך זאָל אים אַ רוף טאָן „העפּי״ און ער שטעלט אָן די אויערן, דרייט מיטן עק און זיין שיינער באַלעבאָס גיט אים מיטן קאַנטשיק. אַ ריכטיקער היצעל.

ווייטער איז דאָ ביי אונדז אויפן גאַס דריי באַרבערס, ניט קיין באַר־באַרן, אויף יידיש, געוויינטלעך 3 שערער, איינער אַ גריך, איינער אַ דייטש און דער דריטער אַ ייד. מילא, דער גריך איז אַ גרויסער שיכור. ער שיקט ניט קיינעם, ער גייט אַליין. איז דער באַרבער שאָפּ תמיד פאַרשלאָסן. דער דייטש, געוויינטלעך, איז אַ גרויסער אַנטיסעמיט און אויך אַ גרויסער שיכור, זיי טרינקען ביר און וויין.

איצט קומען מיר צום יידן. דער ייד הייסט דזשאָו. דזשאָו׳ס באַרבער שאָפּ. ער איז פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אסוועטשים, אַ קראַסאָוויץ, — איטשע מייער מיט אַלע פיסטשעווקעס, דערצו נאָך טראָגט ער אויפן לינקן אָרעם זיין נומער. ער הייבט זיך אָן מיט 13 און עס איז זייער אָנ־זיכטיק, און גראַדע ער גיט זיך אָן פּאָר אַ דייטש. פרעג איך אים, — צו וואָס? קוקט ער מיך אָן פאַרוואונדערט און פרעגט מיך מיט אַ פראַגע — „פאַרוואָס ניט?״ אַ געבוירענער בין איך פון פוילן. אויפגעבראַכט געוואָרן אין בערלין, טאַקע דאָרטן זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ באַרבער: דאָרטן חתונה געהאַט מיט אַ ווייבל אַ פאַרשוין. צו 20 יאָר האָבן מיר שוין געהאַט אונדזער ערשט קינד, נאָכהער איז געקומען אַ צווייטע. ווי איר זעט מיך בין איך דאָ אויך אַ פאַרדינער, אָבער דאָרטן האָב איך געשעפּט גאָלד. מיט היטלער׳ס אָנקומען האָט מען אונדז באַלד פאַרשלעפּט אין די לאַגערן: מיין ווייב און קינדער אומגעבראַכט. איך בין געבליבן לעבן צוליב מיין פאַך. שערער האָבן זיי ניט דער׳הרג׳עט. ווען איך ווער באַפרייט, באַקען איך זיך מיט מיין איצטיקער פרוי: ביי איר האָט מען דער׳הרג׳עט איר מאַן מיט די קינדער. זי האָב איך נאָך געקענט פון מיינע אינגעלשע יאָרן: זי איז פון די הויכע פענצטער, אָבער היטלער האָט ניט אויסגעקליבן.

אַזוי אַרום האָבן מיר חתונה געהאַט און מיר האָבן אָנגעגעבען אין אונזער אַפּידייווויט אַז איך בין אַ באַרבער: אונדזערע פריינט האָבן גע־שיקט פאַפּירן און איצט זיינען מיר דאָ אין אַמעריקע.

איך געפין זיך אויף דער גאַס פון די צוויי חזירשע באַרבערס. דאַרף איך אַז זיי זאָלן זיך דערוויסן אַז איך בין אַ ייד? ראש השנה און יום־כיפור האַלט דער דאָזיקער ייד אָפן זיין באַרבער שאָפּ און זאָגט צו מיר: זאָלן

זיי ברעכן די קעפּ די היטלערס; אַפילו דאָ לאָזן זיי מיך ניט זיין קיין ייד.

קוק איך אויף דעם שיינעם דזשאָו, דעם באַרבער און טראַכט: גאָט צו דאַנקען וואָס ער איז ווי ער איז פאַרבליבן. ער איז אינגאַנצן אַלט 43 יאָר זיי פרוי 38. און ווען ער פאַרענדיקט זיין געשיכטע, גיט ער צו, — איר מיינט אַז איך טו עס צוליב געלט? אונדז פעלט גאָרניט. מיר האָבן געלט און פּרנסה, אָבער אונדזערע בענקשאַפטן נאָך די קינדער האָט ניט קיין גרעניץ. פרעג איך אים: אַז איר זיינט נאָך אַזוי יונג, פאַרוואָס האָט איר ניט קיין קינדער? דזשאָו'ס פּנים ווערט טרויעריק, פון זיינע שוואַרצע אויגן פאַלן צוויי טרערן ווי פּערל און ער זאָגט שטיל, — נ י י ן, מיר האָבן זיך ביידע געגעבן דאָס וואָרט ניט צו האָבן קיין אַנדערע קינדער. מיט אונדז וועט זיך פאַרענדיקן דער דור פון מאָרד.

אַ פרישער קאָסטימער איז אַריינגעקומען וואָס טאָר ניט וויסן אַז דזשאָו איז אַ ייד.

איך גיי ווייטער שפּאַצירן אויף מיין גאַס וואָס לעבט זיך בשלום ווי אין נח'ס תבה...

ער איז ניט געקומען

אסתרן איז געווען אומעטיק. אומעטיק איז איר געווען אפילו מיט א סך מענטשן, איבערהויפּט ווען זי איז געווען ביי פאַרזאַמלונגען פון דער אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געהאָלפן יידישע קינסטלער. דאָ האָט איר דאָך געדאַרפט זיין פריילעך! אָבער, ניין. עס איז איר געווען ניט פריילעך. פרויען, מיט וועלכע זי האָט גוזעלשאַפטלעך געאַרבעט, זיינען געקומען צוזאַמען מיט די מענער. איר מאַן, לייבל, איז מיט אסתרן ניט געגאַנגען. אים איז געווען גוט אין דער היים. נאָך זיין שווערן טאָג אַרבעט האָט ער אָפּגעגעסן אָונטברויט, געלייענט זיין צייטונג, זיך צוגעהערט צו דער ראַדיאָ, און פּינקטלעך 10 אַזייגער זיך געלייגט שלאָפן, ווייל זיין אַרבעט האָט אים פרי פון שטוב אַרויסגענומען. איבערהויפּט איז לייבל פון דער נאַטור געווען אַ שטילער, רואיקער מענטש, אַ גוטער מאַן, אַ גוטער פאָ־טער, וועלכער האָט זיך אין ערגעץ נישט געמישט.

אסתרן האָט ער געגעבן אַלע פריהייטן, ובפרט ווען זי האָט גע־אַרבעט. אין די זונטיקן האָבן זיך טאַטע־מאַמע געווידמעט צו די קינדער און קינדס־קינדער, אַזוי אַרום אַז לייבל האָט קיין אָנונג ניט געהאַט וואָס אַזוינס הייסט אומעט, און ווי קען מען גאָר זיין אומעטיק, אַז בייטאָג איז מען ביי דער אַרבעט, און ווען דער טאָג לויפט איבער, וואַרט ער אויף דער מינוט פון עפענען די טיר און אַריינקומען אין זיין נעסט און געפינען זיין אוצר וואָס קיינער — איז ער געווען זיכער — וועט ניט צונעמען. אָבער אסתר איז גראָדע גאָרנישט געווען אַזוי זיכער. גייענדיק אַליין, האָט זי געחלומט פון אַ מענטשן וואָס זאָל קומען אויף איר וועג, ער זאָל זי אויסהערן, אָדער זי זאָל גאָר שווייגן און הערן זיינע קלוגע רייד.

און אַזאַ מענטשן האָט אסתר באַגעגנט גאָר אומגעריכט. איין אָוונט, זיצנדיק אַליין ביי אַ טישל אין דער קינסטלער קאַפּיי און באַטראַכטנדיק די פרישע פּנימער, האָט זיך פּלוצלונג די טיר ברייט געעפנט און אַ גאַנצע גרופּע עלעגאַנטע מענער זיינען מיט רעש אַריינגעקומען. אַלעמענס אויגן האָבן זיך צו דער גרופּע געווענדעט. אסתרן האָט פאַרכאַפּט איינער פון זיי,

אַ הויכער, שטאַלטנער מאַן אין די 40־קער יאָרן, אַ גרויע, געדיכטע קאָפּ האָר, אַן אַ קאַפּעלױש; שוואַרצע, טיפֿע אויגן, אַן אָדלער נאָז. אַ טונקל מאַטאָװער פּנים האָט אַ שװעב געטאָן פֿאַר אירע אויגן און זיך שמײכל האָט זיך אָפּגעשטעלט װען ער האָט זיך אויף איר פֿאַרקוקט. בײדע זײַנען אויף אַ מאָמענט געװאָרן צעמישט. קען זי אים? און, אַן צערעמאָניעס, קומט צו דער מענטש און פֿרעגט זי װער זי איז, זי קומט אים פֿאָר באַקאַנט.

אסתּר, אין אַ פֿאַרלעגנהײט, ענטפֿערט, אַז זי זעט אים דאָס ערשטע מאָל. דערװײַל בעט ער דערלויבעניש זיך זעצן בײַ איר טיש. זי דערלויבט. און שוין זיצן צװײ מענטשן װי אַלטע גוטע פֿרײַנד, שמײכלען האַרציק אײנע צו די אַנדערע. און עס װערט אסתּרן װאַרעם אויפֿן האַרצן. זע, װי עס לײגט זיך צונויף איר לעבן! ערשט איז איר געװען אַזוי אומעטיק און שוין איז דער אומעט פֿאַרשװאונדן!

אָבער לאַנג בײַ איר טיש קאָן ער ניט זיצן. ער פֿרעגט בלויז איר נאָמען און פֿאַמיליע־נאָמען. פֿאַרשעמט, זאָגט זי איר נאָמען. ער פֿאַר־נײגט זיך, דריקט איר האַנט קרעפֿטיק און זאָגט איר, אַז זײַן נאָמען איז אַדלער, אַ פּױליש אידישער אַרטיסט, ניט לאַנג אין לאַנד. די װערטער רעדט ער שוין שטײענדיק. ער גײט צוריק צו זײַן געזעלשאַפֿט.

אַ פֿאַר׳חלום׳טע זיצט אסתּר בײַם טישל. אַזאַ באַגעגעניש! װידער זעט זי ער גײט צו צו איר טישל, פֿאַרנײגט זיך און פֿרעגט זי צי עמיצער נעמט זי אַהײם? נײן, זי איז אַלײן געקומען און װעט אַלײן אַהײמגײן. אפֿשר קען ער האָבן דעם כּבֿוד זי נעמען אַהײם? אַ רויטקײט באַגיסט אסתּרס באַקן. דעם כּבֿוד זי נעמען אַהײם! װאָס איז עס פֿאַר אַזאַ גרויסער כּבֿוד? אָבער זי שװײַגט און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און באַלד זיצן זײ צוזאַמען אין אַ פֿײַנעם אויטאָמאָביל: די גאַנצע געזעלשאַפֿט מענער װאָס זײַנען מיט אים געקומען פֿאָרן אַצינד װידער צוזאַמען.

אסתּר פֿילט מאָדנע. װי אַזוי האָט עס פּאַסירט? איר האַנט געפֿינט זיך אין אַדלערס האַנט. ער דריקט שטאַרק איר האַנט, קײנער זאָל גאָרניט באַמערקן. זײ שװײַגן דעם גאַנצן װעג, בלויז דער װאָס זיצט בײַם רעדל פֿרעגט װעמענס רײ עס איז אַראָפּצוגײן.

אסתּר איז געװען די ערשטע אַרונטערצוגײן. אַרײַנקומענדיק אין שטוב שטיל, אַז לײבל זאָל ניט געשטערט װערן פֿון שלאָף, האָט געשװעבט פֿאַר אירע אויגן די געשטאַלט פֿונעם מענטשן װאָס זײַן נאָמען איז אַדלער.

ער זעט אויס ווי אַ שיינער אַדלער און זיין נאָמען לאָזט זי פון אירע ליפּן ניט אַרונטער. שטילערהייט ליגט זי אין בעט און ווערט אַנטשלאָפן מיט זיין נאָמען אויף אירע ליפּן. צומאָרגנס, ווען מאַן און ווייב זיינען ביים טיש געזעסן, האָט אסתר דערציילט לייבלען פון איר באַגעגעניש און ווי גוטע מענטשן האָבן זי געבראַכט צו איר טיר. זיי קענען זי ניט אָבער זיי זיינען שיינע, גוטע מענטשן.

לייבל פרעגט זיין ווייב, איז ווי זשע פאַרט מען מיט פרעמדע מענטשן ביינאַכט— איין פרוי מיט אַזוי פיל מענער? לאַכט אסתר און זאָגט, אַז זי האָט שוין לאַנג, לאַנג פאַרגעסן ווי מען האָט גאָר מורא. איבערהויפּט זיינען דאָך די מענער יידן, איז ווי ווער איין ייד שלעכטס טאָן אַ צווייטן?

לייבל שמייכלט, גיט אַ קוש אסתרן פאַרן אַוועקגיין און פאַרשווינדט אין דער פרימאָרגן שטילקייט.

אסתר׳ס הוט־געשעפט עפנט זיך אַרום 10 אַזייגער. זי האָט צייט. גייט זי אַרום, קלייבט צו איר שטוב און פון געדאַנק גייט איר שוין אַדלער ניט אַרויס. ווען אסתר קומט אין געשעפט פאַרפוצט ווי אַלע טאָג, פילן אָבער אַלע אַז אסתר קוקט אויס שענער ווי נעכטן, פרישער. מען מאַכט איר קאָמפּלימענטן. פרויען וואָס זיינען דעם טאָג געקומען קויפן זייערע היטעלעך און אסתר האָט אויף איר קאָפּ זיי פריער באַוויזן ווי שיין דער הוט איז, האָבן באַוואונדערט איר עלעגאַנץ און האָבן אויף זיך די הוט אָנגעמאָסטן און געקויפט. די הויפּט פאַרקויפערן, סאָניע, האָט געשמייכל, געטראַכט אַז אסתרן איז היינט גוט.

אַזאַ גוטן טאָג האָט אסתר שוין לאַנג, לאַנג ניט געהאַט. גייענדיק מיט סאָניען אַהיים, האָט אסתר איר דערציילט פון נעכטן אָוונט. אַזאַ באַגעגעניש וואָס האָט איר צוריקגעבראַכט איר יוגנט: „סאָניע, עס איז גוט צו זיין יונג״. סאָניע קוקט אָן אסתרן און ענטפערט איר פּשוט אַז זי איז שוין פון דער דאָזיקער באַגייסטערונג לאַנג, לאַנג באַפרייט. „דו, אסתר, ביזט נאָך ביי אַלע דיינע יאָרן, מיט דערוואקסענע קינדער און שוין גאָר אַ באָבע, אָבער נאָך אַלץ געבליבן אַ קינד״.

אסתר׳ס אויגן האָבן פאַר׳חלומט געקוקט אין דער ווייטקייט, געזען אין איר פאַרגאַנגענהייט אַן אַנדער געשטאַלט, אָבער אַדלער׳ס איז געווען בולט׳ער.

סאָניע האָט פאַרשטאַנען אַז אסתר איז אַצינד ווייט פון איר, האָט

זי זיך מיט איר געזעגנט.ביידע זיינען געגאַנגען אויף באַזונדערע וועגן. אסתר׳ס היים איז געווען ניט ווייט פון טרימאָנט עוועניו: סאָניע האָט געדאַרפט פאָרן מיט דער סאָבוויי.

ווען אסתר איז אין ושטוב אַריינגעקומען און גענומען צוגרייטן אָונט־ברויט פאַר איר מאַן, האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. צו איר איבער־ראַשונג איז עס געווען אַדלער. ווי און פון וואַנען האָט ער מיין טעלעפאָן? אַ ליבליך און ווייך קול ענטפערט אַז דער נאָמען איז געפונען געוואָרן אין טעלעפאָן בוך.

אסתר שווייגט, און ווידער הערט זי זיין שטימע: קען איך צו אייך אַרויפקומען? אין דעם מאָמענט זיינען פאַר איר פאַרבייגעגלאָפן אייביקייטן, יאָ? ניין? יאָ, האָבן אירע ליפן געמורמלט און אַדלער האָט געזאָגט אַ דאַנק און אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

אסתר איז נאָך אַ ווײלע געשטאַנען מיטן טרייבל אין האַנט. אַ צע־טומעלטע האָט זי לייבל געפונען גרייטנדיק דעם אָונט־ברויט און זיצנדיק ביים טיש האָט זי שטיל געזאָגט צום מאַן: „לייבל, איינער פון די וואָס האָבן מיך נעכטן געבראַכט אַהיים קומט אַרויף״.

לייבל קוקט אויף אסתרס פאַרלאָרנקייט און פרעגט איר: איז וואָס־זשע ביזטו אַזוי פאַרלאָרן? אַ מענטש קומט, נעם אים אויף.

ווען קומט ער?

אַ שטאַרקער קלונג און אָט הערט זי אים לויפן אויף די שטיגן און מיט ציטער אין זיין שטימע פאַרענטפערט ער זיך, ער וויל זי ניט באַ־אומרואיקן. אסתר האַלט די טיר אָפן ביז ער קומט אַריין אין פאָדערשטן צימער. ער בלייבט דערשטױנט ווען ער דערזעט אַ מאַן און מיט אַ פאַר־ענטפערונג שטעלט ער זיך פאָר — מר. אַדלער.

אַדלער זעצט זיך ברייט אויף אַ שטול וואו דער באַלעבאָס האָט אים געבעטן זיך זעצן: זיין בליק פאַלט אין אַלע ווינקעלעך, איבערהויפט קוקט ער אַציגד אויף אסתר׳ס מאַן. ער באַטראַכט די אומגעבונג פון דעם צימער און פאַרפירט אַ שמועס מיט אים.

באַלד דערציילט אַדלער אַ שיין מעשהלע און אַ צווייטע נאָך אַ שע־נערס, מעשהל׳לעך פאַר קינדער. אסתר שלינגט זיינע ווערטער, ער מיידט אויס צו קוקן אויף איר און זי וויל אים זייער געפעלן, אָבער ער איז פאַר־טיפט אין ריידן מיט איר מאַן. ער גיט אים אַ לעקציע ווי שיין עס איז

ווען דער מאַן איז דער ברויטגעבער, ווייל אייגנטלעך האָט די פרוי זייער פיל אַרבעט און דער מאַן דאַרף עס אָפּשאַצן. אויך צו אסתרן ווענדט ער זיך מיט אַ שמייכל, אַז פאַר איר מאַן דאַרף זיך די פרוי בעסער פּוצן ווי פאַר אַ פרעמדן, ווייל דער פרעמדער זעט זי אויף מינוטן און איר מאַן דאָס גאַנצע לעבן.

זייער קלוג איז געווען זיין באַנעמונג און באַלד זיך פריינדלעך גע־זעגנט און פאַרלאָזט דאָס הויז.

דאַכט זיך אַלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי פּשוט, אָבער אסתר איז שוין די דאָזיקע נאַכט נישט געשלאָפן אַדלער׳ס געשטאַלט, זיינע קלוגע אויגן קען זי ניט פאַרגעסן. פון יענער נאַכט אָן גייט זי אַרום ווי פאַרטשאַדעט. מער רופט ער זי ניט און עס עסט זי די חרטה. ניט באַדאַרפט אים הייסן אַרויפ־קומען. צו וואָס? ווייל ער האָט געוואָלט קומען, האָט זי ניט באַדאַרפט וועלן. זי האַלט אַז תמיד איז זי אין אַלעמען שולדיק. איר אימפּעט הרג׳עט אַלץ אַוועק. איצט רופט ער מער ניט.

אַזוי האָט זיך אסתר געמאַטערט עטלעכע טעג, ביז זי האָט געפונען זיין טעלעפאָן נומער און מיט אַ ציטער אין איר שטימע אים געלאָזט וויסן איר נאָמען, צי וויל ער זי זען? זיכער, פאַרוואָס ניט? ווען? ווען? אַפילו היינט. 6 אַזייגער האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. אסתר נעמט דאָס טרייבל. יאָ, יאָ, אָבער זי ווערט פאַרצווייפלט, זיין פרוי איז ערשט אין שטאָט אַריינגעקומען און ער איז אַצינד פאַרנומען. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט אסתר אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, אַריינגעקומען אין פראָנט צימער, געקוקט אויפן שטול וואו אַדלער איז אַזוי באַקוועם געזעסן.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זיך אסתר אין שטול אַוועקגעזעצט. די פאַרנאַכטיקע רואיקייט האָט געהערשט אין אַלע ווינקעלעך, אָבער ער איז ניט געקומען.

דער שטורעם און דער ווינט

אַ ליד אין פּראָזע — אין היילִיקן אָנדיינק פון סארא יאַנעטן

דער ווינט איז ווערטפּול: ער טראָגט אונדז אויף פליגלען
דער שטורעם איז גרויזאַם ווען ער שטורעמט דעם ים
קומען מיר יום־טובדיק, פריילעך אַנטקעגן דעם ווינט,
און האָבן ניט מורא, און היטן ניט אונדזער געזונט.
צו וואָס היטן דאָס געזונט פון דעם ווינט?
דער שטורעם טראָגט אונדז אַנטקעגן אַלץ
מיר מוזן בלויז האַלטן אונדזער באַלאַנס
וואָס זיינען די מענטשן? זיינען זיי דען בעסער?
אויך מיר זיינען שטורעמדיק און ווינטיק, —
און פאַרגעסן אַז מיר שטורעמדיקע ווילן פאַרכאַפּן די וועלט.
אונדז איז ניט גענוג קיין געלט, מיר ווילן תמיד נאָך, און דאָך
בלייבט אונדז אַזוי ווייניק פאַר אונדזער מיטמענטש אים צו געבן
וואָס מיר קענען. יאָ, מיר זיינען דער שטורעם ווינט אין גרונט.
גאָט ווי גוט עס איז צו זיין שטורעם, דער ווינט אַליין —
טראַכט, — ווי ווערטפּול איך בין, אַן מיר וואָלט
דאָך גאָר קיין לעבן ניט געווען, און דער שטורעם
בייזערט זיך אויף דעם ווינט און זאָגט: זע דעם ים, שאַ,
ער רוישט ניט ווען איך בין ניטאָ, ווער וואָלט פון דיר ים גערעדט
ווען די שיף זאָל זיך אויף דיר שיפן ווי אויף אַ ברעט?
איך בין דער שטורעם און קען די שיף זינקען
און אַז איך וויל, ווערן די מענטשן דערטרונקען.
אַן מיר וואָלט דאָס לעבן ניט געווען אַזוי רייך און שיין
ווען וואָלט דאָס לעבן אָפּגעשאַצט די רעטונג
ווען מיר דער שטורעם מיטן ווינט זאָלן
ניט פאַרשווינדן? דאַן שיינט אויף די זון און מיר ווערן
אַנטרונען. אָבער אַז איר רוט זיך אויס, דאַנקט איר גאָט
און ביינקט נאָך אַ קיל ווינטעלע.
אָן, אַביסעלע לופט, עס גייט איך אָפּ אַ קילער ווינט.
אָבער דער ווינט גייט מיטן שטורעם באַנאַנד,
און דער מענטש ביים ראַנד.

רייזע איינדריקע

שוין גענויע צען יאָר אַז איך באַרייז אַמעריקע און אויך אַנדערע לענדער. מיין וואַנדערלוסט האַלט מיך געשפּאַנט און דער פאַרלאַנג צו פאָרן ווערט ניט אויסגעשעפּט. נייע מענטשן נייע איינדריקע און נייע איבערלעבונגען וואָס גיבן מיר מאַטעריאַל צו שרייבן און דערציילן.

אין מיין בוך „מילטשין" האָב איך אַ קורצע באַשרייבונג קאַליפאָרניע, אָבער איצט וועל איך ברייטער אַרומנעמען טעקסעס און מעקסיקאָ, אַריזאָנאַ און קאַנאַדע. פון קאַנאַדע שפּעטער. מעקסיקא איז רייצנד. דאָס לאַנד אַליין קאָן מען אָנרופן מעקסיקאָ, ווייל דאָ אַז איר קומט איז שוין מעקסיקאָ. מיינע פריינד נעמען מיך קיין גאַלוועסטאָן, טעקסעס, אָנצוקוקן דעם „גאָלף און מעקסיקאָ". פרידא ווייבער און פריינט העלפאַנט וואוינען טאָקע אין גאַלוועסטאָן. דעריבער איז געווען אַ פריידע צו זיצן לעבן מיין לאַנדסמאַן העלפאַנט (ער איז אונדזער וועגוויזער). דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ קילער. אין שיקאַגאָ איז געווען ווינטער און דאָ דער אייביקער זומער.

גאַלוועסטאָן איז אַ זומער־פּלאַץ. אַהער קומט מען זיך אָפּקילן פון די גרויסע היצן וואָס ברענען זומער ווי פייער. דאָ באָדט מען זיך אין ים — דער שטח פון ים איז מיטן אויג ניט צו דערגרייכן. דער באָרדוואָק ציט זיך אויף מיילן. פונקט אַנטקעגן זיינען אויסגעבויט שטיבלעך פאַר די דאַטשניקעס, וואָס אַ טייל וואוינען דאָרטן דורך דעם גאַנצן יאָר.

איך בין געווען אין טעקסעס נאָכן סעזאָן פון די הייסע טעג. מיר איז געווען זייער קיל און פאַרגעניגענדיק צו באַטראַכטן גאָט׳ס שיינקייטן וואָס מענטשן האָבן קולטיווירט און נאָך פיל שענער אַרויסגעבראַכט ווי די נאַטור האָט אונדז געגעבן.

גאַלוועסטאָן איז אַ קליינע שטאָט מיט אַ זייער קליינער צאָל יידן, אָבער די דאָזיקע יידן לעבן בשלום צווישן זיך. זייער שיין דערציילט פרידא ווייבער — זי איז פון אַרבעטער־רינג, אָבער אַז אַ רב אָדער אַ רבי קומט, זיינען אַלע אים מקבל פנים. דערפאַר, אַז עס קומט אַ פאַרטרעטער פון ניו־יאָרק פאַרן אַרבעטער רינג, אָדער אַ שרייבער, ווערט ער אויך

אויפגענומען פון דער זעלבער קאַמיטע. צוליב פריינדלעכקייט האַלטן זיך די יידן אין איינעם. פריינט העלפאַנט איז מיין לאַנדסמאַן. ער האָט געקענט מיין טאַטען; פירט ער מיך צו אַנדערע לאַנדסלייט וואָס האָבן אויך געקענט מיין טאַטען. אַריינקומענדיק אין געשעפט איז געשטאַנען אַ געפּאַקטער ייד און גערעדט מיט אַ קונה. דער ייד וואָס האָט געקענט מיין טאַטען זעט נאָך ניט אויס אַלט, איז, ווי אַזוי געדענקט ער אים? ערשט ווען יענער ווערט פּאַרטיק און איך זאָג אים ווער איך בין, צעשמייכלען זיך זיינע אויגן און אַ דערפרייטער דערציילט ער, אַז ער איז געווען מיין טאַטנ׳ס באַהעלפער; געטראָגן ווינטער די קינדער אויף די פּלייצעס און פון פאַר־רענט די טעפּלעך עסן. און אַז אים איז שווער געוואָרן שליאַפּען אין דער טיפער בלאָטע, האָט ער איינגערעדט די קינדערלעך אויפצועסן דעם אָנבייסן אויפן וועג. דערוויל — לאַכט ער געשמאַק — בין איך געוואָרן זאַט און מיר איז גרינגער געוואָרן זיך צו שלעפּן אין דער בלאָטע.

„אַזוי, אַזוי, זענט איר דאָס די טאָכטער פון מאָטל דעם מלמד! איי, איי, איי — האָט איר געהאַט אַ מאַמע! זי איז געווען קלוג ווי דער טאָג! ׳פריער׳, פלעגט זי זאָגן, ׳משהלע עס אָפּ; אַז דו וועסט זיין זאַט, וועסטו כח האָבן צו טראָגן די קינדער אין חדר. און מיר וועסטו כח האָבן אַריינטראָגן אַביסל האָלץ אין שטוב׳. היינט די קאַרזשעס וואָס זי פלעגט מיר אונטער־שטופּן! מיין אַפּעטיט איז אַצינד, גאָט צו דאַנקען, אויך ניש־קשה, אָבער דעמאָלט בין איך געווען אַ וואָלף. איז, זעט נאָר זעט! מיין רבינ׳ס טאָכטער! אייך געדענק איך ניט, אָבער אייערע עלטערע שוועסטער און ברידער האָב איך געקענט. וואו זיינען זיי? לעבן זיי נאָך?״

איך קוק אויפן שיינעם געפּאַקטן יידן וואָס הייסט משה און שעמט זיך ניט מיט זיין אַמאָליקן נאָמען בעהעלפער. ער קוקט אויף מיר מיט אַזאַ וואַרעמקייט אַז עס קומען מיר טרערן אין די אויגן.

דער ייד האָט געקאָנט מיין מאַמען נאָך איידער איך האָב זי געקענט! ער געדענקט מיין טאַטען ווען ער איז נאָך געווען יונג און מיין מאַמען שיין און חנ׳עוודיק. די גאַנצע משפחה רעכנט ער מיר אויס. און אַזוי ווי איך בין געקומען שוין אויף דער עלטער, איז פאַרשטענדלעך אַז ער געדענקט מיך טאַקע ניט.

דערצייל איך אים אַז דער טאַטע איז שוין לאַנג טויט; די מאַמע איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די באַנדיטן אין די פּאָגראָמען אין 1919; איך

אַליין בין שוין דאָ 20 יאָר און אין דער איצטיקער היטלער שחיטה זיינען אַלע פון מיין פאַמיליע אומגעבראַכט געוואָרן.

משה׳ס אויגן זיינען פול מיט טרערן אויף דעם יידישן צער.

אַ באַפליגעלטע געזעגנען איך זיך אָפּ מיטן יידן וואָס האָט אַזוי שיין דערמאָנט מיינע עלטערן און מיר פאָרן ווייטער זען די שיינקייט פון גאַל־וועסטאָן.

מיר פאָרן אַצינד ביים וואַסער. דער ים מינעט זיך, כוואַליעס רוישן און קילן דאָס געמיט. דער אַספאַלט איז גלאַט. די מאַשין גליטשט זיך פאַמעלעך. מען דערציילט מיר די געשיכטע פון טעקסעס.

טעקסעס איז אַמאָל געווען אַ טייל פון מעקסיקאָ. אין יאָר 1836 האָט טעקסעס זיך אָפּגעריסן פון מעקסיקאָ און איז געוואָרן אַ זעלבסשטענ־דיקע רעפּובליק. שפּעטער קומען מלחמות. עס איז געווען אַ מין בירגער קריג. אין יאָר 1870 איז טעקסעס אַריינגענומען געוואָרן אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

גאַלוועסטאָן האָט דעם חן פון אַ שיינעם דאָרף און אויך פון אַ האַפן־שטאָט. ווען די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, האָט די רעגירונג געמינעט דעם ים כדי דער שונא זאָל ניט קאָנען אָנטאָן קיין שאָדן. עס זיינען אויסגע־בויט געוואָרן פאַרשיידענע אָפּטיילונגען אין דער גאַנצער צייט פון מלחמה.

איצט איז שטיל און רואיק; דער ים גלאַנצט אַנטקעגן דער זון; דער לויטערער הימל מיטן בלויען געוועלב שפּיגלט זיך אין ים. מיין האַרץ צאַפּלט פון זיסקייט וואָס איך בין זוכה צו זען די דאָזיקע שיינקייטן און הערן די געשיכטע פון אַ ים וואָס דערציילט פון אַזויפיל בלוטבאָדן און איצט ליגט ער זיך רואיק און רוישט אַזוי שטיל; די כוואַליעס פאַלן צו די ברעגן ווי אַ קינד צו דער מאַמעס ברוסט. זיי שפּילן זיך די כוואַ־ליעס מיטן ברעג פון ים. זייט געבענטשט, מיינע גוטע פריינט, פאַר דעם פאַרגעניגן וואָס איר האָט מיר צוגעטיילט!

אַצינד קומט יוסטאָן, טעקסעס. אַ מאָדערנע שטאָט, 50 מייל פונעם גאָלף און מעקסיקאָ. אַ שיינע שטאָט מיט שיינע מענטשן. דאָ איז פאַראַן אַ לעבעדיקע יידישע באַוועגונג; טייערע, האַרציקע מענטשן. אויך דאָ האָב איך לאַנדסלייט וואָס דערפרייען זיך מיט מיין קומען און איך פריי זיך מיט זיי און בין דאַנקבאַר מיינע פריינט וואָס קענען אַזוי שיין אויפ־נעמען מענטשן. נעמען פון אַ סך איז ניט מעגלעך צו געדענקען, אָבער די

נאָענטסטע מוז איך דערמאָנען. מיין לאַנדספרוי פרידמאַן, איצט בעל, זאָל זיין געבענטשט. די ערשטע אויפנאַמע פאַר מיר איז פאָרגעקומען אין איר הויז. דאָרטן האָב איך זיך שוין באַקאָנט מיט אַלע וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

די צווייטע אויפנאַמע איז געווען ביי שיינדל טאָלסקי און איר האַרציקע שוועסטער אננא שווארץ. דאָרטן בין איך איינגעשטאַנען. פרידא ווייַנער, די הויפּט מחותניתטע, ברענגט דעם גאַנצן אַרבעטער רינג צום אָוונט: די סילבערטס, די קעסלערס, גרינס, גאַרדנערס און פילע אַנדערע. עס איז געווען רירענד ווען איך האָב זיך באַקאָנט מיט מענטשן וואָס איך האָב זיי געדענקט אין זכרון און פאַרשריבן אין מיין בוך „מילטשין". דאָס זיינען מיינע לאַנדסלייט די ברידער בעל, פון ראַדאָמישלע. אויך דאָ פאַרנעמען זיי אַן אָנגעזעענעם אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די וואָך אין יוסטאָן איז געווען יום־טוב. דער שלוס פון מיין רייזע אין טעקסעס איז פאָרגעקומען אין סאַן אַנטאָניאָ, טעקסעס. די חברים סילבערט מיט זייערע פריינט די קעסלערס און אויך זייערער אַ גאַסט פון מילוואָקי און מיין וויניקייט לאָזן מיר זיך אַרויס אין פריינט סילבערטס מאַשין. סאַן אַנטאָניאָ איז דער חלום און מיטלפונקט פון טעקסעס. שפּעטער, ווען איך בין געווען אין מעקסיקאָ סיטי, האָב איך שוין אַליין געקאָנט מאַכן דעם פאַרגלייך, אַז סאַן אַנטאָניאָ איז אַ טייל פון מעקסיקאָ. שוין דאָ זעט איר אַלע פעלקער. מען רעדט אַלע שפּראַכן. די הויפּט שפּראַך איז ענגליש און שפּאַניש, אַ געמיש אַזאַ וואָס מיר איז זייער שווער געווען צו פאַרשטיין, אָבער ניט געווען איז עס שווער צו זען וויפיל שיינקייט עס פאַרמאָגט סאַן אַנטאָניאָ! עס איז פאַריז אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב. אויך דאָ זיינען די גאַסן געדרייטע. און ווען איר ווייסט ניט די שטאָט, זייט ניט קלוג און פרעגט בעסער, ווייל איר וועט בלאָנדזשען. האָטעלן זייער געמיטלעכע, רעסטאָראַנען וואונדערבאַרע. אויך אַ פיינער יידישער רעסטאָראַן. מיר פאָרן באַטראַכטן די שטאָט. מיר זעען דעם פאַרק וואו די אַמעריקאַנער האָבן געוואונען טעקסעס. אין מיטען שטאָט שטייט דער דאָזיקער פאַרק: אַ גרויסער, שטיינערנער פאַרקאַן פון דורכגעלעבערטע שטיינער. דער סימבאָל ווערט לעבעדיקער ווען איר קומט אריין אינווייניק: עס שמעקט מיט בלוט און קאַמף. איר זעט די קאַנאָנען, די ביקסן און אויך זיינען פאַראייביקט די העלדן וואָס האָבן געוואונען דעם קאַמף

פֿאַר די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

מיר פֿאָרן אויף הויכע בערג און דערנאָך טיפֿע טאָלן. דער גאַנצער טאָג איז ווי אַ חלום. ענדלעך איז דער חלום צום סוף און מען זעצט מיך אַרויף אויף דעם צוג וואָס וועט מיך ברענגען קיין מעקסיקאָ סיטי. זייט געזונט, מײַנע פֿרײַנט פֿון טעקסעס; אַ האַרציקן דאַנק פֿאַר אײַער גאַסט־פֿרײַנטלעכקייט!

פֿאַמעלעך הייבט זיך אָן רירן דער צוג. מײַנע פֿרײַנט גריסן מיך מיט די טיכלעך און איך וואַרף זיי לופֿט קושן.

זעקס אַזייגער אין אָוונט. עס איז די צייט פֿון אָוונט־ברויט. עסן וויל איך ניט. איך בענק אַצינד נאָך מײַנע פֿרײַנט וואָס זײַנען שוין פֿאַר־שוווּנדן פֿון די אויגן. קוק איך אַרויס אין פֿענצטער און זע דעם בין השמשות. אַלץ איז אין שטילער רו. דער צוג לויפֿט שנעלער. צוועלף בײַנאַכט וועלן מיר אָנקומען צום גרעניץ וואָס טיילט אָפּ טעקסעס פֿון מעקסיקאָ.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלן. די בעטן מאַכט מען ניט ביז מען פֿאָרט אַדורך די גרעניץ. איך פֿאָר אין אַ פּולמאַן וואָס איז אויסגעשטאַט אויפֿן שענסטן אופֿן. דאַגעגן, די וואַגאָנען וואָס זײַנען אָנגעפּאַקט מיט מעק־סיקאַנער זײַנען אומרייןן. דער קאָנטראַסט שרייט מיט באַנומענע קולות. מיר איז שווער צו זען. אומעטום איז די אָרעמקייט גרויזאַם און די רײַכ־קייט ברוטאַל. אָבער, פּונקט ווי גוטער ווײַן האָט דעם כח פֿון שטאַרקייט, אַזוי איז דאָס געלט. די פּריווילעגיע פֿון געלט גיט דעם מענטשן פֿאַר־געניגען און ער פֿאַרדייעט עס אויסגעצייכנט. און שלאָפֿן אויף דעם צוג אין אַ ווייכער בעט איז ניט שלעכט.

אַרום 1 אַזייגער בײַנאַכט, ווען די גרעניץ וואָך איז געוואָרן פֿאַרטיק מיט איבערקוקן די באַגאַזש און אויספֿרעגן וואו מען פֿאָרט און אַזוי ווײַטער האָט מען אונדז געהייסן ווידער אײַנשטײַגן. די בעטן זײַנען געווען גרייט: מיד פֿונעם גאַנצן טאָג און טאַקע פֿון אַלע טעג ביז דער איצטיקער שעה, האָב איך געפֿילט אַ גרויסע דערלייכטערונג, זיך אײַנגעוואַשן מיט אַ סך וואַסער אין וואַש־צימער און זיך געמאַכט גרייט צום שלאָפֿן. פּונקט ווי איך זאָל זײַן בײַ מיר אין שטוב, זיך אַרײַנגעלייגט אין אַ ווייכער בעט, שניי־ווײַסע ליילעכער, צווײ פּוכאָווע קישעלעך, אַ פֿײַנער צודעק, אַ לעמפּעלע ברענט שוואַך און מען קען אַביסל לייענען ביז דער שלאָף וועט קומען.

יאָ, דער שלאָף איז באַלד געקומען און מיט פאַרגעניגען גיב איך זיך איבער צו דעם שלאָף וואָס וויגט מיך איין מיט דערוואַרטונג אויפן טאָג וואָס איך וועל דערזען מעקסיקאָ סיטי.

מדבר

שוין צוויי טעג זעען מיינע אויגן מדבר. אין דעם דאָזיקן מדבר וואוינען מעקסיקאַנער. זיי האָבן זיך זייער וועג ווי זיי אָרדענען זיך איין. מיט וואַסער זיינען זיי ניט שלום. וואַסער האָבן די מעקסיקאַנער פיינט, אָדער מורא. ווער ווייס! זיי וואַשן זיך ניט און באָדן ניט זייערע קינדער. עס פרעגט זיך אַ פראַגע: וואו וועלן זיי זיך באָדן? עס איז דען דאָ וואַסער? אַזעלכע שטיינערנע געצעלטן אין די בערג קוקן אויס ווי הילן פאַר גזלנים וואָס שרייבער פון שונד ראָמאַנען האָבן באַשריבן. פון די דאָזיקע גע־צעלטן לויפן אַרויס אין די צענדליקער פיצלעך קינדער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע. זיי האָבן פון ווייטן געזען דעם צוג אָנקומען ווילן זיי אַז די פּאַסאַזשירן זאָלן עפּעס אַרונטערוואַרפן. זייערע אַוואַיעס צעטומלען מיך. אַזוינס האָב איך אין מיין גאַנצן לעבן ניט געזען. אַזאַ אָרעמקייט און ווילדקייט שווינדלט מיר פאַר די אויגן אַט ערשט ניט לאַנג געווען אין רעניסאַנס און אַ טאָג שפּעטער, ווי קיין ציוויליזאַציע וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

דער צוג לויפט און די קינדערלעך באָרוועסע, נאַקעטע לויפן אַלע נאָך. זיי קענען ניט פאַרשטיין, אַז מען עפנט אונדזערע טירן ניט אויף איז ווי אַזוי קענען מיר זיי עפּעס שענקען?

אָט אַזוי לויפן דורך צוויי טעג און דריי נעכט. דער רעסטאָראַן איז איינגעאָרדענט אויפן אַמעריקאַנישן אופן. דאָס עסן שמעקט גוט. מיר זיינען אַצינד אַ גרופּע פון דריי יידן. איך, פון שיקאַגאָ און אַ מאַן מיט זיין פרוי. ביידע פאָרן אַצינד פון די שטאַטן צוריק אַהיים. זייער נאָמען איז מאָרגענשטערן. לאָזט זיך אויס אַז איך קען זייערן אַ ברודער און מיר ווערן באַקאַנט און דער וועג ווערט אויף אַזאַ אופן גרינגער.

די מאָרגענשטערנס באַקענען מיך צוביסלעך מיטן לעבן אין מעק־סיקאָ סיטי וואו זייער היים איז שוין פאַר שיינע עטלעכע יאָר. ווען איך פרעג זיי אויף מאיר קאַראַנע און זיין פאַמיליע, ווערן זיי גאָר באַגייס־טערט. איין קליינקייט! דער איינציקער שרייבער וואָס האָט מיטן גאַנצן

האַרצן ליב מעקסיקאָ און איז אַ געטרייער זון פון זיין לאַנד. בכלל גיט מיר מאָרגענשטערן פיל אינפאָרמאַציע וועגן יידישן ישוב, די וואָס האָבן אימיגרירט פאַר דער מלחמה. יידן זיינען גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן, אָבער איצט, גאָט צו דאַנקען, זינדיקן מיר ניט. מעקסיקאָ לאָזט זיך הערן איבער דער גאַנצער וועלט: מען פאָרט צו אונדז פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ווער עס קומט נעמען מיר אויף מיט אַ ברייטער האַנט.

אָט אַזוי שמועסנדיק האָבן מיר די רייזע דורכגעמאַכט און אויפן דריטן טאָג זיינען מיר בשלום אָנגעקומען אין דער שטאָט וואָס איז ביי מיר געווען אַ לאַנג־יאָריקער פאַרלאַנג צו זען און אָט, אָט בין איך דאָ! דאָס האַרץ קלאַפט: ווער עמיצער מיך באַגעגענען? געשריבן צו מאיר קאָראַנע און טאָמער האָט ער קיין צייט ניט? אַ פאַרנומענער מענטש! איז ווי פאָרט וועט עס זיין? לאַנג טראַכטן קען איך ניט. די מאָרגענשטערנס שרייען אויס: אָט זעט! אייער מאיר קאָראַנע איז דאָ! און שוין בין איך געווען אַרומגערינגלט פון טייערע, האַרציקע מענטשן וואָס האָבן מיך קיינמאָל פריער ניט געזען און פירן מיך אַצינד ווי אַ שוועסטער וואָס זיי האָבן אויף איר געוואַרט!

שרה יאַנגסטער איז די מאַמע פון דער מעקסיקאַנער יידישער באַ־וועגונג. איך וואָלט געזאָגט שוועסטער, ווייל זי איז נאָך זייער יונג, אָבער איר מאַמעשער צוגאַנג צום מענטשן גיט איר דעם הייליקן נאָמען מאַמע. זי לינדערט, זי ליבט און ווערט געליבט און אַ דאַנק מאיר קאָראַנע איז מיך שרה יאַנגסטער געקומען באַגעגענען.

דאָס ברייגנען מיך אין האָטעל און נאָכער צו די לייען־קרייזן און בכלל די וואַרעמע אויפנאַמע פון אַלע חברטעס איז מיין פען שוואַך אַרויסצו־ברייגנען. אַזאַ פריינטלעכקייט קאָנען נאָר געבן די מעקסיקאַנער יידן!

שרה יאַנגסטער אַראַנזשירט אַז אַנשטאָט אין אַ האָטעל זאָל איך איינשטיין ביי די פריינט טראַטנירס.

פייגעלע טראַטניר און איר מאַן האָבן מיך באמת אויפגענומען גאַסט־פריינטלעך. זייער שוועסטער מאַשע און די קינדערלעך — אַלע האָבן מיך גערירט מיט זייער גוטסקייט. לאה מאָרגען, שרה קאַמינסקי, די קאָראַנעס, וואַרמען, יאַגאָדע, יאַנגסטאַרס, סטאָלערס און פיל אַנדערע וועלכע האָבן מיר געגעבן מוט און גלויבן אָנצוגיין מיט מיין וויטערדיקער אַרבעט. און אַצינד וועל איך פאַרצייכענען מעקסיקאָ סיטי און איר שטייגער לעבן.

מעקסיקאָ סיטי

דער יידישער ישוב אין מעקסיקאָ האָט זיך שטאַרק פאַרמערט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. קיין אַמעריקע האָט מען ניט אַריינגעלאָזט, האָבן זיך די איינוואַנדערער באַזעצט אין מעקסיקאָ סיטי.

די לעצטע וועלט מלחמה האָט דעם יידן אין מעקסיקאָ געמאַכט פאַר־מעגלעך. ביז דער מלחמה איז דאָרט געווען גרויס אָרעמקייט. יידן האָבן זיך ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען, זיינען זיי געוואָרן קרעמער, בעקער, און אויך פאַרלייגט וועבערייען פון סוועטערס, גענומען האַנדלען מיט צירונג א. א. וו. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָבן זיי אָנגעהויבן האַנדלען מיט ברוכוואַרג, אַלטן אייזן, שמאַטעס (אין אַמעריקע רופט מען עס דזשאַנק ביזנעס).

עס האָט ניט גענומען לאַנג ביז די איינוואַנדערער האָבן זיך איינגע־בירגערט, געקראָגן שיינע היימען, גענומען האַלטן באַדינער און געקויפט פיינע אויטאָמאָבילן. און די הויפּט זאַך — זיי האָבן זייערע קעפּ ניט פאַר־לאָרן. ווער עס קומט צו זיי — פרעגן זיי ניט אויף קיין פּאַספּאָרט. זיי נעמען אים אויף מיט אַ ברייטער האַנט אין גיבן דעם גאַסט אַ וואַרעמע געמיטלעכע היים.

די יידן אין מעקסיקאָ סיטי בויען אויף אַ היים פאַר דער יידישער קולטור. די קהילה פון מעקסיקאָ סיטי האָט אויפגעבויט אַ שולע, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזען, און זי געווידמעט אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט, צו דער רעגירונג און צום מעקסיקאַנער פאָלק. די שולע איז אַ גרויסער וואונדער וואָס קאָסט צוויי מיליאָן דאלער, און איז געבויט לויט דעם גריכישן סטיל.

די דערציאונג פון יידישן קינד ווערט אַ ביישפּיל פאַרן ניט־יידישן קינד אויך, ווייל זיי גייען אין דער זעלבער שולע — פאַרשטייט זיך, אין באַזונדערע צימערן און מיט באַזונדערע לערער.

אַלס גאַסט, האָבן מיך מיינע פריינט געבראַכט אין דער וואונדערלע־כער שולע, וואָס פאַרנעמט מיילן לאַנג מיט אירע צימערן און ביבליאָ־טעקן, טאַנץ־זאַלן, באָד־פּלעצער און רעסטאָראַנען פאַר די קינדער און לערער, שיינע פּאַלמעס, וואונדער שיינע בלומען, גערטנער און די הויפּט זאַך מענטשן.

איך האָב גערעדט מיטן פּרינציפּאַל, פריינד גאָלאָמב, אַ גרויסער פּעדאַגאָג און איבערגעבענער פריינט פון יידישער דערציאונג. פון דעם קורצן געשפּרעך האָב איך באַלד תופס געווען פאַרוואָס מעקסיקאָ סיטי האָט דאָס אַלץ דערגרייכט. דער ענטפער איז פּשוט: די מעקסיקאַנער יידן לעבן זיך אויס אין זייער אייגענער וועלט און ווילן, אַז זייערע קינדער זאָלן האָבן אַן אַלגעמיינע און יידישע דערציאונג. און מחמת דאָס לאַנד איז הינטערשטעליק אויף דעם געביט, האָבן די יידן געבראַכט דעם בנין אַ מתנה צום בילדונגס מיניסטעריום און דער פּרעזידענט האָט אָפיציעל אָנגענומען די מתנה פון דער יידישער קהילה צו דער רעפּובליק.

אין אָט דער שולע זיינען פאַראַן קלאַסן ביז דאָס קינד ענדיקט היי־סקול. די צימערן טראָגן נעמען פון אונדזערע גרויסע יידישע קלאַסיקער: שלום־עליכם, י. ל. פּרץ און אַנדערע. פאַראַן אויך צימערן וואָס טראָגן די נעמען פון מעקסיקאַנער העלדן.

עס איז באמת אַ פרייד צו זען אַזאַ גרויסן אויפטו!

מאַקסימיליאַנ׳ס קעניגרייך

אויף אַן אומגעהויער הויכן באַרג שטייט דער בנין, אַ פּאַלאַץ, וואו עס האָט געקעניגט מאַקסימיליאַן מיט זיין שיינער פרוי קאַלאָטאַ.

ווען איר קומט אַריין אין וואונדערלעכן בנין, טרעפט איר דעם פּאַ־לאַץ פונקט ווי ער זאָל וואַרטן מען זאָל זיך זעצן ביים טיש און עסן דעם קעניגלעכן מאָלצייט. אָבער איר קאָנט בלויז באַוואונדערן מיטן אויג. די צימערן זיינען פאַרצוימט מיט דיקע שטריק; ניט אַריבערצושפּאַנען די שוועלן. דאָ זעט איר די קאָסטבאַרע צירונג פון דער קעניגין קאַלאָטאַ; איר שלאָף־צימער, איר באָד־צימער, די גרויסע זאַלן וואו די פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען; דאָס געווער מיט וועלכן די שפּאַניער האָבן זיך אַזוי העלדיש געשלאָגן. איך שטיי לעבן דער פאַרענטשע וואו מען וויזט מיר אַן איך זאָל קוקן אין טיפן תהום. אָט־דאָ האָט מאַקסימיליאַן פאַרענדיקט זיין לעבן. מיט איין שפּרונג איז ער געטויט געוואָרן. דאָס איז געווען דער לעצטער שטרייט זיינער. מעקסיקאָ איז דאַן באַפרייט געוואָרן פון אירע אונטערדריקער און געוואָרן אַ פרייע רעפּובליק.

מען ברענגט מיך אין אַ שיינעם קונסט מוזעאום. די קונסט בילדער

שפּיגלען אָפּ דאָס מעקסיקאַנישע לעבן. אַלץ איז פון גרעסטן פאַרנעם. אָבער פאַרט פילט זיך אַז אין מעקסיקאָ הערשט אויסלענדישער קאַפּיטאַל. די אויסלענדער האַלטן די גרעסטע פּלאַנטאַציעס, באַוואוינען גרויסע פּאַלאַצן, און לעבן ווי פּרינצן. די טוריסטן, וואָס קומען אַהער אויף זייערע וואַקאַציעס, האָבן פאַרגעניגן. אָבער מיר זיינען די פאַרגעניגענס ניט געווען צום האַרצן: אויף טריט און שריט מערקט זיך די שרעקלעכע אָרימקייט פון מעקסיקאַנישן פאָלק.

מיר פאָרן אַרויס אין סאַצימילקע, אַ פּלאַץ וואו דאָס מעקסיקאַניש פאָלק דערשיינט אין נאַציאָנאַלן טראַכט. מיר שיינט עס ווי איך זאָל זיין אין איטאַליע, אַ מין ווענעציע. גרויסע גאנדאלעס שטייען ביים ברעג פון ים, וואָס איז רואיק. אין יעדער גאנדאָלע שטייט אַ וואונדערלעך שיינער מעקסיקאַנער בחור, באַרוועס, און שמייכלט צו די אָנקומענדיקע, ווען ער וויל אַרומפירן וויזן גאָט׳ס פּראַכט, די הויכע בערג, די שיינע פּאַלמעס און איבערהויפּט ווי אַזוי דאָס פאָלק יובלט און פרייט זיך און שיפּט זיך דעם גאַנצן טאָג.

מיר זיינען געווען אַרום 15 פּערזאָן און אפשר מער. עסן און טרינקען פון בעסטן האָבן די חברטעס געבראַכט. די גאנדאלע איז ווי אַ שיף מיט בענק און אינמיטן אַ טיש. דער טיש ווערט פאַרשפּרייט מיט אַלדאָס גוטס און אויך אַ גוטער אַפּעטיט איז פאַראַן און אַז מען עסט אָפּ דעם מיטאָג, פאַרציט מען אַ שיינע, האַרציקע ליד. די גאנדאלע גליטשט זיך אַף דעם גלאַנציקן פלאַך פון ים. פייגעלעך פליען נאָך אונדזער שיף. פון וויטן הערן זיך די געזאַנגען. איך האַלט מיינע אויגן אָפּן צום ים וואָס דערפרישט מיין געמיט און גלויב קוים, אַז איך לעב דאָס דורך אין דערווירקלעכקייט! קאַנא וואַקע — אַ פּלאַץ וואו די בערג טראָגן אויף זיך תמיד ווייסן שניי, שניי־בערג וואָס פאַרכישופן אייך און איר קענט זיך קוים גלייבן אַז עס איז שניי. אָבער ווען איר דערנעענטערט זיך, זעט איר די שניי־בערג. איר זעט בכלל דעם וואונדער פון דער נאַטור, אַ מין פלאָרידאַ, אָבער אינגאַנצן אַנדערש. דאָ איז דורכאויס אָריענטאַליש. דער ים רוישט און די לופט איז דערקוויקענדיק, און מענטשן וואָס האָבן שכל, ווייסן אַז מען לעבט איין מאָל.

מעקסיקאָ פאַרמאָגט דעם מאכל „פּאַפּאַיע" און אַנדערע פרוכטן, וואָס וואַקסן בלויז אין די טראָפּישע לענדער. דאַגעגן דאַרפן זיך די טוריסטן היטן פון טרינקען דאָס וואַסער, וואָס איז ניט סטעריליזירט און אויך זיין

פאַרזיכטיק מיטן עסן.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון די יידישע פרויען אין מעקסיקאָ סיטי איז איין גרויסער יום־טוב, ווייל יעדע יידישע פרוי, רייך אָדער ניט אַזוי פאַרמעגלעך, קאָן זיך פאַרגינען צו האַלטן אַ מיידל וואָס קאָסט 6 דאלאר אויף אַמעריקאַנער געלט אַ חודש (20 פעזאָס אויף מעקסיקאַנישער וואַ־ליוטע) און אַז אַ פרוי האָט אַ פּאָר קינדער, האַלט זי צוויי אָדער דריי מיידלעך. די מיידלעך ווערן גוט באַהאַנדלט. זיי האָבן פון אויבן באַזונדערע צימערן און קענען דאָרטן וואוינען מיט זייערע קינדער, אויב זיי האָבן קינדער.

אין מעקסיקאָ סיטי זעט איר יונגע מעקסיקאַנערינס טראָגן זייערע קינדערלעך אין שוואַרצע שאַלן. קיינער פרעגט ניט וואו איז זייער טאַטע: די מאַמע האַלט אויס איר קינד. דאָס איז זייער איינציקע פרייד אינם אָרימען לעבן — קינדער האָבן.

ווען דאָס מיידל קומט אין די הויכע חדשים, גייט זי אַוועק צו איר מאַמען אין די בערג. די מאַמע נעמט צו איר טאָכטער מיט פאַרשטענ־דעניש און ווען זי האָט איר קינד, גייט דאָס מיידל צוריק אין שטאָט, אָפּטמאָל צום זעלבן פּלאַץ, וואו מען האָט געוואַרט אויף איר צוריקקומען. און אויב איר יידישע באַלעבאָסטע האָט אַ געפיל פון אַ מאַמען וואָס קאָן פאַרשטיין, אַז איר מיידל קאָן בענקען נאָך איר קינד — הייסט זי איר גיין אין די בערג און ברענגען איר קינד און זיין מיט דעם צוזאַמען.

אַזאַ מאַמע מיט אַ קינד האָב איך געטראָפן ביי דער פאַמיליע טראַט־ניר. דאָס מיידל דינט ביי די טראַטנירס שוין 14 יאָר. איר אינגל איז אַלט 12 יאָר און גייט מיט די טראַטנירס קינדער אין דער יידישער שול. די קינדער רעדן צווישן זיך יידיש און שפּאַניש און די באַדינער רעדן האַלב־יידיש און האַלב־שפּאַניש.

איך וואָלט געקאָנט שרייבן זייער פיל פון דער שיינקייט וואָס עס פאַרמאָגט די שטאָט מעקסיקאָ סיטי, אירע פיינע קוואַרטאַלן, וואו עס וואוינט די פאַרמעגלעכע באַפעלקערונג; די וואונדערשיינע אַמעריקאַנער רעסטאָראַנען, מאָוווי־הייזער, אַ פיינער יידישער רעסטאָראַן, אַהין קומען זיך צונויף געשעפטסלייט. אויף די טישן פרישע בלומען. בלומען געפינט איר אומעטום. מעקסיקאָ פאַרמאָגט אין זיך דעם אמתן אָריענטאַלישן חן.

זאָלן אַלע פעלקער געניסן פרייהייט און לעבן אַזוי האַרמאָניש ווי עס לעבן יידן אין מעקסיקאָ סיטי!

קאַליפאָרניע און אַריזאָנאַ

מיינע רייזע איינדריקע פון יאָר 1955

שוין מער ווי 12 יאָר אַז איך זאַמל מאַטעריאַל פון די וואַרעמע לענדער ווי אויך פון די קאַלטע געגנטן, ווי קאַנאַדע. ברייטער וועל איך אַרומנעמען ניו־יאָרק, שיקאַגאָ און בכלל וואו יידן לעבן.

איך וויל אָנהייבן פון סאַן דיעגאָ, אַ שטאָט לעבן מעקסיקאַנישן גרענעץ, טיאַוואַנאַ. סאַן דיעגאָ אַליין איז ווי טיאַוואַנאַ, דער אונטערשייד איז בלויז אין דער שיינקייט פון אַמעריקע, וואו מען לעבט בעסער. די פּאַלמעס זיינען די זעלבע, ווי אויך די קאָרטן פּלעצער, וואו מעקסיקאַנער שפּילן אין קאָרטן גאַנצע טעג און אַזעלכע לאָקאַלן וועלכע זיינען דאָ אין אַמעריקע ביים גרענעץ דערלויבט די סאַנדיעגער אַרעמער באַפעלקערונג שפּילן אין קאָרטן כלומרשט אָן געלט, און זייער אָפט פּאַסירן גרויסע סקאַנדאַלן ווען מען כאַפּט אַריין אַ מענטשן און זיי „בינדן אים אָפּ" אויף קאָרטן לשון. עס איז טרויעריק צו זאָגן אַז אויך אין די יידישע שטובן האַלט מען אין איין שפּילן קאָרטן, מען מאַכט קאָרטן פּאַרטיס און עס איז נאַטירלעך אַז אויף אַזאַ אופן זאָלן אָרגאַניזאַציעס שאַפן זייערע פאָנדן און צוטראָגן זייער צושטייער. אָן קאָרטן, זאָגן זיי, איז פּשוט ניט אינטערעסאַנט.

דאָס לעבן פון די יידן אין די קליינע שטעטלעך אין קאַליפאָרניע איז כמעט ענלעך איינס אויפן אַנדערן, לאָס אַנגעלעס שוין אַריינגערעכנט. אין אַריזאָנאַ איז אַביסל אַנדערש אָבער כמעט דער זעלבער צושטאַנד. ק אָ ר ט ן, — מער דאַרפן זיי ניט.

לעיק עלסינאָר איז אַלט אַרום 7 יאָר. ווען קראַנקע יידן האָבן אַהער אָנגעהויבן קומען, זיך היילן פון זייערע שלאַפקייטן וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט אַ היפּש ביסל מענטשן — אַרטרייטיס, אַזמאַ, און אַנדערע ווייטאָגן ווי אויסשלאָגן, קרעץ, המנ׳ס און פּרעה׳ס מכות. די דאָזיקע יידן האָבן אַ לעבן לאַנג געהאָרעוועט, געאַקערט מיט דער נאָז די ערד, אָנגע־

קליבן אוצרות מיט געלט און פלוצלונג זיך אַרומגעקוקט אַז זיי זיינען צע־בראָכענע שאַרבנס. יעדער אבער איז צו אים זיין גרעסטער שונא. איז וואָס טוט מען? איז געווען אַ גוטער אויסוועג: געלט איז דאָ, נעמט מען די הונדערטער טויזנטער און מען וואַנדערט אויס קיין קאַליפאָרניע, אַרי־זאָנאַ און מען פאַרלייגט אַ זאַוואָד פון דירות בילדן און זיי ווערן באַלע־באַטים.

עס דערוויסן זיך אַרימע קראַנקע יידן פון דעם פלאַץ, וואו מען קען נאָך כאַפּן אַביסעלע לופט, קומען זיי צולויפן, דינגען אַ שטיבל און פּאַכען מיט דער נשמה. אַ טייל ווערן געזינטער און אַ גרויסע טייל שטאַרבן בכבוד און מען פירט זיי צוריק וואו זיי קאָנען אויף אייביק שוין ליגן רואיק.

דאַגעגן, פאַרן געזונטן מענטשן איז עס אַ גרויסער פאַרגעניגן.

דעם געזונטן איז אומעטום גוט און דאָ וואו דער הימל איז בלויער ווי בלוי, אודאי גוט. קוקט ער זיך צו ווי מענטשן האָבן פאַרלייגט זייער וואַר־שטאַט — אַזעלכע וואָס קומען דאָ געזונטע זיינען אַרטיסטן, שרייבער און סתם כלל־טוער. אַלע ווילן געלט און האָבן עפּעס צו געבן. אָבער דעם קראַנקן יידן גייט ניט אין קאָפּ קיין שום זאַך, אַחוץ דאָס וואָס ער וויל ווערן געזונט, און ווען ער איז געווען געזונט האָט ער דען עפּעס אין זינען געהאַט אַחוץ מאַכן געלט? איצט, אַז ער איז קראַנק, קומט מען אים — ווי מען זאָגט דאָ אויף יידיש — באַדערן: אַז זיי ווילן ניט געבאַדערט ווערן, לאָזט זיי אָפּ! אָבער אָפּלאָזן וויל מען זיי ניט. און עס הייבן אָן אָנקומען פרישע מענטשן, טאַקע אָרעמע, זיי האָבן אָבער עפּעס וואָס די רייכע פאַרמאָגן ניט. דאָ זינגען זיי, לייענען זיי, ווילן עפּעס אַנדערש: מאַכן זיי זיך באַקוועם: שאַפן קולטור צימערן: די פּיאַנאָ הייבט אָן שפּילן, קומען אַנדערע צוגיין: וואָס הערט זיך דאָ? וואָס טוען דאָ מענטשן? מיר טוען גאָרניט! מיר זינגען, מיר לייענען. וואָס לייענט איר? אָ, מיר לייענען ביכער. ביכער? יאָ, ביכער. און דער וואונדער איז געשען. די קליינע גרופּעס האָבן אין די שטעטלעך אַריינגעבראַכט דעם לייען־קרייז. די רייכע קראַנקע יידן קומען צו אַמאָל, געבן אַ קוק, — אָ, עס איז פריילעך ביי אייך? יאָ.

דער ייד אָדער יידענע שטעלן אָן מויל און אויערן, הערט אַ מעשה: מיר האָבן גאָרניט געוואוסט אַז אין לייענען גייט אַוועק די צייט נאָך גיכער ווי אין פּינאַקל. אַזוי, הייסט עס איר לייענט? די חילוקי־דעות איז ניט

וויכטיק. עס איז ווי ביי י. ל. פרצן די צוויי ברידער. זייער גיך הייבן זיך ייִדן אָן רייסן און בייסן איבער רעכטיזם און לינקיזם און מען האָט מורא, פאַר דער מורא אַ מין צעטומלעניש אויף וואָס די וועלט שטייט.

טוסאָן אריזאָנע, סאַן דיעגאָ, לעיק עלסינאָר — דאָס זיינען נייע מדינות, אַ מין ישראל אויף דער אַמעריקאַנער ערד. די וואונדערלעכע קעניאָנס, די וואסער פאלס און בלויע הימלען, דערפרייען דאָס האַרץ וואָס קאָן פאַרנעמען די דאָזיקע שיינקייטן. און אַז חבר און חברטע דינעוויץ נעמען מיך צו די דאָזיקע בערג, וואָס מיטן אויג ניט צו דערגרייכן, מוז איך זאָגן, זייט געבענטשט גוטע חברים פאַר אייער ביישטייער צום גאַסט, וואָס וויל אויך זען די וועלט.

די זעלבע געפילן האָב איך איבערגעלעבט אין לעיק עלסינאָר. גראָד דאָרטן האָט גערעגנט און געשטורעמט דריי טעג נאָכאַנאַנד: עס מאַכט גאָרניט אויס: די נעכט אַזוי פינצטער און דאָ וואו איך געפין זיך איז זייער ליכטיק און געמיטלעך.

ביי דער פיאַנאָ זיצט דער קאָמפּאָזיטאָר אַדאָלף מאָן. ער שאַפט מוזיק צו די לידער וועלכע געפעלן אים. זיין אייגענער אויסוואַל. ער שפילט און די קלאַנגען דרינגען אַריין אין מיין האַרצן, וואָס האָט אַזוי ליב מוזיק.

צוליב דעם וואָס איך בין אַ גאַסט קומען שוין אַלע צוגיין און מען מאַכט יום־טוב אין דער וואָכן. אַלץ איז ווי אַ חלום!

לעיק עלסינאָר איז אַזוי קליין און דאָך ווי גרויס עס איז דאָרטן דער מענטש וועלכער ברענגט אַריין דאָס קולטורעלע לעבן און שאַפט דעם באַדן פאַרן גאַסט וועלכער קומט צופעליק אין פּירט אַוועק אַזוי פיל שיינקייט! ניט מעגלעך צו דערמאָנען נעמען. זאָל זיך יעדערער פילן געהויבן פון זיין ביישטייער צום נייעם לעבן אין דעם קליינעם ישוב וואָס וועט אינגיכן קונה שם זיין און מענטשן וועלן קומען זיך באָדן אין די טייערע מינעראַלן וואָס קאָנען פריי פון יעדן גענוצט ווערן.

בין איך אין די פרימאָרגנס אַרויס צו די בערג וועלכע זיינען נאָך באַהויכט פון דער נאַכט מיט טומאַן. ניט ווייט איז דער „לעיק" וואָס זעט אויס רונד ווי אַ מולטער. דער דאָזיקער „לעיק" האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זיך פאַר'עקשנ'ט, ניט געוואָלט אַרויסגעבן פון זיך די מינע־ראַלן, גאָר אויסגעטריקנט. די נאַטור האָט אויך אירע קאַפּריזן. די מענטשן זיינען גאָר צעטומלט געוואָרן — וואָס וועט זיין?

און דער וואונדער האָט אַלעמען איבערראַשט.

דער „לעיק" אין עלסינאָר איז איצט פּרעכטיק שיין. די רייכע יידן האָבן דאָרטן, סאַמע ביים ברעג פון „לעיק" עלסינאָר זייערע ווילעס אויס־געבויט און באָדן זיך אין די פּרימאָרגנס אין דער מוטער חוה׳ס קליידער. די קאָמיוניטי האַלט זיך צוזאַמען און מען לעבט בשלום.

קיין בריוו־קעסטלעך זיינען נאָך דערוויל ביי די איינוואוינער ניטאָ און קיין שום בריוו טרעגער אויך ניט.

אין אַ זייטיק געסעלע געפינט זיך דער פּאָסט אָפיס. און אַלע, סיי די גויים סיי די יידן, קומען אַליין אָפּנעמען זייערע בריוו. זיי האָבן זייערע נומערן פון די וואוינונגען אין פּאָסט אָפיס, יעדער האָט זיך זיין קעס־טעלע און קריגט זיינע בריוו.

אַזוי איז אויך מיט אַוועקשיקן בריוו. מען מוז גיין אין פּאָסט אָפיס. איז דער בעסטער שפּאַציר אין פּאָסט אָפיס: דאָרטן קענט איר אַלעמען זען. פלעג איך אין די פּרימאָרגנס אַרויסגיין זען גאָט׳ס שיינקייטן, וויל, נאָכן רעגן האָט די זון אָפּגעגעבן אַלץ מיט ריות.

אין שיקאַגאָ איז געווען יאַנואַר: אין לעיק עלסינאָר — תמוז: זון בעדער בייטאָג: סאַלפער בעדער ביינאַכט פאַרן שלאָפן גיין.

אָט אַזוי לעבן מענטשן וועלכע וואוינען אינם זוניקן לאַנד קאַלי־פאָרניע.

איך האָב באַזוכט סאַן פראַנציסקאָ. דאָס איז שוין דאָס פינפטע מאָל וואָס איך פאָר אין דער וועסט. געווען אַ צייט ווען די צווייטע וועלט מלחמה האָט געבושעוועט. דעמאָלט איז געווען די וועג איבגאַנצען אַנדערש. די איצטיקע קאַלטע מלחמה פילט מען ניט אין דער וועסט. די באַנען זיינען באַקוועם: ניי איינגעאָרדענט: די באַדינונג פיל בעסער.

סאַן פראַנציסקאָ פאַרמאָגט דעם ים וואָס איז וועלט באַרימט. די ברעגן האָבן זעלטענע אָפּטיילונגען פאַר דורכרייזענדע וואָס ווילן אָנקוקן דעם ים וואו טויזנטער אַרבעטער גיבן אַוועק דעם לעבן פאַרן וואוילזיין פון דעם לאַנד. קומען מענטשן פון גאָר דער וועלט באַטראַכטן סאַן פראַנ־ציסקאָ, וואָס איז אַמאָל אַוועק מיטן פייער און איצט איז די שטאָט ווי ניי געבוירן: שיינע רעסטאָראַנען אָנגעבויט: גאַנצע שאָפּעס ציען זיך אויף מיילן: מען קאָן זיך אָנזען מיט גרויסע וואונדער צו פאַרברענגען עטלעכע שעה ביי די ברעגן פון ים און זען די גרויסע, ריזיקע שיפן וואָס קומען

אָנלאָדן און פאָרן ווייטער אויף זייערע לאַנגע רייזעס.

אויפן ים, וואָס צו מיר זעט ער אויס זייער מרה־שחורה׳דיק, פליען גאַנצע צאַטעס פויגלען, לויפן נאָך די שיפן אָדער פליען אינגאַנצן אַריין אין ים.

ווען איך בין דאָרטן געווען איז דער טאָג געווען אַ כמאַרנער. איך בין דאָרטן געווען אַליין.

איך האָב אַמבעסטן ליב צו וואַנדערן אַליין: דעמאָלט קאָן איך אַלץ זען בעסער, ווייל איך גיב מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אָפּ צו אבזער־ווירן. וואו מיינע אויגן קוקן זע איך עפּעס נייעס, איבערהויפּט ווי דער הימל פאַראייניקט זיך מיטן ים. אַלץ איז איינגעוויקלט אין דאַמף, מאַשין און מענטש. נייך, קיין שום געלדער גיב איך ניט אויס. איך באַטראַכט אַלץ וואָס מיינע אויגן זעען און אַלץ געפעלט מיר, איז וואָס זאָל איך קויפען פריער? ובפרט איך האָב גאַרניט קיין געלט! יאָ, איך האָב ליב אַריינקומען אין דעם פיינסטן רעסטאַראַן און איך באַשטעל פיש, אָבער די פיש אין שיקאַגאָ זיינען בעסער. צו ים פיש מוז מען זיך צוגעוואוינען. אויך ווען מען איז אַ לענגערע צייט אַליין ווערט אַביסל אומעטיק, איבערהויפּט ווען די נאַכט הייבט אָן צו פאַלן.

איך איל זיך צום טראַמוויי וואָס וועט מיך ברענגען צום וואָגזאַל און איך וועל פאָרן צוריק קיין לאָס אנגעלעס. דער צוג איז דער בעסטער: „טאָג־ליכט" איז דער נאָמען. ווען מען קומט אַריין אין צוג ווערט גרינג דאָס געמיט: דער אייביקער יום טוב איז דאָ תמיד.

דער פאָרטער רופט צום אָוונט־ברויט. איך קום אַריין אין עס־צימער, זעץ זיך אַוועק: דער רעסטאָראַן איז ליכטיק און אַנגענעם און מען באַ־דינט מיך זייער העפלעך.

יאָ, עס איז גוט צו זיין אַ גאַסט! אומעטום זיינען די מענטשן פרעמדע און דאָך אייגן, ווייל ביים ברעג פון ים האָט מען זיך געזען, אין קונסט מוזעאום, און אין דעם פיינעם אוניווערזיטעט. די רייזענדע האָבן אַ מין קאָמפּאַס און מיר דערקענען זיך אַפילו ווען מיר קענען זיך ניט. דעמאָלסט טראַכט איך, ווער האָט עס אויסגעטראַכט ווי אַזוי אַ מענטש זאָל לעבן? מענטשן לויט מיין מיינונג, דאַרפן בלויז זיין באַטירלעך, ניט אַנגעבלאָזן און ניט מורא האָבן, דעמאָלסט איז די גאַנצע וועלט פאַר זיי פריי און ערלעך שיין.

פּאַמעלעך פּאַרט אַריין דער צוג אין יוניאָן דיפּאָ — לאָס אַנגעלעס!

לאָס אַנגעלעס — די שטאָט וואו די מלאכים האָבן פריער געוואוינט. איין מאָל האָבן זיי גענומען אַ שפּאַציר און זיינען אַוועק אַביסל ווייטער און פאַרגעסן דעם וועג אויף צוריק, זיינען זיי פאַרלוירן געגאַנגען און די מענטשן האָבן פאַרנומען זייער פּלאַץ.

אַ שיינע לעגענדע!

די שטאָט פון די פאַרלוירענע מלאכים. ממש אַ וואונדערלעכע לעגענ־דע, ווייל די שטאָט פאַרמאָגט די העכסטע שיינקייט, סיי פון אַרכיטעקטור ווי אויך פון דער נאַטור און די מענטשן זיינען דאָ אויך אַנדערש געוואָרן.

פּשוט צוליב דער זון זיינען זיי ליכטיקער. גאָר צום ערשטן האָבן זיי געוואָלט זיין ווי די מלאכים, וועלכע האָבן זיי איבערגעלאָזן די שטאָט: דאָס הייסט, זיי האָבן אָנגעהויבן זיך איינפונדעווען. איבערהויפּט האָבן זיי פאַר זיך דערזען די ליכטיקע וועלט: אַ יידיש לעבן האָט זיך אָנגעהויבן בויען.

געווען אַ צייט אין לאָס אַנגעלעס ווען יידישע צייטשריפטן זיינען דערשינען טעגלעך, ווי אויך וואָכן שריפטן און חודש שריפטן. געווען אַ פיינע טעגלעכע צייטונג: לאָס אַנגעלעס האָט געבליט ווי אַ ווייַנגאָרטן. לאָזט זיך גאָר אויס אַז די שרייבער אַליין זיינען געווען די אַרויסגעבער: זיי זיינען געקומען קיין לאָס אַנגעלעס באַפליגלטע, אויסגעגעבן זייערע לעצטע געלדער און דערזען אַז זיי שטייען גאָר אונטער אַ פאַרמאַכטער טיר, נישטאָ ווער עס זאָל שטיצן דעם שרייבער אָדער קינסטלער. זיי האָבן צעאַקערט דעם באָדן, פאַרזייט די ערשטע זריעה און דערמיט האָט פאַסירט.

געקומען אַזעלכע שרייבער מיט אַ נאָמען: אַ טייל זיינען שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע.

דאָרטן איז דאָ אַ שרייבער וואָס איז זייער באַליבט ביי זיינע לעזער: זיי געבן אַרויס זיינע ביכער. אַלץ איז אָבער אויבן אויף. קיין געוויכט קאָן מען אויף די קולטור טרעגער צו פיל ניט לייגן. יידיש לשון איז מיטאַמאָל געוואָרן וואָכעדיק. פון די לייען־קרייזן איז אַ באַזונדער קאַפּיטעל. זיי דאַרפן אַ פּאַספּאָרט. מען מוז זיין אויף דער וואַך און וויסן ווער איז ווער. אָפּגעהיט זאָל מען זיין אַז זיי וויסן ניט. עס געפינען זיך אין לאָס אַנגע־לעס שרייבער שעלטערס און בענטשערס. סיי די שעלטערס און סיי די בענטשערס גיבן אַרויס אָדער האָבן אַרויסגעגעבן אַ צייטונג אָדער אַ

צייטשריפט און שוין אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט. איצט טראָגט דער שרייבער אַרום זיין פּען אין בוזים־טאַש און וואַרט מען זאָל אים אָנכאַפּן. נייך, קיינער כאַפּט אים ניט אָן. אַ גרויסער בנין וואָס רופט זיך קולטור קלוב און האָט בעאַמטע און אַז אַ שרייבער קומט צופאָרן און ער מעלדעט זיך צום קולטור דירעקטאָר, דאַרף מען אָפּמעסטן דעם שרייבער אויפן אַרשין, ווי גרויס ער איז, און אויב גענוג גרויס, איז האַלב אויף האַלב. אויב ניט, לאָזן זיי אים אויף אייגענער קעסט אַרומגיין אין די הייזער.

מיר איז אויסגעקומען ווי אַ גאַסט צו באַזוכן זייער קלוב. גראָד טאַקע זייער אַ שיינער בנין מיט אַלע אַלטע קלאַסיקער. ניטאָ אויף אַ רפואה אַ לעבעדיקער שרייבער, אַחוץ אייגענער וואָס איז דאָ דער כהן גדול. אַזוי זיינען דאָרטן אַלע טויטע שרייבער מיט לעבעדיקן באַגאַזש. ווייל ווי דער אמת איז, די קלאַסיקער וועלן לעבן אייביק. איז ווי האָט געזאָגט יענער ייד וואָס מען האָט אים אויסגעבראַקעוועט צוליב זיין עלטער? „מען וויל יונגע סאָלדאַטן, האָט ער מיט רוגזה אַ זאָג געטאָן. וואָס איז, קיין געברעננאַלן דאַרפט איר גאָרניט?"

גייט דאָרטן איצט אַרום אַ ייד אַ שרייבער וואָס גיט אויס דעם לעצטן גראָשן כדי צו באַווייזן אַז מען דאַרף אויך האָבן געבערנאַלן.

זייער קאָמיש איז די לאַגע פון דעם אַרויסגעבער וועלכער גיט אַרויס אויף זיין חשבון אַ זעקס חדשימדיקן זשורנאַל און וויל גראָדע גאָרניט פון קיינעם: ער צאָלט נאָך צו עסן און טרינקען. אבי קומט. קומט מען טאַקע: מען עסט זיך גוט אָן, מען האַלט פיינע רעדעס: מען שרייבט צו שיינע בריוו וועלכע מען דרוקט אָפּ. דער סוף איז אַז מען באַרעדט דעם אַרויסגעבער אַזוי לאַנג, ביז דאָס בלעטל מאַכט זיך צו און גייט לאַדט מיך.

אין דער איצטיקער צייט פון מיין רייזע איז אין לאַס אַנגעלעס שוין שאַ, שטיל. די איינציקע יידישע צייטונג וואָס דערשיינט יאָ איז אויף ענגליש, „די קאַליפאָרניער שטימע", — איז באמת געווען אַ פּאַרדינסטפולע צייטונג פאַר דער שטאָט. איז ווידער די אייגענע מעשה, — מען וויל אַלץ פאַר גאָרניט און צו דעם מאַכט מען פופקע פון דעם רעדאַקטאָר. וואָס טוט ער? ער טוט שוין גאָר פיין. ניטאָ מער יענע יידישע צייטונג מיט יידישע שרייבער. עס איז דאָ די צייטונג אין ענגליש, דעם אָפּיס איז נישט צו דערקענען, — אויסגעפוצט! אַן אמתער פּאַלאַץ! אַלץ איז איבערגעביטן. אַ טייערער יונגערמאַן באַגעגנט האַרציק דעם גאַסט, דער־

ציילט אים אַז די צייטונג בליט ווי מאַראַנצן. „ווער דאַרף ידיש?" — שמייכלט ער. יידן ווילן דערטרינקען יידיש אין אַ לעפל וואַסער. מיר כאַפּן אָפּ דעם אָטעם. "אָט, זעט אונדזער צייטונג!" יאָ, איך זע אַז עס איז ריכטיק ווי גאָלד. יידן ווילן אַלץ פריי.

איך וויל ניט אונטערשעצן זייערע נדבות פאַר וואוילטעטיקע צוועקן. קומט אָבער צו אַ צייטונג אָדער אַ בוך ווילן זיי ניט הערן און געדענקען. זיי לייענען שוין ענגליש און לאָזט זיי אָפּ!

אָטאָדי לאַגע האָב איך געפונען אויף מיין רייזע אין קאַליפאָרניע, לאָס אַנגעלעס, סאַן דיעגאָ, טוסאָן, אַריזאָנאַ, פיניקס אריזאנא, לעיק על־סינאָר, סאַן פראַנציסקאָ, — אומעטום איז דאָ אַן ענגליש־יידישע צייטונג וועלכע גיט אירע יידן יידיש אין דער ענגלישער שפּראַך. איי אַ סך יידן קאָנען ניט לייענען קיין ענגליש, — איך מיין די יידן פון אַלטן דור, נו, מאַכט ניט אויס, וויפיל יאָר וועלן זיי נאָך לעבן? אַ קאָמיש־טרויעריקע לאַגע, נאָר פאַרצווייפלט דאַרף מען ניט ווערן.

עס איז מיט אונדזערע יידן ווי ביי שלום עליכמען מיט די צוויי אַנטיסעמיטן וואָס האַלטן זיך פאַר גויים און לייענען דעם „קיעוולינאַנין". מיטאַמאָל לאָזט איינער אַרויס אַ ניגון אויף יידיש און דער צווייטער אַנטיסעמיט האַלט אים אונטער אוןביידע צעלאַכן זיך האַרציק און פון אַלע גליקן איז זיך ניטאָ אויף וואָס צו באַקלאָגן. יידן האָבן זיך איינגעפונדעוועט, קינדער חתונה געמאַכט, זיך פאַרצווייגט מיט אַלעם גוטן און זאָל זיי וואויל באַקומען. איי די נשמה האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט... ווער ווייסט גאָר צי אין דער איצטיקער צייט דאַרף מען די נשמה? די וואָס האָבן נשמות ווערן גאָר געריררט פון די געדאַנקען. דאָקטוירים הייסן ניט טראַכטן. לעבט רואיק און טראַכט ווייניקער. און וואָס עס טוט זיך אין האַרצן, — דאָס קען מען שוין מסתם קיינמאָל ניט מאַכן גאַנץ.

אָט אַזוי זע איך דאָס יידישע לעבן און זאָג צו אייך, טייערע יידן, זאָל נאָר דער חושך פאַרשווינדן און זאָל מדינת ישראל אונדז ברענגען די ליכט אין וועלכער דער ייד נויטיקט זיך און איך זאָג אַ דאַנק צו מיין וואַנדערלוסט און צו מיין איינזאַמקייט וואָס טרייבט מיך פון מיין היים אַרויס און איך קען באַשרייבן מיינע זעענישן; באַשרייבן די גרויס פון ים: אַ דאַנק גאָט פאַר מיין לעבן וואָס איך אָטעם אַריין די געזאַלצענע לופט און גאָט גיט מיר כחות צו וואַנדערן און איינזאַפּן אין זיך אַלע שטיל־

קייטן, אַלע שיינקייטן און קענען פאַרצייכענען מיינע באַגעגענישן און געשטאַלטן וואָס מיינע לעזער וועלן באַגעגענען אין מיין בוך.

און מיר וועלן איצט איבערגיין צו אַ ניי ווינקעלע וואָס פאַרמאָגט אַ סך איראָפּיאישן חן און טראָגט דעם נאָמען קאַנאַדע, — טאָראָנטאָ, מאָנט־רעאַל און וויניפּעג. די אַלע שטעט האָב איך באַזוכט און וועל באַשרייבן פון זייער יידישן שטייגער לעבן און אַזוי אַרום דערגאַנצן מיינע רייזע איינדריקע.

וויניפּעג, קאַנאַדע

די יידן אין קאַנאַדע האָבן מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים דעם יידישן שטייגער לעבן. בעסער געזאָגט, זיך איבערגעפלאַנצט אין דעם נייעם לאַנד אויף דעם אַלטן שטייגער.

קומענדיק אַהער נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָבן זיך די יידישע אימיגראַנטן געשטעלט פאַר זייער ציל, אַז ניט נאָר דאַרף מען אויפהאַלטן דעם גוף, נאָר אויך די נשמה.

אַזוי אַרום האָבן זיי גענומען בויען זייער יידישע טראַדיציע. גע־בראַכט מיט זיך קליינע קינדער, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ קינדער שול. איז, פּונקט ווי עס איז געווען נויטיק אַ היים פאַר דער פאַמיליע, אַזוי איז געווען שטאַרק דער פאַרלאַנג צו בויען אַ קינדער שול.

איך רעד פון די מאָדערנע, וועלטלעכע שולן.

איך האָב באַזוכט טאָראָנטאָ, מאָנטרעאָל און איצט וויניפּעג. וואַנ־קאָוווער האָט אויך אַ יידישן לעבן אָבער אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב.

אין די דאָזיקע שטעט פון קאַנאַדע האָבן די יידן געבראַכט מיט זיך די אָפּפערוויליקייט פון אונדזערע עלטערן, צו לערנען קינדער, ניט צו לאָזן זיי אויף הפקר.

זיינען די גאַסן דאָרטן געוואָרן געהייליקט ווי אַמאָל ביי אונדז אין דער אַלטער היים. קדושה האָבן מיט זיך די יידישע איינוואַנדערער מיט־געבראַכט און מיט ווירדע ווערן די קאַנאַדער יידן באַגריסט פון די אַמע־ריקאַנער יידן, פאַר זייער וואונדערלעכן צוגאַנג צו אונדזער שטאַם.

43 יאָר זיינען שוין אַלט די וויניפּעגער קינדער שולן: די י. ל. פּרץ פאָלק־שולן און די שלום עליכם שולן. דאָס יידיש לשון קלינגט אַזוי שיין, ווייל די קינדער פון אונדזערע אימיגראַנטן האָבן שוין איצט קינדס־קינדער וועלכע באַזוכן די שולן און רעדן יידיש.

איך האָב באַזוכט דעם בנין; בייגעוואוינט די קלאַסן. דאָס אויג קאָן זיך זאַט ניט אָנקוקן אָן די שיינע קינדער וועלכע קריגן דאָ זייער דער־ציאונג אָנהייבנדיק פון צוויי יאָר אָן.

מאָנטרעאל גרויסט זיך מיט איר וואונדערלעכער ביבליאָטעק, וועלכע איז ריכטיק דער שטאָלץ פון אונדזער יידנטום. אַהער האָבן יידן געבראַכט דעם איירעפּייאישן חן.

טאָראָנטאָ איז נעענטער צו די שטאָטן; מאָנטרעאל איז נעענטער צו פּאַריז און וויניפּעג צו ווילנע. ווי האָט דער ווילנער גאון געזאָגט, וויל נאָר, און די וויניפּעגער יידן ווילן געבן. זייער באַציאונג, סיי צו זיך און סיי צום גאַסט איז וואונדערלעך.

בא אונדז אין אַמעריקע, אין דער רייכער אַמעריקע, וואָס האָבן מיר דאָ דערגרייכט אויף דעם געביט?

אודאי קאָנען מיר ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם גרויסן בנין פון יידישער דערציאונג, אָבער מיר דאַרפן זיך שעמען ווען מיר ווילן פאַרגלייכן די י. ל. פּרץ פאָלק־שול פון וויניפּעג אָדער די שלום עליכם שול פון וויניפּעג צו די שולן וואו אונדזערע קינדער לערנען אין אַמעריקע.

די קינדער שולן פון וויניפּעג האָבן זייער גלייכן נאָר אין מעקסיקאָ סיטי, אָבער דאָרטן פעלט דער יידישער חן וואָס דאָס קינד אין וויניפּעג פאַרמאָגט.

די דערציאונג איז אַנדערש דערמיט וואָס מען רעדט דאָ יידיש. און יידיש רעדן די קינדער אין זייערע היימען, אין די קלאַסן און אויך אין גאַס.

די י. ל. פּרץ פאָלק־שול איז אַ מוסטער שול אויף יעדן געביט. רעד איך פון דער י. ל. פּרץ שול, מוז מען שוין אויך רעדן פון דער שלום עליכם פאָלק־שול.

די לערער זיינען דערציערס. עס איז אַ פרייד בייצוואוינען ווי מען לערנט אין די קלאַסן. די י. ל. פּרץ פאָלק־שול ציילט 600 קינדער, אַריינ־גערעכנט דעם קינדערגאַרטן. די קינדערלעך, פון צוויי יאָר אָן, ברענגען די מאַמעס אין צוויי „שיפטן" אין דער פרי און בייטאָג. מען לערנט די קינדערלעך געזאַנג און מאַלעריי. און דאָס אַלץ זאַפּן אין זיך אַריין די קינדערלעך פון דער צייט ווען זיי ווערן צוויי יאָר אַלט. איז עס אַ וואונדער וואָס דאָס יידיש לשון קלינגט אַזוי שיין אין די אויערן וואָס מ'הערט טאָג־טעגלעך בא אונדז.

אין די שטאָטן זאָגט מען, מיר גייען אונטער, מיר זיינען די לעצטע פון אונדזער דור, און נאָך טרויעריקע בלעטלעך וואָס מיר לייענען טאָג־איין־טאָג־אויס אין דער יידישער פּרעסע.

אָבער ניט אין וויניפּעג! דאָ איז דער באָדן אויסגעאַקערט און מיט שטאָלץ באַמערקט דער פּרינסיפּאַל פּ. הערשטיין: מיר בויען איצט נאָך אַ שולע, מיר מוזן האָבן מער רוים. דאָס זעלבע האָב איך געהערט פון דעם באַקאַנטן פּעדאַגאָג פרײַנט זאָלף. אגב איז ער אַ באַגאַבטער שרײַבער און לערנט מיט די קינדער ליטעראַטור אין פאָרעם פון די גריכן און אַזוי ווערן זיי באַקאַנט מיט די קלאַסיקער.

איצט בין איך אין קלאַס וואו דער געזאַנג לערער בראָנשטיין זינגט מיט די קינדערלעך און עס צעגייט אַ זיסקייט אין אַלע גלידער.

אין די קלאַסן לערנט מען מיט די קינדער אויך ענגליש דאָס זײַנען פּאַקטיש טאָג־שולן, אַזוי אַז דאָס יידישע קינד האָט איין שולע, וואו עס קריגט זיין דערציאונג פון 2 יאָר אָן ביז עס גייט אַריין אין היי־סקול און נאָכדעם אין אוניווערזיטעט.

די יידישע מאַמע איז שטאַרק פאַרנומען מיט קינדער דערציאונג. מען דאַרף אויסהאַלטן די שולעס און בילדן דעם יונגן דור. אויך זיינען די יידישע פרויען פאַרנומען אין די לייען קרייזן. די לייען קרייזן זיינען אַ וועלט פאַר זיך. אַחוץ וואָס זיי לייענען און שטודירן ליטעראַטור, העלפן זיי דעם שרייבער און נעמען אויף דעם גאַסט־שרייבער מיט כבוד.

וויניפּעג פאַרמאָגט אַ וועכענטלעכע צייטונג „דאָס אידישע וואָרט”. פריינט נ. וויטמאַן איז איצט דער פאַרוואַלטער און פריינט מ. זעלטשען דער רעדאַקטאָר. דער גאַנצער סטעף איז זייער פריינטלעך צום גאַסט וועלכער קומט באַזוכן די רעדאַקציע. צו מיר זיינען זיי געווען פריינטלעך אָבער מיט געמישטע געפילן. פאַרוואָס טו איך עס? בלויז קומען קיין וויניפּעג צו זען און ווי יידן לעבן און זיי באַשרייבן?

יאָ, טייערע פריינד, אַזוי האָב איך געפילט אַז איר וואונדערט זיך. אָבער זאָל איך פרייען, ניט וואונדערן. יעדער וואָלט עס געדאַרפט טאָן און זיך איבערצייגן אַז מיר לעבן און וועלן לעבן. יידן, וואו זיי זיינען דאַרפן אַזוי זיך האַלטן ווי די יידן אין וויניפּעג, טאָראָנטאָ און אויך אין מאָנטרעאל.

רעדנדיק מיט ראָוז עלקין, מיט פאַניאַ טשערניאַק און מיט פיל אַנדערע חברות האָב איך דערפילט אַ גרויסע באַגייסטערונג פאַרן שעפערישן מענטשן וואָס הייבט אָן צווייפלען, פאַר וועמען? פאַר וועמען שרייבן?

אָבער ווען מען קומט צו אַ באַנקעט קיין וויניפּעג, וואָס מען מאַכט

פאַר אַ שרייבער אָדער אַ פירער, וואו עס טרעט אויף דאָס וואונדער קינד, הערשעלע פאַקס און אַנדערע, ווערט דאָס האַרץ דערפרייט. און בכלל, צוקוקנדיק זיך צו די פירנדע חברות ווי זיי זיינען איבערגעגעבן, ווילט זיך זאָגן צו אייך, זייט געבענטשט פאַר אייער גוטער אַרבעט. אַ דאַנק צו חבר נ. וויטמאַן פאַר העלפן מיר קומען צו אייך און קענען פאַרצייכענען מיינע איינדריקע.

ווען איך צייכן וויניפעג פיל איך געטריישאַפט צו דער שטאָט צו וועלכער איך האָב געגאַרט צו קומען און עטלעכע יאָר זיך דורכגעשריבן מיטן רעדאַקטאָר, וועלכער האָט מיך גראָד גערעאַטן, פאָלגט מיך און קומט ניט. זיך געווענדעט צו פריינט פ. סימקין: ער האָט געהייסן מיר ענטפערן דאָס זעלבע, מיר זיינען פאַרנומען. אָבער נ. וויטמאַן האָט מיר קיין גליקן ניט צוגעזאָגט: „אויב איר ווילט קומען — שרייבט ער — קומט געזונ־טערהייט".

אין אָנהייב מאַי, ווען אַלץ איז געווען אין שענסטן בלי, האָב איך אַ פאַרגאַפטע דערזען מיין אויסגעבענקטע שטאָט, וועלכע איך וועל שוין תמיד ליב האָבן, סיי פאַר איר גוטער לופט און אויך ליכטיקע מענטשן, וואָס ווילן בלויז געבן. זיי צו פאַרגלייכן מוז מען מיט גאָט, ווייל גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט. איז וואָס וויל דען גאָט? מיר זינדיקע מענטשן בעטן באַ אים ער זאָל אונדז געבן חן, ער זאָל אונדז געבן געזונט, פרנסה און נאָך גוטע זאַכן און מיר זאָגן אים פאַר אָט די אַלע גוטע זאַכן אַ האַרציקן דאַנק.

די יידן אין וויניפעג שטייען אויף דעם זעלבן מצב. די רייזענדע קומען קיין וויניפעג און ווילן זיך באַקענען מיט דעם יידן וואָס איז אין גאַנצן אַנדערש ווי אין די שטאָטן. דאָרטן אין די שטאָטן לויפט מען, מען פליט, קיין צייט איז ניטאָ, און דאָ אין וויניפעג איז דאָ צייט.

יעדער געשעפטסמאַן גייט אַהיים צו זיין פאַמיליע עסן זיין אָנבייסן, נאָכהער אָונט־ברויט; מען לויפט ניט און מען פליט ניט.

די שטאָט זעט אויס ווי אַ שיינער פאַרק: בלומען באַ יעדער יידיש הויז. אַחוץ וואָס די איינוואוינער זאָגן אַז ווינטער איז דאָ זייער קאַלט, אָבער אַזוי ווי איך בין דאָרטן געווען פרילינג איז מיר געווען אָנגענעם, איבערהויפּט ווען איך האָב געפונען מיינע לאַנדסלייט מיט וועלכע מיר זיינען געווען גוט פאַרהאַלטן אין דער אַלטער היים. מר. און מרס. ב.

עלקין מיט זייער ליבער פאַמיליע וועלכע האָבן צו מיר אַרויסגעוויזן גרויס פריינדשאַפט ניט נאָר מיט אויפנעמען מיך די עטלעכע וואָכן אין זייער באַקוועמער היים, נאָר אויך געשטיצט מיין איצטיקן בוך „גע־שטאַלטן" זאָל אייער אַלעמענס בייטראַג צו מיין אַרבעט ברענגען דער־פאָלג. דער קאָנסיל פון די לייען־קרייזן, די פרויען פיאָנערן, די לייען קרייזן האָבן אַרויסגעוויזן שוועסטערלעכע אויפמערקזאַמקייט.

אייערע נעמען, טייערע חברות, וועל איך ניט אויסרעכענען, צוליב דעם ווייל איך קאָן אַמאָל אויסלאָזן אַ נאָמען פאַר וועלכן איך וועל זיך פילן שולדיק. זאָלן אייערע נעמען ווערן פאַראייביקט אין גוטע מעשים, און ווער עס קומט צו אייך, נעמט אויף, ווייל עס איז אַ גרויסער כבוד ווען מען קלאַפט אָן אין אייער טיר. און אַז די דאָזיקע טיר עפנט זיך אויף ברייט און אַ האַרציקער שמייכל פאַרשפרייט זיך אויפן פנים, דע־מאָלט דערפילט דער שרייבער זיך דערהייבן. דעם דאָזיקן שמייכל האָב איך געזען אויפן פנים פון פ. סימקין און פיל אַנדערע.

איך נעם עס אַריין אין מיין האַרצן און פאַרצייכן מיט ליבע אייער האַרציקע באַציאונג.

וויניפּעג פאַרמאָגט גרויסע טאַלאַנטן. די הויפּט שוישפּילער זיינען: נ. וויטמאַן און זיין פרוי שרה. ביידע האָבן פאַרדינסטן אויפן געביט פון טעאַטער און מען מעג זאָגן אַז זיי גיבן גוטע פאַרשטעלונגען דער גאַנצער סטעף איז קינסטלעריש ביז גאָר. זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אַ פּרעכטיקע זינגערן וועלכע איז אַ פּראָדוקט פון דער יידישער קינדער שול.

איך וואָלט געקענט פיל שרייבן פון דעם וויניפּעגער יידישן שטייגער לעבן. אָבער זיי נויטיקן זיך ניט אין קיין לויבגעזאַנגען. זאָלן זיי זיין געזונט און אָנגיין מיט זייער ווירדיק לעבן און זייער וויכטיקער אַרבעט.

פאַר די דריי וואָכן וואָס איך האָב ביי די וויניפּעגער יידן פאַר־בראַכט, וויל איך זאָגן די פאָלגענדיקע ווערטער: „זייט געבענטשט. עס איז גוט צו צייכענען שיינקייטן".

און איצט וועלן מיר אַריבערגיין צו אייערע אוצרות וואָס די נאַטור האָט אייך באַשאָנקען מיט דער פולער מאָס.

זיך אָפּגעזעגנט מיט וויניפּעג האָבן מיך מיינע לאַנדסלייט די על־קינס, מיט זייער פאַמיליע, גענומען צום „דיפּאָ" און מיך אויפגעזעצט אויפן באַן, וואָס וועט מיך ברענגען קיין וואַנקאָווער. ווייל, פון וויניפּעג

בין איך געפאָרן דורך וואַנקוווער קיין לאָס אַנגעלעס.

די ערשטע נאַכט איז שנעל אַריבער און אַ ליכטיקער טאָג איז דער־שינען. די זון איז געווען הויך אין הימל און דער וואַגאָן איז געוואָרן אָנגעפילט מיט וואַרעמקייט.

מיין רייזע איז אַ לוקסוס רייזע. דער צוג איז דער בעסטער.

אין 1933 איז ער געווען אין דער וועלט־אויסשטעלונג: דער צוג פון גלאָז, זון, שטאָל און פייער; אַ פּרעכטיקער סאַלאָר פאַר די רייזנדע וואו דער הויך־רעדנער דערציילט די געשיכטע פון קאַנאַדע און פון אירע אוצרות וואָס זי פאַרמאָגט.

עס איז פרילינג ניט נאָר אין דרויסן נאָר אין אַלע אברים. דורך די פענצטער זעט מען די גרינע לאָנקעס וואו די פי פיטערן זיך. עסן די גרינע גראָז מיט גרויס אַפּעטיט.

דאָס זעלבע ווערט געטאָן אין דעם עס־צימער — בײַ ווייס־געדעקטע טישן ווערן שטיל באַדינט די געסט. וואונדערלעכע מוזיק שפּילט צום ריטם.

נאָכן פרישטיק גייען מיר אַרויף אין דעם וואַגאָן וועלכער איז באַ־גאָסן מיט ליכט־גלאָז: דער הימל געוועלב אַזוי בלוי: די פעטע פאַרזייטע פעלדער גלאַנצן מיט זייער זאַטקייט.

מיין חלום איז געווען צו זיין אין וויניפּעג און איך בין גליקלעך צו צייכענען גאָט'ס שיינקייטן וואָס מאַכן ניט זאַט דאָס אויג אויפצוכאַפּן אַלץ און קאָנען פאַרצייכענען.

אַ קליינער גרענעץ טיילט אָפּ אַמעריקע פון קאַנאַדע און דאָך זיינען זיי צוויי פאַרשידענע לענדער, אַחוץ וואָס דער ים איז דער זעלבער: די בערג אויך פון זעלבן גראַניט. זיי האָבן אָבער אַנדערע נעמען. מיר זיינען שכנים. אונזערע ברידער און שוועסטער פון קאַנאַדע זיינען דאַנקבאַר דער רעגירונג פאַר געבן זיי אַ באַקוועמע היים, אַ רואיקע היים און פון צייט צו צייט קומען מיר צו גאַסט איינער צום צווייטן.

פון קאַלגאַרי ביז וואַנקאַווער אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדזערע אויגן נייע האָריזאָנטן. די בערג — שוואַרצע בערג, גרינע בערג. אויפן העכסטן באַרג שטייט דער גרעסטער שפּיטאָל פאַר שווינדזיכטיקע. וועגן שפּיטאָל דאַרף מען שרייבן באַזונדער. דאָרטן ווערן אויף דעם געביט באַוויזן וואונדער. דער לעיק ציט זיך פאַר מיילן און דאָס אויג קען זיך ניט

זעטיקן מיט די שטראַלן וועלכע ליכטיקן זיך אויף ווייטע שטרעקעס.

דער צוג שניידט זיך אַריין אין נייע לאַבערינטן, ער גליטשט זיך פּאַמעלעך און אונדזער טוריסטן „גייד" דערציילט די געשיכטע פון קאַנאַדע. דער הימל־געוועלב איז בלויער פון בלוי. דערצו זייַנען דאָ די גרויע וואַלקנס וואָס פורעמען אויס גאַנצע שבטים געשטאַלטן.

און אָט זייַנען מיר ביים בלויען ים. דער צוג לויפט באַ די ברעגן. אַ קיל ווינטעלע פרישט אָפּ. פון ים גיסן זיך שטראַלן און פאַלן ווי קילע טראָפּנס אויף די רייזענדע וואָס גאַפן פון דער דאָזיקער שיינקייט און באַוואונדערן די נאַטור וואָס איז פאַר אַלעמען אָפן און פריי.

פרילינג, די שענסטע צייט פון מעשה בראשית. פון אָנהייב האָט שוין גאָט אַזוי געמאַכט: אָפּגעטיילט זאָל ווערן די ערד פון וואַסער, הימל, ערד און וואַסער, פייער און זון באַלויכטונג. אַ שאָד וואָס איך האָב ניט קיין „מואווי" אַפּאַראַט, אָבער שוין פאַר מיר איז עס געוואָרן באַזאָרגט. די אַרטיסטן האָבן די בילדער שוין געמאָלן און זיי פאַרוואונדערן דאָס אויג. אָבער ווער עס זעט עס, ווי עס לעבט פריי מיט דער נאַטור, ווערט פאַרגאַפט.

מיר פאָרן פאַרביי די מאַונטענס. אינדיאַנער וואוינען נאָך אין די בערג און גיבן ניט אויף די היילן אין וועלכע זיי געפינען זיך. גרויסע אוצרות פאַרמאָגט קאַנאַדע.

ווען מען זעט דאָס אַלץ ווערט קלאָר פאַר וואָס מען האָט זיך אַזוי פיל געשלאָגן מיט די אינדיאַנער און זיי בייגעקומען.

די בערג לייכטן פון ווייטנס מיט ווייסן שניי. דער שניי אויף די בערג צעגייט ניט. דאָרטן איז דער אייביקער סוד פון באַשאַפן די וועלט און ניט צוקומען נאָענט. אָבער דער מענטש איז אַן עקשן, גייט ער דאָרטן יאָ און געניגט פון די באַרג גייער האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס.

אָט לויפט דער צוג אַריין אין לעצטן טונעל. עס דויערט 30 מינוט און ווידער דערשיינען די בערג. פון זיי שטראָמען לויטערע קוואַלן. האַרט ביים וועג זייַנען די פאַרזייטע פעלדער. ווייטער אַביסל זעט מען שוואַרצע פערד מיט געלע פּליאַמעס; ווייסע צייכענונגען ווי אַ מאַלער וואָלט זיי געמאָלן; גרויסע קי מיט זייערע קעלבלעך פון ווינטער, צופּן די גראָז. איר פאַרגעסט אויפן מאָמענט אַז איר זייט אויפן צוג, נאָר אין דער אַלטער

היים, אויפן וועג צום דאָרף וואו עס פיטערן זיך גאָט׳ס באַשעפעניש.

נאָענט צו די הויכע בערג שטייען וואונדערליכע שטיבעלעך פאַר די דאַטשניקעס. אַלץ איז ווי אַמעריקע. אָבער דער גרענעץ זאָגט אַן אַז קאַנאַדע איז אַ לאַנד פאַר זיך אַליין.

דער „גייד״ וואָס רעדט אין „הויך־רעדנער״ רייסט איבער מיינע טראַכטונגען ווען ער דערציילט אונדז פון די דריי בערג וועלכע רופן זיך די דריי שוועסטער. די דריי שוועסטער קוקן מיט זייערע הויכע שפיצן צום בלויען הימל.

אָט אַזוי האָט גאָט פאַרגליווערט די דריי בערג און די בערג מענטשן האָבן זיי געמאַכט פאַר אַ דריילינג און רופן זיי די דריי שוועסטער.

דער חודש איז יוני און אויף די בערג ליגט דער שניי ווי אין שבט. איצט איז שוין בין השמשות: די לעצטע שטראַלן טיקן זיך אין גלאַנציקן ריווער, די שלאַנקע סאָסנעס שאָקלען זיך שמונה־עשרה.

פאַמעלעך פאַרגייט די זון. דער לעיק איז איצט גרין. נאָך אַלץ שפילט די מוזיק: אַלץ איז איינגעוויקלט אין שטילער רו. די נאַכט איז צוגעפאַלן. מאָרגן, פון 9 ביז 10 קומען מיר אַריין אין וואַנקאָווער.

וואַנקאָווער און וואַשינגטאָן, פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן און סאַן פראַנציסקאָ

— אַלץ איז שוין געווען ניט קיין נייעס אונטער דער זון. אוראַלטע סאָס־נאָווע וועלדער ווי אויך נאָדעלביימער, וועלדער וועלכע וואַקסן אַזוי הויך ווי די ריזיקע בערג מיט שניי אין זומער. עס צויבערט אַזאַ שיינקייט.

ווען מיר פאָרן אַריין אין וואַנקאָווער דערזעען מיר דעם ים וואָס גרענעצט זיך מיטן גאָלף אף דזשאָרזי. דער דאָזיקער גאָלף אף דזשאָרזי ציט זיך ביז סאַן פראַנציסקאָ און ברענגט אונדז קיין סעאַטעל, וואַשינג־טאָן און נאָכהער קיין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן.

ערשט דאָ דערעזט מען ווי מען כאַפּט פיש, „טונאַ־פיש״, סאַר־דינען און אַנדערע פישלעך וועלכע מיר פאַרזוכן מיט גרויסן אַפּעטיט.

אין וואַנקאָווער ווערן מיר אויסגעפרעגט פון דער אַמעריקאַנער וואַך וואָס מ׳פירט, וואָס מיר האָבן געטאָן אין קאַנאַדע, א. א. וו. ניטאָ קיין סך מיך צו פרעגן: איך בין צופרידן וואָס איך זיץ שוין אין צוג און אין אַ שעה שפּעטער זיינען מיר אין אַמעריקע און זיינען פריי. די פריהייט איז אַ גרויסע זאַך. מיר באַטראַכטן איצט אונדזער לאַנד מיט אַ באַזונדער

ליבע. פּאָרט פילן מיר זיך דאָ אַנדערש. דאָ איז מיין היים און אַזוי ווי מיין באַגייסטערונג איז גרויס פאַרן גאָלף און דזשארזי, צייכן איך אים און וויל זאָגן אַז די געשעפּטלעכע אפּטיילונג איז ווי אין סאַן פראַנציסקאָ: אויך דאָ איז דער ים עקספּלואַטירט פון באַלעבאַטים מיט אַרבעטער. די אַרבעטער וואוינען אין קליינע שטיבלעך.

סעאַטעל וואשינגטאָן און פּאָרטלענד, אָרעגאָן זיינען גרויסע פיש אינ־דוסטריעס און פארן רייזענדען איז עס אַ לערע און וויסן.

ווען מיר עסן פארשיידענע פיש זאָלן מיר וויסן אין וועלכן ים זיי שווימען.

וואַשינגטאָן

עס ווערט דערציילט, אַז ווען גאָט האָט אויסדערוויילט משה רבנו׳ן ער זאָל איבערגעבן די עשרת הדברות צו די יידן, האָט ער זיך באַוויזן נים גראַדע אויפן העכסטן באַרג. גאָט האָט ניט געוואָלט מאַכן קיין מחלוקות צווישן די הויכע בערג. צו וואָס זאָל יעדער באַרג זיך קלאָגן, „זע, מיך האָט מען פאַרשעמט?" און, כדי עס זאָל זיין שלום, האָט גאָט געגעבן אַ וואונק צו משה׳ן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן ביים קלענסטן בערגל און דאָרטן, ביי דעם קליינעם בערגל וואו עס זיינען געוואַקסן בושעס און אַנדערע גע־וויקסן, האָט אַ פייערדיקער זייל געגעבן אַ פלאַקער — גאָט׳ס געשטאַלט האָט זיך באַוויזן דורך פייער, און גערעדט צו זיין אויסדערוויילטן משה רבינו און אים געהייסן ריידן צו די יידן און זיי איבערגעבן די צען געבאָט.

דאָס קלענסטע בערגל איז געוואָרן דער סימבאָל פון העכסטן באַרג.

אַזוי כמעט איז געשען מיט דער הויפּט שטאָט פון דער רעגירונג אין אַמעריקע. אינם יאָר 1790 איז באַשלאָסן געוואָרן צו בויען אַ הויפּט־שטאָט וואָס זאָל זיך געפינען טיפער אין לאַנד (דאַמאָלסט זיינען נאָר געווען 13 שטאַטן), כדי עס זאָל ניט זיין קיין קנאה. און אַזוי ווי די איצ־טיקע וואַשינגטאָן איז געווען אַ גרויסער שטח לאַנד, האָבן זיך אַלע גע־אייניקט צו בויען דאָ די רעגירונג־שטאָט און די שטאָט קרוינען מיטן נאָמען פון ערשטן פּרעזידענט — דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. זיי האָבן זיך געטריי גענומען צו דער אַרבעט און אויפגעבויט אַ שטאָט וואָס איר אָרי־גינעלער חן איז אומבאַשרייבלעך.

אין וואַשינגטאָן האָב איך פאַרבראַכט ביי מיינע לאַנדסלייט, מר. און מרס. סעם העריסאָן, גוטע, ליבטיקע יידן, און פּראָמינענט אין דער גע־מיינדע. זיי האָבן שוין דאָרטן צוויי דורות דערלעבט און זיינען נאָך גאָר יונגע מענטשן.

צוליב מיינע באַקוועמלעכקייטן האָבן זיי מיך איינגעקוואַרטירט אין האָטעל 24. טאַקע אויף דער גאַס וואוינען מיינע לאַנדסלייט. זיי האָבן מיך אָנגעהויבן אַרומפירן באַוויזן די באַרימטע שטאָט וואַשינגטאָן, וואָס אַלע

פון דער גאַנצער וועלט באַוואונדערן איר חן און קומען זי באַזוכן. פאַרמעלעך מוז מען גיין, ניט לויפן, ווייל קיינער לויפט דאָ ניט. דאָ איז שאַ, שטיל. אַלע געביידעס געפינען זיך ווי אין אַ קנופּ אויף איין טעריטאָריע. די „ווייסע־הויז" ווייזט זיך פאַר אונדזערע אויגן: אָבער די גרויסע געביידעס נעמען אייערע אויגן אַוועק. אַלץ איז געבויט לויטן גריכישן סטיל, די קעפּיטאָל געביידע, די לייברערי אָוו קאָנגרעס, די געביידע וואו מען שמעלצט דאָס געלט און פיל אַנדערע געביידעס וואָס איר מוזט נאָכאַמאָל זען. די קעפּיטאָל געביידע — איר מוזט זיך פאַרקוקן און טאַקע בלייבן שטיין און פאַרגעסן די צייט, און דערנאָך אַריינגיין אינווייניק.

עס איז אַ קונסט־טעמפּל אין פולן זין פון וואָרט: מען דאַרף בלויז האָבן כח און גיין באַטראַכטן די וואונדערלעכע סטאַטועס פון אַלע גרויסע מענטשן וואָס די גרעסטע קינסטלער האָבן פאַראייביקט. זיי שטייען ווי לעבעדיקע זיילן אין פאַרשידענע פּאָזעס — און מענטשן וואָס האָבן מעגלעכקייטן קומען באַוואונדערן דעם חן וואָס גאָט גיט און מיר נעמען אָן דעם געשאַנק מיט טיפער ליבע.

די לייברערי אָוו קאָנגרעס?

מיין פּען איז שוואַך איבערצוגעבן וואָס דאָס אויג קאָן זען. מיר גייען פאַרביי אין רייען: עס ווערט פון יעדען באַזונדער געלייענט די קאָנסטיטוציע פון אַמעריקאַנער פרייהייט.

שטיל גייען מיר פאַרביי אויך אַנדערע טעמפּלען וואו אַלץ דערציילט דעם אַמעריקאַנעם בירגער די פרייהייט און שיינקייט וואָס ווערט אים פאַרזיכערט אויף אייביק ווייל אַנדערע האָבן שוין זייער בלוט דערפאַר פאַרגאָסן.

איך נעם זיך ניט אונטער שרייבן געשיכטע, בלויז מיינע באַאָבאַכטונגען און איך וועל זיי איבערגעבן צו מיינע מיטמענטשן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז געווען וואָס אין וואַשינגטאָן שטימט מען ניט פאַר קיין פּרעזידענט. די בירגער פון דער מלוכה־שטאָט זיינען פריי פון יעדער סאָרט פּאָליטיק. אַ באַזונדער פאַרגעניגן איז עס פאַר אונדזערע יידן וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין וואַשינגטאָן מיט געניוע 50 יאָר צוריק. אַזוי דערציילט מיר מיין לאַנדסמאַן, מר. העריסאָן. זיינער אַ פעטער האָט אים אַרויסגענומען מיט זיין פרוי און ער איז שוין דאָ אַרום 40 יאָר: געקומען קיין וואַשינגטאָן מיט זיין פרוי נאָך גאָר יונגע מענטשן און גאָט

צו דאַנקען, זיי האָבן צו קאָלאָמבוסן גאָרניט דערלייגט, אויפגעבראַכט אַ דור וואָס זיינען אַ שטאָלץ פאַר טאַטע־מאַמע.

דאָס יידישע לעבן איז דאָ ניט רוישיק ווייל קיין צופיל יידן זיינען דאָ ניט פאַראַן, אָבער די פאַמיליעס האַלטן זיך געטריי איינער צום צווייטן. עס איז זיי גוט וואָס קיין שום פאָליטישע פאַרטיי קען ניט האָבן די אוי־בערהאַנט איבער דער באַפעלקערונג. שאַ, שטיל לעבט זיך דער יידישער אָרעמער אַרבעטער: אויך אַזוי שטיל לעבט דער גביר.

„איר זעט אונדזער וואַשינגטאָן — קוועלט אָן מר. העריסאָן — זעט נאָר גאַסן, זעט די פאַרקן, זעט דעם הימל! איז ער דאָ ניט שענער ווי אַפילו אין קאַליפאָרניע?" איך בין מסכים.

איבערהויפט איז דאָ טאַקע זייער שטיל אין די גאַסן ווייל די טראַמ־וויעס זיינען ניט אויף רעלסן וואָס רוישן. די אויבערשטע דראָטן ליגן אונטער דער ערד. אַלץ איז באַוואָרנט פון גערויש. די גאַסן אַליין זעען אויס ווי וואונדערלעכע בלומען־גערטנער באַשאָטנט פון געדיכטע בוי־מער פון ביידע זייטן די שטאָט גאָרטנס און אַנדערע גרויסאַרטיקע פאַר־ווײַלונג־פּלעצער, זיינען באמת אַנדערש ווי אין אַנדערע שטעט. די רעס־טאָראַנען אויפן אָריענטאַלישן שטייגער, טונקל באַלויכטן און די באַ־דינונג פאָרטרעפלעך אָריגינעל.

דאָס יידיש לעבן אין שיקאַגע

עס ווערט געזאָגט, אַז יעדע שטאָט וואו יידן וואוינען האָט איר אייגן יידיש פּנים. זיינען דאָך יידן אַן עם הספר, און ווען עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גזירה אומצובריינגען אונדזער פֿאָלק, האָבן יידן געלאָזן פֿאַר זיך יבנה, אַבי זיי זאָלן קענען לערנען תורה. די ליבשאַפֿט צו גאָט און צום ספר האָבן געשטאַרקט זייער גייסט. דאָס יידישע פּנים פֿון אַ יידישער שטאָט דריקט זיך אויס דורך דער תורה — דורך דעם ספר און בוך.

מיר, אַמעריקאַנער יידן, האָבן געפּייערט דריי הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע. קיין חידוש ניט וואָס אין כמעט אַלע יידישע ישובים מאַכט מען איצט אַ שטיקל חשבון פֿון אונדזער גייסטיקן פֿאַרמעגן. אויך ביי אונדז אין שיקאַגע דאַרף מען מאַכן אַזאַ חשבון. איך וויל אָבער מאַכן בלויז אַ פֿאַרזוך פֿאַר אַ חשבון, ניט קיין פֿולן חשבון.

די גרויסע יידישע אימיגראַציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1880, האָט געבראַכט צענדליקע טויזנטער יידן צו די ברעגן פֿון אַמעריקע, און די מערהייט פֿון די אימיגראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין נויאָרק. אין די שטעט טיפֿער אין לאַנד זיינען אָנגעקומען גרעסערע מאַסן שפּעטער. און די וואָס זיינען געקומען אין אַזעלכע שטעט ווי שיקאַגע, האָבן קיין גרויסן קולטורעלן באַגאַזש ניט מיטגעפֿירט. די מערסטע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין מעקסוועל־האַלסטעד געגנט. שפּעטער איז אויסגעוואַקסן דער געדיכט־באַפֿעלקערטער לאָנדעיל געגנט.

דער לאָנדעיל געגנט האָט געהאַט די גרעסטע בתי מדרשים; וויכטיקע אינסטיטוציעס זיינען דאָ אויסגעוואַקסן; אַן אַ שיעור אָרגאַניזאַציעס האָבן פֿון דאָרטן אָנגעפֿירט זייערע טעטיקייטן. דאָס איז געווען אַ געגנט וואָס איז מיט רעכט באַצייכנט געוואָרן ווי דאָס הארץ פֿון דער יידישער שיקאַגע.

אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אַ קללה אויף דעם לאָונדעיל געגנט. ווי ציגיינער לויפֿן יידן פֿון איין געגנט צום אַנדערן — זיי אַנטלויפֿן פֿון דער וועסט סייד. אַלעס וואָס יידן האָבן דאָ אויפֿגעבויט

במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט, ווערט פאַרלאָזן. שולן, תּלמוד תּורה׳ס, צענטערס, אינסטיטוציעס — ממש אַ בהלה.

ווייזט אויס, אַז שיקאַגער באָדן איז פון אָנהויב געווען אַ זאַמדיקער, און אַזוי גיך ווי דאָס קלענסטע ווינטל האָט געגעבן אַ בלאָז אין די ערשטע שוואַרצע האָבן זיך באַוויזן, האָבן ייִדן גענומען אַנטלויפן. קיין צובונד צו זייער געגנט האָבן זיי לגמרי ניט אַרויסגעוויזן.

איניקע פאַקטן ברענגען בולט אַרויס דעם טרויעריקן מצב:

מיר האָבן ניט אין שיקאַגע קיין לאָקאַלע ייִדישע צייטונג, קיין ייִדיש טעאַטער. עס איז דאָ אַמאָל אַרויסגעגאַנגען דער „פאָרווערטס״ און דער „ייִדישער קוריער״. דער „פאָרווערטס״ ווערט איצט אַריינגעשיקט פון ניו־יאָרק און דער „קוריער״ איז מער ניטאָ. אַפילו ווען אַ ייִד וויל אַריינגעבן אַ מעלדונג וועגן אַ טויטן־פאַל, גיט ער עס אין די ענגלישע צייטונגען.

עס איז דאָ געוואָרן הפקר דאָס ייִדישע וואָרט, ניטאָ מער קיין צייט צו לייענען. געפינט זיך אָבער פאָרט אין שיקאַגע אַ ייִד אַ גרויסער עקשן און ער גיט אַרויס „אונזער וועג״ טאַקע מיט גרויס עקשנות. געווען די ערשטע יאָרן גאָר אַ פיינע חודש שריפט, האָט מען עס געמוזט פאַרקלענערן. דעם ייִדישן לייענער אַרט עס ווי אַן אַרבעס אין דער וואַנט. ווי קליין „אונזער וועג״ דערשיינט, פאַרמאָגט עס אָפט גוטן מאַטעריאַל. אָבער ווי ווערט געזאָגט: פון איין שוואַלב ווערט ניט קיין זומער. און ווי דער רעדאַקטאָר פון „אונזער וועג״ זאָל זיך ניט אָנשטרענגען, מוז ער פאָרט האָבן הילף — אָן הילף איז שווער אָנצופירן די אַרבעט.

וועט זיך געפינען אין שיקאַגע אַפילו איין פאַרמעגלעכער ייִד און זאָגן: מיר מוזן האָבן אַ ייִדישע צייטונג! ניין, ער וועט ניט זאָגן, פּשוט דערפאַר ווייל ייִדן זיינען אַזוי פאַריאָגט אַז זיי לייענען ניט מער קיין ביכער אָדער צייטונגען. אַפילו ווען זיי האָבן צייט, האָבן זיי בילכערע זאַכן, ווי ראַדיאָ, טעלעוויזיע, „מואוויס״.

די דאָזיקע פּראָגראַמען זיינען אָבער ניט קיין ייִדישע; דאָס ייִדישע לעבן שפּיגלט זיך אין ערגעץ ניט אָפּ. אונזערע פיר הונדערט טויזנט ייִדן אין שיקאַגע באַגייען זיך בכבוד גדול אָן אַ ייִדישע צייטונג, און אַפילו אָן אַ ייִדיש בוך.

מיר פאַרמאָגן אַ גרויסן אויסוואַל פון ייִדישע ביכער אין דער היגער

גרויסער שטאָטישער ביבליאָטעק. אין אַלע אָפּטיילונגען האָט מען שוין די יידישע ביכער אַרויסגענומען: ניטאָ פאַר זיי קיין נאָכפראַגע. אויך אין דער הויפּט ביבליאָטעק האָט מען שוין די יידישע ביכער אַראָפּגערוקט זייער טיף. זיי פאַרנעמען אַן אומזיסט אָרט. זייער ווייניק נעמען אַרויס יידישע ביכער.

די געדיכט באַפעלקערטע וועסט סייד איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר. יידן זיינען אַוועקגעלאָפן אין די ווייטע געגנטן. געלט איז פאַראַן, האָבן זיי פאַרקויפט זייערע וואוינונגען און איבערגעלאָזט די שולן אויף הפקר. איז צו וואָס האָבן אַ טענה פאַרוואָס זיי לייענען ניט? פונקט ווי דער ציגיינער האָט ניט קיין שום צובונד, אַזוי האָבן יידן ניט פאַר־פלאַנצט אין זיך קיין שום ליבע צו זייער היים און שול, און אויך ניט אין זייערע קינדער. די שולן שטייען ווי יתומים, אָן השגחה און ווערן פאַר־נומען פון אַנדערע ראַסן. עס וויינט דאָס האַרץ צוזוען דעם מצב פון אונדזער יידישן ישוב אין שיקאַגע. די יאַנאָווער, די רוסישע און רומענישע שולן זיינען שוין געוואָרן אָדער וועלן ווערן קלויסטערס.

מיר קענען ניט פאַרקוקן דעם קאַלעדזש פאַר יידישע לימודים, דעם בית מדרש לתורה, די תלמוד תורה׳ס, אָדער די יידיש־וועלטלעכע שולן. דאָס איז אָבער אַזוי מיזערנע, אַז מיר זאָלן אונטערציען דעם סך־הכל וועלן מיר האָבן אפשר פינף טויזנט תלמידים און דאָס וועט זיין אַ סך.

שיקאַגע איז געבליבן אויפן יידישן געביט ווי אַ טויטע שטאָט. ניט פאַראַן אַפילו אַ מנהיג וואָס זאָל אויסדריקן דעם ווײ. דאָ און דאָרטן איז פאַראַן אַ ווינקעלע וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן: די יידישע לייען־קרייזן, וואו פרויען לייענען יידישע ביכער, קויפן אַמאָל אַ יידיש בוך, אָבער זעלטן אַז זיי זאָלן אַרונטערברייגגען אַ יידישן שרייבער פון אַן אַנדער שטאָט. עס קאָסט זאָגן זיי, צופיל געלט. מען גיט ניט דעם שרייבער קיין שום אינספּיראַציע. אַ טייל פון די לייען־קרייזן הייסן דעם יידישן שרייבער גיין „אַרבעטן”. און אויב עס געפינט זיך ביי אונז אין שטאָט איין לייען־קרייז אויפן נאָמען פון אַ גרויסן שרייבער און די פירערינס פאַרשטייען דעם ענין פון לייענען און אַרויסהעלפן אַ שרייבער, מאַכט מען דערפון אַ קליינעם וועזן.

יידישע פרויען וואָס זיינען שוין אין די עלטערע יאָרן ווילן בעסער שפּילן קאָרטן אײדער לייענען יידישע ביכער. דאָס יידיש בוך איז ווי אַן

עלנטער מענטש: עס זוכט אַ היים. לאָמיר האָפן אַז עס וועט אַמאָל געפינען אַ תיקון.

דעם הויפּט פאַרברעכן זיינען ידן באַגאַנגען קעגן זיך אַליין וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע וואַרעמע היימען, ידישע ליכטיקע היזער און שיינע שולן. געקומען זיינען זיי אין די גוישע געגנטן, וואו מען וויל זיי ניט אַנקוקן. די גויים לויפן און די יידן לויפן זיי נאָך.

אַ שאַנדע פאַר אונזער ידיש פאָלק וואָס האָט איצט אַ גרויסע מיסיע און דאַרף זיין שטאָלץ מיט אונדזער נייער היים־לאַנד אַנשטאָט זיך באַרימען מיט „זיין ווי אַלע גויים“.

דאָס איז אַ בלעטל שיקאַגע, מיין היים־שטאָט!

אַפּאָריזמען

דער מענטש מוז זיך צאַמען — ווען זיין האַרץ איז אין פלאַמען, דאַרף דער קאָפּ זיין לויטער.

* * *

ווען דער חכם רעדט אַ סך ווערט ער אַ נאַר.

* * *

גרויס איז דער וואָס פאַרשטייט זיין חבר.

* * *

דער מענטש טאָר זיך ניט פרייען מיט זיינע געווינסן און ניט ווערן פאַרצווייפלט ווען ער האָט פאַרלוירן.

* * *

אַ מענטש שטאַרבט ניט פון הונגער נאָר פון בושה.

* * *

פרויען מוזן ליבן און ווערן געליבט; פאַרמאָגן זיי דעם טאַלאַנט, זיינען זיי תמיד יונג.

* * *

דאָס לעבן איז אַ שפּיל און ווער עס נעמט די שפּיל צו־ערנסט, דער פאַרלירט.

* * *

דער וואָס האָט טאַלאַנט, דער אַנטדעקט טאַלאַנט; טאַלאַנטלאָזע מענטשן קאָנען קיין טאַלאַנט ניט פאַרטראָגן.

* * *

טאַלאַנט איז ווי די זון וואָס שפּאַרט זיך דורך אַ שפּאַרונקע. טאַלאַנט־לאָזיקייט העלפט ניט קיין טירן און פענצטער.

* * *

לעבן אַ גרויסן מענטשן ווערט מען דערהויבן, לעבן אַ קליינעם מענטשן ווערט מען שפּל.

אַ מענטש טאָר ניט זאָגן וואָס ער ווייסט, נאָר טראַכטן וואָס ער זאָגט. זאָגן גוטע ווערטער איז שיין, רײדן קלוגע ווערטער איז גוט.

* * *

מענטשן וואָס שאַצן זיך אַליין זײנען ביים צווייטען קיין סך ניט ווערט.

* * *

דער מענטש קען דערגרייכן די העכסטע שטופע מיטן שכל און זייער אָפּט פאַלן אין טיפן אָפּגרונט דורך רוגזה.

* * *

די ליבע צום מיטמענטשן דערהויבט אונדזער געמיט; די שנאה, דערנידעריגט אונדזער פאַרשטאַנד.

* * *

אַ גביר איז ניט דער וואָס האָט געלט, נאָר דער וואָס פאַרמאָגט אַ האַרץ.

* * *

אַ פריילעך האַרץ לויבט גאָט; אַ געזונט האַרץ פרייט זיך אַליין.

* * *

טראַכט ווייניקער פון דיינע באַגאַנגענע נאַרישקייטן און היט זיך קיין אַנדערע ניט צו באַגיין.

* * *

כבוד און פערד גייען בלינד אין שפּאַן.

* * *

אַז מען זוכט ניט קיין כבוד, קריגט מען ניט קיין אומכבוד.
זייער אָפּט איז אַ וואָרט ווי אַ שיין ליד.

* * *

דער גרעסטער גליק פאַרן מענטשן איז האַלטן רואיק זיין קאָמף.

* * *

אַ מענטש קען קיינמאָל ניט געפינען וואָס ער זוכט.

* * *

האַלט אין דיינע געדאַנקען, פלי ניט מיט זיי אַרויס פאַר דער וועלט; מעגלעך אַז די וועלט איז נאָך ניט גרייט פאַר דיר.

אָריגינעלע געדאַנקען פון דענקען איז גאָר ניטאָ. דער קינסטלער מיט דער פען דערגאַנצט די אַרבעט און ברענגט זיך ווערק צו דער וועלט.

*   *   *

עס ווערט געזאָגט אַז פאַר דעם מענטשן וואָס דענקט איז די וועלט אַ קאָמעדיע. אָבער פאַרן מענטשן וואָס פילט איז די וועלט אַ טראַגעדיע.

*   *   *

דער מענטש וואָס דענקט איז דער פילאָזאָף דער קאָמפּאָנענטש. דער מענטש וואָס פילט איז דער פּאָעט דער קינסטלער און שרייבער.

דעריבער ווערן דיכטער און קינסטלער אַזוי דערשיטערט און באַ־לייִדיקט ווען זיי דערפילן דעם ביטל. דאַגעגן דער פילאָזאָף לאַכט זיך אויס דערפון. ער ווייסט די מענטשלעכע שוואַכקייטן און ווייסט די מאַ־טעריע פון וואַנען גרינגשעצונג ווערט גענומען.

*   *   *

דערצייל ניט פאַר קיינעם דיינע לײַדן, ווייל עס איז ניטאָ דער מענטש וואָס זאָל דיר העלפן דיינע צרות פאַרמיידן.

*   *   *

רעד ניט מיט קיינעם וועגן זיך אַליין ווען אויף דיין קאָפּ טראָגן אַ קרוין.

*   *   *

דער וועלט־שמערץ איז תמיד גרעסער פון דיינע לײַדן, דעריבער שווייג.

נאָך אַ ווינטער

נאָך אַ ווינטער איז געקומען
און דער שניי איז פול מיט חן.
רעגן, בלאָטע, קעלט און פראָסט —
אַלעס, אַלעס, אַלעס אַזוי שיין.

פרילינג, פרילינג,
גאָט און הימל! פרילינג
איז דאָך וואונדער שיין.
אין דעם רעגן גיין שפּאַצירן ניט אַליין.

גייסט אין דרויסן, הערבסט איז דאָ שוין.
נו, איז וואָס, אַז הערבסט איז דאָ?
פילסט אַ פרייד אין אַלע אברים,
דו פילסט די שיינקייט פון דער שעה.

איך שרייב מיין ליד און וויל זי גראַמען,
שמייכל איך צו זיך אַליין.
גיין שוין, גיי — וואָס איז דען גראַמען,
לאָמיר בעסער שפּאַצירן גיין.

נאָך אַ פרילינג

נאָך אַ פרילינג לעב איך איבער,
אַנדערש איז ער ווי אַמאָל:
פרילינג איז אין מיינע אברים,
בלומען בליען אויף באַרג און טאָל.

ווידער פרילינג איז געקומען,
בלומען זיינען אַזוי שיין.
מיין נשמה שפּראָצט מיט שפע,
ווייל איך קאָן שוין ווידער גיין.

רעגן טראָפּנס פון די ביימער,
פאַלן אויף דער ערד באַזאַכט.
אין מיין האַרץ קיין שום באַדויער:
איך בין ווידער אויפגעוואַכט.

איך וועל אייביק געדענקען דעם טאָג

איך וועל אייביק געדענקען דעם טאָג
ווען מיר האָבן זיך בײדע באַקענט
עס איז געווען שפּעט אין אָוונט
פאַר מיר ליכטיק די וועלט.

און תמיד געדענקען דיין שמייכל
וואָס האָט זיך געליכטיקט צו מיר
מיין האַרץ האָט געשפּרודלט מיט ליבע
מיט בײנקשאַפט דערוואַרטונג אויף דיר.

הערבסט איז איצט אויף דער וועלט
דער פרילינג פון לאַנג שוין פאַריבער
דו, מיין געגאַרטער ביזט דאָ —
געקומען צו מיר ביזטו ווידער.

זיי מיט מיר, זיי מיט מיר, האַרץ
עס ווילט זיך דיך קושן אַצינד
דיך דריקן צו זיך אַזוי וואַרעם
ווי אַ מאַמע איר ליבסטן קינד.

איך וועל אייביק געדענקען די שעה
דעם טאָג פון דיין קומען צו מיר
איצט איז ער לאַנג שוין פאַרשוואונדן
מיין בײנקשאַפט איז תמיד נאָך דיר.

דאָראַ שולנער — דער מענטש און שרייבער

פון שרה קאַמינסקי (מעקסיקאָ סיטי).

דאָראַ שולנער קען שיין שמועסן. דער צוהערער ווערט צוגעזאָגטן. זי פאַרכאַפּט אים מיט אינערלעכער וואַרעמקייט. זי האָט ליב צו שמועסן און דערציילן; האַלט זיך טריי ביי די רעאַלע פּאַסירונגען און אומשטענדן, ווי צו וועלן זאָגן דעם לייענער: אין מיין קינדהייט; אין מיין יוגנט געזען האָב איך דאָס לעבן אַרום אָט אַזוי האָט פּאַסירט, אַזוי האָבן מענטשן געלעבט, און אַזוי האָט דאָס לעבן זיי צוגעקוועטשט, אַזוי האָט דאָס לעבן אויסגעזען. און דווקא דערפאַר וואָס זי פּרוּוט ניט פאַרשענערן און פאַרדעקן, ווילט זיך הערן מער אייגנצעלהייטן, מער דעטאַלן. אדרבא, זאָל דאָראַ שולנער דערציילן וואָס מער פון יענעם אויסשעפּלעכן קוואַל, פון יענעם לעבן אין דעם קליינעם שטעטעלע, וואָס ווועט זיך קיינמאָל מער ניט צוריקקערן. עס וועט אַמאָל זיין פון גוואַלדיקן טייערן ווערט די קורצע נאָוועלן און בילדלעך פון אַ ווינקעלע פון יידישן לעבן, געזען און פאַרצייכנט דורך דאָראַ שולנער׳ס קילע פּען.

דאָראַ שולנער איז מוטערלעך מיוחסדיק, — אַ שטאָלצע, בראַווע מיוחסדיקייט וואָס שטראַלט אַרויס צום צוהערער מיט לעבענס וויזיע, מיט לעבענס דערפאַרונג, מיט באַאַבאַכטונגס פרייד. זי ציט זיך צום יונגן מענטשן, ווי צו וועלן העלפן אים און לייכטער מאַכן זיין וועג מיט אַ גוט וואָרט, אַ טרעפלעך בליק. אָן אויפגעבראַוזטע נעמט זי אָנטייל אין אויפברויז, אין געשאַפענעם קאָנפליקט פון יונגן מענטשן מיט זאָרגפעלטיקייט. דורכלעבן דאָס לעבן אין זיינע אַלע שאַטירונגען און נואַנסן און עס פאַרצייכענען, אָנטפּלעקן פאַרן אויג פון אַנדערע ווי אַן אויסגעפּירטע סצענע אויף דער בינע איז אין איר שטרעבונג.

זי איז דאַנקבאַר די אומשטענדן וואָס פירן זי צונויף מיט פּאַסירונגען און געשטאַלטן וואָס לעבן דאָס אינטענסיוו, פולסירנדיק און אינטערעסאַנט. קאַמף נעמט זי אויף ווי אַ געשולטער מאַטראָז דעם ברוגז פון ים.

אין איר בלוט, וואָלט איך געזאָגט, איז ניט אַזוי דאָס שרייבן, ווי דאָס אַרויסברענגען קאָנפליקט, סיטואַציע, קרייצוועגן אויף וועלכע דער מענטש, דער יונגער מענטש מיט זיינע שוואַכע מיטלען צו ווערן זיך, ווערט אַרייַנגעכאַפּט ווי אין אַ נעץ. דאַן קומט זי זיי אַנטקעגן מיט סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש. זי נעמט אַריין איינעמס שטימונג און לאָזט עס לאַנגזאַם דורך אין איר געמיט און דערנאָך לאָזט זי עס דורך דורך אירע אייגענע בלוטן, דורך איר פּען און פּאַפּיר.

אָט די פאַרזיגלונג פאָרם איז פּאַטעטיש און דער לייענער און צוהערער גלויבט איר אין איר אויפריכטיקייט. זי איז איבערצייגנד און תיכּף וועקט זיך אין אייך אַ געפיל צו זיין איר חבר און פריינט.

דאָראַ שולנער האַלט: דאָס לעבן איז אַ שיין געזאַנג, אַ הייליק געזאַנג. איינער זינגט עס מיט געפיל, אַ צווייטער זינגט עס שלעכט און פאַלש. דער עיקר, האַלט זי, איז דאָס וויסן, די פאַרשטענדעניש, דער טאַלאַנט עס אויסצוזינגען. אויף דעם, ווען די אומשטענדן באַרויבן פון אָט דער מעגלעכקייט איז איר אַ שאָד. זיינע מיסדערפאָלגן נעמט זי צום האַרצן, מאַכט זיי פאַר איר אייגן און פאַרצייכנט זיי אין אַ טאָגבוך. אפשר וועט אַ צווייטן אויך אַ שאָדן זיין און אַרויסרופן מיטגעפיל צו איר העלד און אַזוי אַרום וועט אים אַליין אויך גרינגער ווערן זיין לאַסט. ער וועט זיך ניט דערפילן אַליין. אירע אייגענע איבערלעבונגען אַנטפּלעקט זי צום לעזער, מחמת זי זוכט דעם מענטשן אין זיין סביבה. זע איר פאָרוואָרט צו איר בוך „מילטשין" און וויל דיינע ווי מיינע ליידן קוועלן און שטאַמען אַרויס פון אייביקן אורשפּרינגלעכן קוואַל, וואָס הייסט לעבן. און לעבן איז אַלזייטיק רייך אין פּאַסירונגען און קאָלאָריט. עס איז אַ רייכער, קאָלירפולער טאַנץ; מען דאַרף נאָר אונטער איר ראָד ניט צעשטויבט ווערן.

דאָראַ שולנער מאַכט ניט קיין צו גרויסן וועזן פון אירע העלדן, זי צאַפּט ניט פון אונדז קיין טרער און קוועטשט ניט אַרויס קיין זיפץ. זי גיט איבער מיט פילאָזאָפיש־געמאַכטער רואיקייט, ווי איינער וואָס איז אין אָבזערווירן געניט, און גיט זיי איבער ווי צו דערציילן וועגן זיי די יונגערע דורות, די אייניקלעך.

דאָס קליינע שטעטעלע, אירע טיפן, פאַרצייכנט זי ווי לזכרון פאַר אַנדערע — די וואָס האָבן יאָ אָדער ניט אין איר שטעטעלע געלעבט.

דאָראַ שולנער שימפּט ניט, ניט זי מוסרט, ניט זי פּריידיקט, ניט זי דערלייגט, ניט זי נעמט אַראָפּ. אָט אַזוי איז עס געווען! דאָס לעבן האָט ניט געטאָקטע, ניט מאָדעלירטע, אָט אַזוינע וואָכעדיקע, גרויע, אַסמעדיקע און קליינטשינקע אין די וואָכעדיקע, קליינטשינקע פּאַסירונגען פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, ווייל דאָס לעבן ווערט געלעבט פון מיליאָנען קליינ־טשינקע און מער מיליאָנען פּיטשינקע פּאַסירונגען, וועמענס ליידן, פריידן און געפילן זיינען גרויס עכט אין זייער ניט־צוגעפּאַסטקייט און זייער ניט־געקינצלטקייט.

און אָט די קליינטשינקע, וואָכעדיקע, שטילע מענטשלעכע לעבנס זיינען איר באַזונדערס טייער. זי גיט זיי איבער צום לייענער מיט שוועס־טערלעכער ליבע אויף אירע הענט. זי פאַרצייכנט זיי מיט היימישקייט און אַזוי ווערן זיי דעם לעזער היימיש און אייגן.

אירע פּערזאָנען לייגט זי צו דעם אַדיעקטיוו מיין — מיין רחל, מיין שטאָט, מיינע ייִדן, מיין שכן, מיין בית עולם א. אז. וו. מיין, און עס ווערט אויך דייך, און ביזט איר דאַנקבאַר.

„מיין ציג מילקע, וואָס געגאַנגען איז זי ביי מיין זייט סטאַטעטשנע און דערהויבן".

דאָראַ שולנער שימפּט ניט, ניט זי מוסרט, ניט זי פּריידיקט, ניט זי דערלייגט. ניט זי נעמט אַראָפּ. אָט אַזוי איז עס געווען! דאָס לעבן האָט אַלעמען גלייך פאַרשקלאַפּט און פאַרשוואַרצט. גאַרניט איז עס געווען צו מאַכן. אַזוי האָט מען געלעבט: ווער מיט גרויסע, ווער מיט קליינע ליידן און פריידן.

די שיינע יונגע רייזל האָט מען חתונה געמאַכט. אין טאָג פון דער חתונה האָט דער טאַטע איר איינגעטיילט טרוקענע קלעפּ.

רייזעלע האָט געוויינט, געפאַלן אויפן האַלז דער חברטע און געזוכט הילף. „וואָס איז געווען צו העלפן? אַלץ איז געווען אָפּגעטאָן".

נאָך דער חופּה איז מען איבערראַשט געוואָרן פון אַ כאָרכלען ווי פון אַ ניט־דערקוילעטן אָקס. דאָס איז רייזעלעס מאַן אַריינגעפאַלן אין שלאָף פון באַטרונקענקייט און עלטער.

אין עטלעכע שורות האָט איר אַ דראַמע. נאָר גאָר ניט איז צו מאַכן. דאָראַ שולנער האָט איר פילאָזאָפיע וואָס דאָס לעבן און די גרעניצן פון

דער קליינער שטעטעלע האָבן אויף איר אויסגעאיבט אין איר יונגער, וואַכער, טיף פאַרנעמענדער נשמה.

טייער איז איר דאָס קליינע שטעטעלע מיט אַלע אירע קליינע און פּיטשינקע מענטשעלעך און פּאַסירונגען, וואו דאָס לעבן, זאָגט זי, איז געווען אָרעם און שיין; וואו די נעכט זיינען געווען קלאָרע, באַשיינט מיט לבנה ליכט. אין אָט דער בין־השמשות, ליכטיק זיינען געווען אַפילו די נעכט און דאָס לעבן אַ געזאַנג, אויסגעזונגען און אויסגעשפּילט אויף די כלים וואָס איינער האָט נאָר געהאַט אין זיך פאַרמעגן. דאָס העכסטע גאָב אָבער איז געווען אַ ביסעלע מילך פון דער אייגענער ציג. דערפאַר האָט מען זי געהאַלטן טייער און ציטערדיק ווי אַ קינד. און ווייל דער מענטש איז געווען אַזוי נאָענט צו דער נאַטור ווי די בהמה, איז די ציג געגאַנגען סטאַטעטשנע ווי אַ מענטש.

מענטש און בהמה האָבן זיך ליב געהאַט. דער מענטש איז גוט און נאַאיוו געווען ווי די בהמה. דעריבער איז דאָס לעבן געווען אָרעם אָבער שיין.

אויף אַלעם האָט געגלאַנצט מיט לבנה שיין.

וואָס באַרימטע שרייבער האָבן געזאָגט וועגן דאָראַ שולנער'ס ערשטן בוך "אַזוי האָט עס פּאַסירט"

*

ז. שניאור (ניו יאָרק): איך האָב געלייענט אייער ביכל. וואונדערלעך. דער יידיש, פּרעכטיק געמאָלן. אַ שאָד וואָס ניט מער געמאָלן דאָס געזעענע.

פּראָפעסאָר א. א. ראָבאַק: בכלל דערמאָנט דער מאַנסבילשער צוגאַנג די זכרונות פון גליקן פון האַמעל. מער ניט וואָס אירע אומשטענדן און תקופה האָבן געהאַט אַזוי פיל מער עפּישעס. די פּשטות איז אָבער דיזעלבע.

י. י.ביילין, "פרייהייט", דעם 22טן נאָוועמבער, 1942: אַן אינטערעסאַנטער און רירנדיקער מענטשלעכער דאָקומענט. כאָטש מערסטנטיילס דרייט זיך אַלץ אַרום שטעטעלע ראַדאָמישלע, זיינען זייער פיל פּאַסירונגען כאַראַקטעריסטיש פאַר פיל אַזעלכע שטעטעלעך.

דר. ישראל שפּירא, פריערדיקער טשיף פון סעמיטישן דעפּאַרטמענט פון דער לייברערי אָף קאָנגרעס אין וואשינגטאָן: דאָס בוך געהערט צו די מעמואַרן ליטעראַטור פון יידישן לעבן אין די יידישע שטעטלעך פון אַמאָל. דאָ אַנטפּלעקן זיך שטריכן וואָס האָבן אַן אַלגעמיינעם היסטאָרישן ווערט. די בילדער גיבן אונדז אַ קלאָרע און דורכזיכטיקע פאַרשטעלונג פון יענעם יידישן לעבן וואָס איז שוין פאַרשוואונדן.

ז. טיגעל: מעמואַרן זיינען אַ וויכטיקער ביישטייער צו יעדער ליטעראַטור, אַפילו ווען זיי זיינען געשריבן פּרימיטיוו. ווער שמועסט אַז דער מעמואַרן שרייבער האָט נאָך אין זיך קינסטלערישעס אויך, ווערן די מעמואַרן טאָפּל וויכטיק און טאָפּל טייער. דאָראַ שולנער'ס בוך „אַזוי האָט עס פּאַסירט" האָט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ גוט מעמואַרן בוך און צו דעם איז עס באַהויכט מיט קינסטלערישן חן.

כאַווער־פּאַוער: דאָס וואָס איר (שולנער) שרייבט, איז זייער ווערטפול און קינסטלעריש. שרייבט וואָס מער אַזעלכע ערינערונגען. זיי האָבן אַ גרויסן ווערט. ס'וועט זיין אַ צוטראָג צו דער ליטעראַטור.

ש. מענדעלסאָן: דאָס בוך לעזט זיך זייער אינטערעסאַנט און האַלט דעם לעזער געשפּאַנט.

מאיר קאָראָנע (מעקסיקאָ סיטי): איך האָב אָנגעהייבן לייענען אייער בוך און זיך ממש ניט געקענט אָפּרייסן. ס'האָט מיך געהאַלטן אָנגעצויגן און געשפּאַנט. וואָס זאָל איך זאָגן, דאָרע — ס'איז פּרעכטיק. איר דערציילט אַזוי שיין און אַזוי נאַטירלעך, עס גליטשט זיך בילד נאָך בילד און די אויגן זעען די בילדער לעבעדיק.

„שיקאַגאָ דזשואיש קראָניקל", ה. ל. מייטעס: פרוי שולנער האָט אַ בויגזאַמען און איינפאַכן סטיל, וואָס איז צייטנווייז פאַרכאַפּנד. די ראַדאַמישלער פרויען אָרגאַניזאַציע וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די דערשיינונג פון דער אויטאָביאָגראַפיע, פאַרדינט לויב. איר וויטאַליטעט און אונטערנעמונג פון דאָראַ שולנער, וואָס איז ניי אַלס שרייבערין, האָט אַ נאַטירלעכן טאַלאַנט און אומגעהויערן ווילן צו שרייבן קורצע נאָוועלן. איר שילדערן פון פלעצער, מענער און פרויען און געשעענישן, כאָטש צייטנווייז נאַאיוו, ווייזן אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר און אַ שאַרף און דורכדרינגענד אויג.

31 מערץ, 1946

* * *

טייערע דאָראַ שולנער:

מיין חיה און איך האָבן געלייענט אייער בוך מיט גרויס פאַרגעניגן. מיר דערוואַרטן צו האָבן דעם זעלביקן תענוג אויך פון אייער פּראָיעקטירטן צווייטן בוך.

מיט פריינטלעכן גרוס,

אברהם רעגעלסאָן.

* * *

טייערע מאַמע:

דיין בוך דערוועקט אינעם לייענער אַ געפיל פון פאַרשטענדעניש. ער דערפילט די אַלטע היים־איבערלעבונגען ווי ער אַליין וואָלט דערציילט.

חנה'לע.

* * *

דאָראַ טייערע, דיין שילדערונג פון דער יוגנט איז באמת מייסטערהאַפט, מייסטערהאַפט אין סטיל, אין איינפאַכקייט, אינעם אפילו צום

מענטשלעכן חוש און צו מענטשלעכע דערינערונגען, וועלכע מיר האָבן.

איך האָב זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דעם וואָס דו זאָגסט, אַז עלטער ווערן בלויז די וואָס זיינען געווען יונג, וואָס האָבן געהאַט „יוגנט". אָך ווי אמת דאָס איז. איך האָב שטיל געוויינט, און אין וויינען געפונען אַ טרייסט, און איך בין זיכער אַז דיינע לייענער פילן דאָס זעלבע וואָס איך, און די קריטיקער, אויב זיי זיינען נאָר אויפריכטיק, — און עס איז דאָ אַזעלכע — וועלן מוזן צוגעבן אַז דו, מיט דיין איינפאַכקייט און נשמה־דיקייט, באַרייכערסט אונדזער ליטעראַטור און אונדזער לעבן בכלל.

מיט ליבשאַפט פון מיר און סערצען
צו דיר און דיינע ליבע, דיין פריינט,

איידא ליבערסאָן

* * *

דער באַקאַנטער שרייבער, ז. ב. קאַמייקא, יאָרן לאַנג אַ מיטאַרבעטער אין פאַרשידענע יידישע און יידיש־ענגלישע צייטונגען שרייבט וועגן דאָראַ שולנער'ס שאַפונגען:

„לייענט מען די שאַפונגען פון דאָראַ שולנער, באַמערקט מען אַז זי האָט מיט זיך אַ שווערן קאַמף. איר פאָעטישע נשמה, איר פילענד האַרץ, ציט איר אין גייסטיקע וועלטן, אָבער זי בלייבט שטיין פעסט אויף איר באָדן מיט די פּערזאָנען וועגן וועלכע זי שרייבט. די סביבה אין וועלכער זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער יאָרן, גייט איר נאָך אויף יעדן טריט. ווען מיר לייענען וועגן אירע געשטאַלטן, געפינען מיר זיך אויך אין דער זעלבע סביבה.

* * *

מ. גליקסבערג, סעקרעטאַר און פאַרשער פון דעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט זאָגט אין „צוקונפט" וועגן דער שרייבערין:

„דאָראַ שולנער איז אַריך אין לעבן מיט איינשטעלונג. זי געהערט צום אַגרעסיוון טיפּ. דער אינערלעכער קאַמף צווישן די דאָזיקע צוויי עלעמענטן האָבן זי אַריינגעבראַכט אין פאַרשיידענע דראַמאַטישע סיטו־אַציעס. דאָס האָט איר געגעבן די פיאיקייט צו אָבזערווירן און זי מאָלט גלענצנדע בילדער פון מענטשן".

רשימה

פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וועלכע האָבן
מיט זייערע ביישטייערונגען מעגלעך געמאַכט
די דערשיינונג פון בוך „געשטאַלטן".

נייטן און פעני דאָרפמאַן
סאל באַדין
יוסף און נחמה לימען
טאַניאַ קייגען
באָריס עבין, ווייס פרעז. פון דער
אַמאַלגאַמייטעד באַנק, שיקאַגע.
י. און טאבי גאָטפריד
הערי פרידלין
ראָבערט וועקסלער
סעמועל וויטץ
מיס יאדעל, לייברעריען פון דער
שיקאַגאָ פּאַבליק לייברערי
דר. ניקאליס פּאַקס
פערעלע פעלמאַן
חזן און פרוי שעלינסקי
חזן און פרוי קאָזלאָוו
פרידע און קארל סיידאוו
מאריס און לאה מייסאַן
נייטען און בעקי בראון
שרה און דזשייקאָב קעסקיל
ברודער לעוועטאַנסקי
מ. מ. סיגעל
דוד אַדלער
דז. בערג
בעקי שאלק
לואי און דזשעני ספעקטאָר
חנה בערקאָוויטץ
מאָריס און עטל סיגעלניק
חברה האכבערגער
רב משה און גיטל יאסנאָף
אנא מילער
בערטא יורעטץ
אייב און מינע פרידמאַן

בי. לעווענסאָן
שרה קארלין
דר. בערנאַרד און פרוי ראדין
מרים און דזשוליוס סעקס
ס. מילמאַן
חנה און נפתלי קראוועץ
רעדאַקטאָר פון „אונזער וועג"
בן־ציון און ענא לעווקאָוויטש
יוסף ראטשטיין
מאָריס און פרוי פליישמאַן
דר. זייקאָן
אַנאַ פיומעל
דאָראַ קארסען
פלאָרענס בארענשטיין
אסתר באָרענשטיין
סידע לעווין
איווע סינגער
בערטע סטענשיל
שרה סיגעלניק
דזשעני און מעקס בארענשטיין
דאָראַ דאשין, נעשוויל, טענ.
אַנאַ וויליאַמס
דוד און בעלע שאַפּיראָ
דזשעני און לואי מאטעל
דאָראַ גראָסמאַן
ראזע גינצבורג
חברה סאָל
פרידע אַלעסקער
שרה סילווער
ען דרוקער
אסתר לאזאן
האַנקע קרייסמאַן
איידאַ פאלישוק

אַנאַ און בעני בעלער
בער און יכבד עלקאַן, וויניפּעג
נחום און טשארני קענדעל
שרה שוב
איווע לעווין
רבקה מישקין
דזשעני סקווייער
פּאליע מארקוס
בעלע האַלפּערן
קאנסיל פון די לייען קרייזן
אין וויניפּעג
מ. זעלטשען, וויניפּעג
נ. וויטמאַן
פּ. סימקין און פרוי
איזידאָר און פרוי הארוויטש
ראזע און מאָריס סינגער
סאל און סילוויע שאַפּיראָ
הערי און ענעבעל שולנער
גיטל שולנער און פאַמיליע
אידא בערקאָוויטש,
מילוואָקי
היימען און בעלע קאַן, ל. א.
מעקס און דזשולי קייגען, ל. א.
טשאַרלס און סאָניע פאַזין
באַקאַנטע כלל טוער, שיקאגא

טשאַרלס טיגעל
פון פילאַדעלפיע
ראָזע װענעטיק
פון ז. ווינפער לייענקרייז, ל. א.
יוסף און סאָניע קאראבעלאָ
רפאל און שרה פאזנער, ל. א.
לאָטי מאַלעך, ל. א.
ענעלע און קארל וואַסערמאַן
ניו יאָרק
יצחק און גינע קאַץ, טוסאן, אַריז.
מר. און מרס. לעווין
בערטאָ וואַרשאַווסקי

פּרץ הירשביין לייען־קרייז
פון העמאָנד און ווהייטינג:
קייטי ליפשיטץ, טשערליידי
יעטקא קאָופמאַן, וויס טשער.
פעני אייבראהמסאָן, טרעזשורער

קאַליומעט רידזשאַן פּרויען בר.
238 ב. אַרבעטער רינג:
היימי שניידער, פּרעזידענט
קייטי ליפשיטץ, טשערליידי
עטהעל ניומאַן, פינאַנס סעקר.
יעטקא קאפמאַן, רעק. סעקר.
דזשעני שניידער, טרעזשורער

דער י. ל. פּרץ לייען־קרייז באַדאַנקט די ברידער פון מילוואָקי, מרדכי און מייק שאַפּיראָ און זייער שוועסטער ראָכצע שאַפּיראָ פאַר זייער פיינעם אָפּרוף פאַרן בוך „געשטאַלטן".

נעדי און מאָריס קאבירניק
לזכרון זייערע עלטערן
חייע פייגע און מאיר בעני

שעפּרענקאָ
און אפריים און ביילע
קאבירניק.

מיט פיל פאַרערונג הייליקן מיר
דעם נאָמען פון סידני מינטשען;
אַ ליבער מענטש און אַ גרויסער
אַרטיסט.
דאַבע און חיים אהרן שולנער
לזכרון זייערע עלטערן
רבקה און מאָטל פעלדמאַן,
שמואל און ליעסיע שולנער.
דזשייקאָב און שרה קעסקיל
לזכרון זייערע עלטערן
יעקב מאיר און הינדע וואַלדמאַן
און מיכל און טאַלצע קעסקיל
דזשעניע און מעקס בארענשטיין
לזכרון זייערע עלטערן
רבי משה יוסף און שרה איטע
פאזנער
און אברהם און מאָטל רבקה
באָרענשטיין
און זייער אומפאַרגעסלעכע
טאָכטער ברײנע.
אנא ראפאפארט
לזכרון איר מאַן משה
עלטערן וואָלף און גיטל
וואטמאַכער
און שוועסטער טויבע.
בעקי בראַן
לזכרון איר פלימעניק
בעני רעטצקאָוו
אנא מעלעף
לזכרון איר מאַן בען
און איר שוועסטער שרה
איזענבערג.
מאָטעל און רבקה פעלדמאַן

דבורה דאַבע
לזכרון אירע שוועסטער און
ברודער חנה לייב, מאיר ליזער,
הערשל און בעניע, פרומע און
רחל, מאלי רבקה, זיידע נפתלי
באבע רבקה און יענטל
גיטל שולנער, שוירלע, דאלארעס,
אידיט און סענדרע
לזכרון זייער פאָטער און מאַן
מעקס שולנער.
רחל און מאריס ווייסמאַן
לזכרון זייער זון לעסטער
הערי און מאַרי קאָן
לזכרון זייער מוטער אײדאַ
יודזשין און יאָסל לאנדאן
לזכרון זייער פאָטער מעקס
סילע שולנער
לזכרון איר מאַן יאָסל
ראכצע שאַפּיראָ
לזכרון איר מאַן ליזער
מרדכי שאַפּיראָ
מייק שאַפּיראָ
לזכרון זייערע עלטערן
בן ציון און חיה שרה
פון מילטשין
לואי און דזשעני מאטעל
לזכרון זייערע עלטערן
זלמן און שרה מארקוס
צפורה און אברהם שלמה מאטעל
בערטא סטענשיל
לזכרון איר מאַן קלמן
חוה — לזכרון איר מוטער
רבקה יאַסנאָף

בעלא האלפערין
לזכרון איר מאַן סאל
און אירע עלטערן
רב אברהם און שפרינצע פאלעי
נייטען און פענע דאַרפמאַן
לזכרון זייערע עלטערן
רב מענדל און חיה רעדלשטיין
רב אידל און דבורה דאַרפמאַן
מעקס און לילע
לזכרון זייער מוטער ריווע גיטל,
דזשענעלע און על ווינשטיין
לואי און דזשעני ספעקטאַר
לזכרון זייער אונפאַרגעסליכער
טאָכטער מערי
שרה סילווער
לזכרון איר מאַן
ישראל דב סילווער
סילוויע לואיס
לזכרון איר מאַן בארנעט
און איר טייערן זון
דר. מארווין א. לואיס
אנא קרייסמאַן
לזכרון איר מאַן יוסף
דאָס אייניקל פון מנשה
קאָלענסקער
בענע און מאַלע מייזענבערג
לזכרון זייערע עלטערן
אסתר חנה און משה מייזענבערג
ראזע און יאסעל סאַרפערס
דוד און ביילע שאַפירא
לזכרון זייערע עלטערן
רב משה לייב און פייגע
שעוועלענקע
רב וועלוועל און ליבע שאַפּירא

בערל און יכבד עלקאַן
לזכרון זייערע עלטערן
חיה שיינדעל און וועלוול עלקאַן
ניכאַמע און וואָלף לייב פערמאַן
חנה בערקאָוויץ
לזכרון איר מאַן טשאַרלע
און טאָכטע נעכע
דער דאָראַ שולנער בוך קאָמיטעט
ערט דעם אנדיינק פון בעסי
ווײַנער, די ערשטע סעקרעטאַרן
פון בוך „אזוי האָט עס פאַסירט“.
אידע יורגען
לזכרון אירע עלטערן
הערי און עטי סימקין
ביילקע בלום, ל. א.
טעוויע און עטל סאוואל
שרה פערסקי
לזכרון איר מאַן הערי.
העלען לואיס
שרה און איזידאָר קרינגעל
מאָריס און סילע מעקנען
פערעל פעדער
סעם און בעסי גאָטלין
מערי מען
פריידל סימקין
לזכרון איר מאַן שלום
ה. ליוויק לייען קרייז
חברה פאגארעלסקי, סעקרעטאַר
פאַמיליע אייזענבערג
מעדיסאָן, וויסקאנסין
ראָזע באַר, ל. א.
קלארע לואיס

אַרבעטער רינג לייען קרייז
זינדער און פרוי
חברים קאַלשינסקי
העלען פלאַטקין, ל. א.
לזכרון
שפרה ווייס
אַ געבענטשטע דיכטערין. אירע
לידער וועלן בלייבן אין דער
אייביקייט.
מיט ליבע ער איך איר
ליכטיקן אָנדענק.
דאָראַ שולנער

ראָזע סייפען
לזכרון איר מאַן מאָריס
ניו יאָרק.

נחמה און משה מעלאַן
זכריה בעקער, דיטראָיט
מנוחה גאָדמאַן
לזכרון איר מוטער
שיינדל פון ראָסין.

ליליע
לזכרון איר מוטער
איווע בראַטמאַן, ראָק אײלאַנד

סעם קיפּניס, פלאָרידע
מר. און מרס. גאָלדמאַן, פלאָרידע.
מר. און מרס. העריס און פאַמיליע
וואַשינגטאָן, די. סי.
פעני גיבינס, שיקאַגאָ
מר. און מרס. מאָריס מירעצקי
דוד קאַפּלאַן

מעסאַדע פרויען פּיאָנערן
חברה אָרליק פּרעזידענט

ראַדאָמישלער אונטערשטיצונג
פאַראיין
סעם קאָרף, פּרעזידענט
ראַדאָמישלער פרויען
אָרגאַניזאַציע
מערי קייגען, פּרעזידענטין
מאַלע קעסלער
לזכרון איר מאַן לייב

לזכרון עולם
צו יעקב און חנה דעגאַדניע
און ר״ב מייער לייב קאָזלאָוו
זייערע קינדער
חזן און מר״ס פּנחס קאָזלאָוו
עטל בערקאָוויטש,
לזכרון איר געליבטן זון
פּרייוועט מילטן קאָהען.
דזשעני ראָטענבערג
אהרן און חנה ענגעל,
באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער
פון שיקאַגע.

יעקב גודמאַן, ניו יאָרק.

ראָוז ציעסקיס, שיקאַגאָ.

ציעסקיס און פרוי, שיקאַגאָ.

אייב און מיני פרידמאַן,
לזכרון זייער געליבטן זון הערשעלע.
וועלכער איז געווען אַ לוטענאַנט
און איז געפאַלן אין קאַמף פאַר זייך
פאָלק און לאַנד.

בערטא יוריק,
לזכרון איר מאַן לואי.
סאָניע פּראַטקין, סינסינעטי.
פעני הייקין